NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07520

# IDISHE GESHIKHTE IN TOYZNT FRAGN UN ENTFERS FAR SHUL UN FOLK

Avrom Shmuel Zacher

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אידישע געשיכטע

— אין —

## 1000 פראַגן און ענטפערס

## פאַר שול און פאָלק

### פון די עלטסטע צייטן ביז אונזער צייט

לויט פראָפ. ש. דובנאָווס אידישע געשיכטע און אַנדערע קוואַלן

מיט אַן אַלזייטיקער באַשרייבונג פון דעם אידישן לעבן
אין דער איצטיקער צייט.


צוזאַמענגעשטעלט פון

**א. ש. זאַכער**

מיט דער מיטווירקונג פון

ש. דונסקי



צווייטע פארבעסערטע און פארגרעסערטע אויסגאַבע

מאָנטרעאָל, קאַנאַדע

1938 — תרצ״ט

אַלע רעכט אויף דער איבערזעצונג געהערן דעם מחבר.

Copyright 1935 by A. S. Zacher,
Montreal

Printed in Canada.

# הקדמה

דאָס דאָזיקע ביכל שטעלט מיט זיך פאָר א קאָנספעקט פון דער גאַנצער אידישער געשיכטע ביז דער לעצטער צייט און אַ קורצע באַשרייבונג פון׳ם אידישן לעבן אין דער איצטיקער צייט.

אַזאַ קאָנספעקט איז זייער נויטיק פאַר קינדער, וואָס לערנען אידישע געשיכטע פון לערן-ביכער אָדער פון די געשפּרעכן מיט זייערע לערער.

די דערפאַרונג האָט אונז געוויזן, אַז די תלמידים ווערן צעמישט פון דעם צו גרויסן מאַטעריאַל פון דער אידישער היסטאָריע, וואָס איז אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט אין פאַרלויף פון טויזנטער יאָרן, און „פון צופיל ביימער זעען זיי ניט דעם וואַלד״.

האָבנדיק אָבער פאַר זיך אַזאַ קורצן תמצית׳דיקן מאַטעריאַל פון די וויכטיקסטע געשעענישן פון דער אידישער געשיכטע אין דער פאָרם פון פראַגן און ענטפערס, וועט זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט קאָנצענטרירט ווערן אַרום דעם סאַמע נויטיקסטן.

עס איז אויך איבעריק צו דערקלערן די וויכטיקייט פאַר די אידישע קינדער צו זיין באַקאַנט מיט׳ן אַלזייטיקן אידישן לעבן היינט-צו-טאָג.

איידער „די פראַגן און ענטפערס״ ווערן גענוצט, דאַרפן די קינדער דורכלערנען דעם באַטרעפנדן מאַטעריאַל מיט דער הילף פון טעקסט-ביכער, שמועסן, מעשה׳לעך און ליטעראַטור אויסצוגן. די לערער דאַרפן זיך שטאַרק באַמיען פעסטצושטעלן פאַר די תלמידים די אורזאַכליכע שייכות׳ן צווישן די פאַרשיידענע היסטאָרישע פאַקטן און צוזאַמענהאַנג מיט די סאָציאַל-עקאָנאָמישע אומשטענדן.

כדי צו דערגרייכן דעם געווינשטן דערפאָלג, איז נויטיק צו געבן די קינדער די פאָלגנדע זעלבסטשטענדיקע אַרבעטן:

1) אָנשרייבן מיט אייגענע ווערטער געוויסע מעשה׳לעך און עפּיזאָדן, וואָס דער לערער האָט דערציילט;

2) אָנשרייבן די אורזאַכן פון געוויסע היסטאָרישע געשעענישן נאָכדעם, ווי דער לערער האָט זיי צוגעגרייט דערצו, און

3) איבערהויפּט איז זייער נוצליך, אַז די תלמידים זאָלן אַליין צוזאַמענשטעלן אַ קיצור פון דער אידישער געשיכטע לויט די פראַגן און ענטפערס פון דעם דאָזיקן ביכל. נאָך יעדן פּרק דאַרפן זיי אָנשרייבן אַ קורצן לאָגיש און בינדיק דעם אינהאַלט פון דעם אָפּגעלערנטן פּרק.

אַזעלכע קאָמפּאָזיציעס וועלן זיי צווינגען גוט דורכצושטודירן די געשיכטע און איבערצואַרבעטן דאָס געלערנטע אין זייער מח, אַזוי צו זאָגן: צו פאַרדייען דאָס געלערנטע.

איך געפין אויך פאַר ניט איבעריק צו באַמערקן, אַז דאָס דאָזיקע ביכל איז אויך זייער נוצליך פאַר דערוואַקסענע, וואָס ווילן זיך באַקענען מיט די וויכטיקסטע מאָמענטן פון אונזער געשיכטע און שאַפן זיך אַ קלאָרן בילד פון דעם אידישן לעבן אין אַלע דורות. האָפנטליך וועט דאָס אויך אַרויסרופן אין זיי אַ טיפערן אינטערעס גרינדליכער צו שטודירן אונזער געשיכטע.

די יאָרן פון די היסטאָרישע פּאַסירונגען זיינען אָנגעגעבן אין דעם ערשטן יאָרטויזנט לויט דעם חורבן בית שני, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 70 לויט דער אַלגעמיינער ציי־טרעכנונג, ווייל אין אַ אידישן לערן־בוך איז פּאַסיקער צו באַזירן די דאַטומס אויף אַ וויכטיקער געשעעניש אין דער אידישע געשיכטע אָבער כדי צו העלפן שאַפן די פאַרבינדונג צווישן די פאַקטן פון דער אידישער געשיכטע און די פאַקטן פון דער אַלגעמיינער געשיכטע, ווערן, פון דער צייט נאָכ׳ן חורבן בית שני, צוגעשטעלט אין קלאַמערן אויך די יאָרן לויט דער אַלגעמיינער צייטרעכנונג. אין דער געשיכטע פון דער נייער צייט האָב איך שוין געשטעלט די דאַטומס נאָר לויט דער אַלגעמיינער צייטרעכנונג, אום ניט צו צעמישן די תלמידים.

דער דאָזיקער קאָנספּעקט איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן לויט׳ן פּלאַן פון ש. דובנאָוו׳ס „אידישע געשיכטע פאַר שול און היים״, וואָס איז ערשינען מיט עטליכע יאָר צוריק. ווייל אויסער דעם, וואָס אַט דאָס טעקסט־בוך איז איינס פון די בעסטע לערן־ביכער פאַר אידישער געשיכטע, איז עס דאָס איינציקע טעקסט־בוך פאַר אידישע עלעמענטאַרע שולן, וואָס נעמט אַרום די גאַנצע אידישע געשיכטע פון דער אוראַלטער צייט ביז דער היינטיקער עפּאָכע.

איך דריק דאָ אויס מיין האַרציקן דאַנק צום פּרינציפּאַל פון די מאָנטרעאַלער אידישע פאָלקס־שולן, שלמה וויסמאַן, צום פּרינציפּאַל פון די מאָנטרעאַלער פּרץ שולן, י. זיפּער, און צום דיכטער י. י. סיגאַל, פאַר זייערע וויכטיקע באַמערקונגען, וואָס זיי האָבן מיר געמאַכט, לייענענדיק דעם מאַנוסקריפּט.

איבערהויפּט בין איך זייער דאַנקבאַר צו דעם געהילפס פּרינציפּאַל פון די מאָנטרעאַלער אידישע פאָלקס שולן, שמשון דונסקי, פאַר דער גרויסער הילף, וואָס ער האָט מיר געגעבן אין צוזאַמענשטעלן די דאָזיקע פראַגן און ענטפערס.

איך בעט די לערער, וואָס וועלן זיך באַנוצן מיט׳ן דאָזיקן ביכל, זיי זאָלן מיר אָנווייזן אויף די פעלערן, וואָס זיי וועלן געפינען אין אים, און זייערע מיינונגען וועגן מעגליכע אויסבעסערונגען.

אַלע בריוו דאַרפן געשיקט ווערן אויף דעם פאָלגנדן אַדרעס:

**S. ZACHER**

7087 ST. URBAIN STREET

MONTREAL — CANADA

# צו דער צווייטער אויפלאַגע

דער פאַקט, וואָס דאָס פאַרליגנדע ביכל איז אין זיין ערשטער אויפלאַגע אינגאַנצן אויספאַרקויפט געוואָרן אין אַ קורצער צייט און ס׳איז געוואָרן נויטיק אַרויסצוגעבן אַ צווייטע, איז אַ באַווייז אַז לערער האָבן עס געפונען פאַר נוציק אין זייער אַרבעט און אַז די אידישע שול האָט זיך גענויטיקט אין אַזאַ מין בוך, — אַ בוך, וואָס זאָל, דורך אָנווייזן נאָר די סאַמע וויכטיקסטע פאַקטן, פאַרלייכטערן דעם למוד פון דער אידישער געשיכטע.

צוטרעטנדיק אָבער אַרויסצוגעבן די צווייטע אויפלאַגע, האָט דער מחבר געמאַכט אינ׳ם בוך אַ צאָל וויכטיקע אויסבעסערונגען: 1) געוויסע פראַגן, וואָס זיינען ניט פון גרויסער וויכטיקייט, זיינען אָדער אינגאַנצן אַרויסגענומען, אָדער אַריינגעשטעלט געוואָרן אין די שכנות׳דיקע פראַגן, און אויף זייער אָרט זיינען צוגעשטעלט געוואָרן אַנדערע וויכטיקע פראַגן, וואָס זיינען דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעלאָזן געוואָרן.

2) פיל שנויים זיינען אַריינגעבראַכט געוואָרן אינ׳ם לעצטן קאַפיטל — „דאָס אידישע פאָלק אין אונזער צייט". די פאַקטן, וואָס ווערן איבערגעגעבן אין יענעם קאַפיטל, זיינען — צוליב זייער נאַטור אַליין — אונטערוואָרפן כסדר׳דיקע ענדערונגען. עס האָט זיך געפאָדערט נאָכצופאָלגן די שנויים אינ׳ם אידישן לעבן וואָס קומען פאָר אין די לעצטע יאָרן און זיי געבן אַן אויסדרוק אינ׳ם בוך.

3) אַ צאָל אומפינקטליכקייטן דאָ און דאָרט, הן בנוגע צו דרוק פעלערן, הן בנוגע צום אינהאַלט גופא, וואָס זיינען אין דער ערשטער אויפלאַגע דורכגעלאָזן, זיינען דאָ אויסגעבעסערט געוואָרן.

ס׳קאָן זיין, אַז אויך איצט זיינען נאָך געבליבן זאַכן אויסצובעסערן און איך וועל זיין זייער דאַנקבאַר יעדן איינעם, וואָס וועט אָנווייזן אויף די נויטיקע אויסבעסערונגען פאַר די ווייטערדיקע אויפלאַגעס.

דער מחבר

### ערשטער טייל

# די אידן אין די מזרח-לענדער

קאפיטל א.

## פון דער אורא͏לטער צייט ביז דער גרינדונג פון דער אידישער מלוכה

(פון ארום 2000 יאר ביז 1100 פאר'ן חורבן פון דעם צווייטן בית המקדש)

1. וואו האבן געלעבט די פאטערס פון דעם אידישן פאלק?

—אין כנען. (איצט ארץ ישראל). זיי האבן אהין אריינגעוואנדערט פון בבל. אין יענער צייט האבן זיי זיך גערופן עברים.

2. מיט וואס האבן זיי זיך באשעפטיקט?

—מיט פיצוכט און אמאל אויך מיט ערד ארבעט.

3. פארוואס האט דער צווייג פון די עברים, וואס האט געהייסן בני ישראל, אריינגעוואנדערט אין מצרים?

—ווייל אין כנען איז געווען א הונגער.

4. וואס האט פאסירט מיט די אידן אין מצרים?

—די מצרישע קעניגן האבן זיי געמאכט פאר קנעכט.

5. ווער האט זיי באפרייט פון דער קנעכטשאפט?

—משה רבנו. ער האט זיי ארויסגעפירט פון מצרים און האט געשאפן פון קנעכטישע שבטים א פרייע פאלק. ער איז געבליבן דער אידישער פירער ביז זיין טויט. ער האט זיין גאנצן לעבן געקעמפט פאר גערעכטיקייט און ווערט גערעכנט ביי די אידן ווי דער פאטער פון די נביאים.

6. וואו האבן די אידן געוואנדערט נאך זייער ארויסגיין פון מצרים?

—אין מדבר.

7. וואו האבן זיי געהערט, לויט דער טראדיציע, די צען געבאט?

—אויפ'ן בארג סיני.

8. וואס איז דער אינהאלט פון די צען געבאט?

—ניט דינען אפגעטער, רוען שבת, ניט מארדן, ניט גנב'ענען, ניט זאגן קיין ליגן, ניט צונעמען יענעמס פארמעגן און אפגעבן כבוד פאטער און מוטער.

9. וועלכעס לאנד האט משה איינגענומען פאר די אידן?

—דאס לאנד פון די אמורים אויפ'ן מזרח זייט פון ירדן (עבר הירדן).

10. וואו איז משה רבנו געשטארבן?

—אין עבר הירדן.

11. ווער איז געווען דער פירער פון די אידן, ווען זיי האבן איינגענומען כנען?

—יהושע בן נון, וואס האט צעשלאגן די עמלקים, ווען זיי זיינען אנגעפאלן אויף די אידן אין מדבר.

12. וואָס איז געוואָרן מיט די כנענים, נאָכדעם ווי די אידן האָבן זיך באַזעצט אין לאַנד ?

—די מערסטע פון די כנענים זיינען געוואָרן אונטערטעניק צו די אידן; אין איינציקע ערטער האָבן די כנענים געהאַט די אויבערהאַנט. ס'זיינען אויך געווען געגנטן, וואו די אידן מיט די כנענים האָבן געלעבט צווישן זיך בשלום.

13. מיט וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט די אידן אין כנען ?

—מיט ערד אַרבעט און פיצוכט.

14. זענען אַלע אידן געווען פאַראייניקט נאָך יהושע'ס טויט ?

— ניין. יעדער שבט האָט זיך געלעבט באַזונדער.

15. וואָס פאַר אַ שלעכטס איז אַרויסגעקומען פאַר די אידן איבער זייער צעריסנקייט ?

—פרעמדע פעלקער פלעגן אויף זיי אָנפאַלן, זיי באַרויבן און אונטערדריקן.

16. וואָס פלעגן די אידן טאָן, ווען זיי פלעגן ווערן באַפאַלן ?

—עטליכע שבטים פלעגן זיך פאַראייניקן אונטער דער פירערשאַפט פון אַ העלד, קעמפן מיטן שונא און זיך באַפרייען.

17. וואָס זענען אָט די העלדן געוואָרן נאָך זייער מלחמה מיט די פרעמדע פעלקער ?

—שופטים (ריכטער), פירער פון איינעם אָדער עטליכע שבטים.

18. וואָס איז געווען די אידישע רעליגיע אין דער צייט פון די שופטים ?

—פון מדבר האָבן זיי מיטגעבראַכט דעם גלויבן אינ'ם גאָט פון די אָבות; נאָר קומענדיק קיין כנען, האָבן זיי זיך אויסגעלערנט פון די כנענים צו דינען אויך צו זייערע געטער, אזוי ווי זיי האָבן זיך געלערנט פון זיי ערד אַרבעט און אַנדערע זאַכן.

---

קאַפּיטל ב.

# די פאַראייניקטע אידישע מלוכה

(1100—1000 פאַרן חורבן בית שני)

19. פאַרוואָס האָבן אַלע אידישע שבטים ענדליך באַשלאָסן זיך צו פאַראייניקן אונטער דער פירערשאַפט פון אַ קעניג ?

—ווייל די פלשתים האָבן געהאַלטן ביים איינגעמען גאַנץ כנען.

20. ווער האָט אין יענער צייט אויסגעאיבט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף די אידן, זיי זאָלן זיך אָנהויבן פילן ווי אַ פאָלק ?

—שמואל הנביא; ער פלעגט אומוואַנדערן איבערן לאַנד און אומעטום וועקן אין פאָלק נאַציאָנאַל-היסטאָרישע זכרונות און דעם גלויבן אינ'ם גאָט פון די אָבות.

21. וועמען האָט דער נביא שמואל, און נאָכדעם אויך אַ פאָלקס פאַרזאַמלונג, אויסגעקליבן פאַר'ן ערשטן קעניג פון די אידן ?

—שאול'ן, פון שבט בנימין, וואָס האָט אַרויסגעוויזן זיין גבורה, ווען ער האָט באַזיגט די עמונים.

22. מיט וועמען נאָך האָט שאול ערפאָלגרייך געקעמפט ?

—מיט די פלשתים און מיט די עמלקים, אויך מיט מואב און אדום. זיינע אַלע קאַמפן זיינען געווען פאַרטיידיגונגס מלחמות.

23. וואס איז געווען דער סוף פון שאול'ן ?
—ער איז געפאלן אין מלחמה מיט די פלשתים.
24. ווער איז געווארן קעניג ביי אידן נאך שאול'ן ?
—דוד בן ישי, פון שבט יהודה.
25. וועלכע שטאט האט דוד געמאכט פאר זיין הויפטשטאט ?
ירושלים. וואס איז געווען שטארק באפעסטיקט.
26. וואס האט דוד אויפגעטאן ?
—ער האט איינגעפירט א גרויסע ארמיי, האט באזיגט אלע שכנ'ישע פעלקער און האט געשאפן א גרויסע אידישע מלוכה.
27. ווער איז געווארן קעניג נאך דוד'ן ?
—זיין זון שלמה.
28. מיט וואס האבן זיך די אידן באשעפטיקט אין שלמה'ס צייט ?
—מיט ערד ארבעט, מלאכה און האנדל: טיילווייז אויך מיט פיצוכט.
29. מיט וואס איז שלמה געווען בארימט ?
—מיט זיין חכמה.
30. וואס האט שלמה געבויט ?
—דעם בית המקדש און אויך פאלאצן פאר זיך און פאר זיינע פיל ווייבער.
31. פארוואס איז דאס פאלק געווען אומצופרידן מיט שלמה'ס פירונג ?
—ווייל ער האט גענומען ביי זיי צו שווערע שטייערן מיט תבואה און מיט געצוואונגענער שווערער ארבעט פאר'ן קעניג.
32. וואס האט פאסירט נאך שלמה'ס טויט ?
—די אידישע מלוכה האט זיך צעטיילט אויף צוויי מלוכות: מלכות יהודה (די שבטים יהודה און בנימין) און מלכות ישראל (די איבעריקע צען שבטים, —„עשרת השבטים").

---

קאפיטל ג.

## מלכות ישראל

(1000—790 פארן ח. ב. ש.)

33. ווער איז געווען דער ערשטער קעניג פון מלכות ישראל נאך דער צעשפאלטונג פון דער אידישער מלוכה ?
ירבעם בן נבט, פון שבט אפרים (דעם גרעסטן פון די אידישע שבטים).
34. וועלכע טיילן פון לאנד זיינען ארונטער אונטער זיין הערשאפט ?
—דער צענטער און דער צפון טייל (שומרון און גליל אין מערב זייט פון ירדן און דער גאנצער מזרח טייל פון לאנד (עבר הירדן).
35. וואס האט ער געטאן אפצוציען די אידן פון דעם בית המקדש אין ירושלים ?
—ער האט געבויט צוויי טעמפלען אין דן און אין בית־אל מיט גאלדענע קעלבער אין זיי.
36. ווער האט איינגעפירט אין ארץ ישראל דעם געצנדינסט פונ'ם פיניקישן בעל ?
—איזבל, א טאכטער פונ'ם פיניקישן קעניג, וואס איז געווען די פרוי פון אחאב מלך ישראל.

37. ווי האָבן זיך דעמאָלט די אידן באַצויגן צו איזבל'ס איינפיר?

—זיי האָבן געדינט צום אידישן גאָט און אויך צום בעל.

38. ווער האָט באַקעמפט דעם בעל דינסט?

—אליהו הנביא.

39. וואָס האָט אליהו הנביא געלערנט די אידן?

—אַז זיי זאָלן דינען נאָר צום אידישן גאָט און לעבן לויט די געזעצן פון גערעכטיקייט.

40. זיינען אַלע קעניגן פון ישראל געווען פון איין פאַמיליע?

—ניין, אָפט פלעגט אַ גענעראַל טויטן דעם קעניג און ווערן מלך פון ישראל אַנשטאָט אים.

41. מיט וועלכן פאָלק האָט מלכות ישראל אָפט געפירט מלחמות?

—מיט ארם.

42. ווער האָט געזיגט אין אָט די מלחמות?

—אַמאָל ישראל און אַמאָל ארם. אָפטער האָט ארם געזיגט און האָט צוגענומען פיל שטעט פון מלכות ישראל.

43. פאַרוואָס איז געוואָרן רואיק אין מלכות ישראל אין דער צייט פון דעם קעניג ירבעם דעם צווייטן?

—ווייל אין יענער צייט איז אשור אָנגעפאַלן אויף ארם.

44. פאַרוואָס איז די אידישע מלוכה רייכער געוואָרן אין יענער צייט?

—ווייל די אידן האָבן דעמאָלט באַהערשט אַלע האַנדלס וועגן צווישן סיריע און מצרים.

45. וועלכע קלאַסן פון די אידן זיינען געוואָרן רייכער אין יענער צייט?

—די גרויסע לאַנד באַזיצער און די סוחרים.

46. ווי האָבן זיי געלעבט?

—אין גרויס לוקסוס: געוואוינט אין פאַלאַצן, געטראָגן טייערע קליידער, געגעסן רייכע מאָלצייטן און געטרונקען פיל וויין.

47. ווי איז געווען דער צושטאַנד פון די אידישע ערד אַרבעטער אין יענער צייט?

—זיי זיינען נאָך אָרימער געוואָרן. ווייל זיי האָבן געמוזט צאָלן שווערע שטייערן צו דער מלוכה און זייערע זין זיינען אָפגעריסן געוואָרן פון דער אַרבעט און צוגענומען געוואָרן אין מיליטער. אָפט האָבן זיי געמוזט לייען געלט פון די רייכע אויף גרויסע פּראָצענטן, און ווען זיי פלעגן ניט קענען אָפּגעבן דעם חוב אין צייט, פלעגט מען ביי זיי צונעמען זייערע פעלדער און אָפט אויך מאַכן זיי פאַר קנעכט.

48. וואָס פלעגן די אידישע נביאים זאָגן וועגן דעם, וואָס די רייכע דריקן די אָרימע?

—אַז אַזאַ לעבן מוז ברענגען צו אַ חורבן פונ'ם גאַנצן פאָלק.

49. וועלכע נביאים האָבן געזאָגט זייערע נביאות אין מלכות ישראל?

—עמוס, וואָס האָט הויפּטזעכליך געקעמפט קעגן דער סאָציאַלער אומגערעכטיקייט, און הושע, וואָס האָט געפּרעדיקט ליבע און גוטסקייט צווישן מענשן.

50. וואָס איז געווען דער סוף פון מלכות ישראל?

—אשור האָט איינגענומען די מלוכה פון ישראל אין יאָר 790 פאַר'ן חורבן

בית שני און האט פארטריבן די צען שבטים אין פרעמדע לענדער, און א גרויסער טייל פון זיי האט זיך אויסגעמישט מיט אנדערע פעלקער.

קאפיטל ד.

# מלכות יהודה

(1000 — 656 פארן ח.ב.ש.)

51. וועלכן טייל פון לאנד האט פארנומען מלכות יהודה?

—דעם דרום'דיקן.

52. פארוואס איז אין מלכות יהודה געווען רואיקער ווי אין מלכות ישראל?

—ווייל ערשטנס איז יהודה געלעגן ווייטער פון ארם און אשור, צווייטנס זיינען אין יהודה ניט פארגעקומען קיין רעוואלוציעס קעגן די קעניגן פון דוד'ס הויז און דריטנס איז דער געצנדינסט ניט געווען אזוי פיל פארשפרייט אין יהודה און דעריבער האבן די נביאים ניט געפירט אזא שטארקן קאמף קעגן די הערשער.

53. ווער איז אנגעפאלן אויף יהודה אין דער צייט פון רחבעמ'ען, דעם ערשטן מלך פון יהודה?

—דער קעניג פון מצרים.

54. וואס האט דעמאלט רחבעם געטאן?

—ער האט זיך אויסגעקויפט מיט א גרויסער סומע געלט.

55. ווי זיינען געווען די באציאונגען צווישן מלכות ישראל און מלכות יהודה?

—די ערשטע דריי קעניגן פון יהודה האבן געפירט מלחמות מיט מלכות ישראל נאר דער פערטער קעניג פון יהודה, יהושפט, האט געמאכט שלום מיט'ן קעניג פון ישראל.

56. פארוואס האט דער קעניג פון אשור ניט איינגענומען יהודה נאכ'ן חורבן פון מלכות ישראל?

—ווייל אחז, דער קעניג פון יהודה, האט זיך אונטערגעגעבן דעם קעניג פון אשור און האט אים געגעבן זייער פיל געלט.

57. קעגן וועלכע זינד האט גערעדט דער נביא ישעיה, וואס האט געלעבט אין יענער צייט?

—קעגן דער מאראלישער פארדארבנקייט פון די העכערע קלאסן פון יהודה, וואס לעבן אין לוקסוס פון דער פאלקס פראצע און ניט נאר שטיצן זיי ניט די ארימע, נאר זיי אונטערדריקן זיי נאך.

58. וואס האט ישעיה געזאגט וועגן דער מלוכה פון אשור?

—אז זי איז נאר א שטעקן אין גאטס האנט צו באשטראפן זינדיקע פעלקער.

59. וואס האט ישעיה געזאגט וועגן דער ווייטער צוקונפט?

—אז עס וועט קומען א צייט פון אן אייביקן פרידן אויף דער וועלט. מענשן וועלן איבערשמידן זייערע שווערדן אויף אקעראייזנס, א פאלק קעגן א פאלק וועט ניט אויפהויבן קיין שווערד און מען וועט זיך מער ניט לערנען קיין מלחמה.

60. ווער האט אפגעשאפט געצנדינסט אין יהודה, האט צעבראכן אלע מזבחות אויף די בערג (במות) און האט קאנצענטרירט דעם גאטעס־דינסט אין בית המקדש ?

—חזקיהו, דער מלך פון יהודה.

61. וואס האט חזקיהו געטאן צו באפרייען יהודה פון אשור'ס יאך ?

—ער האט באפעסטיקט די מויערן פון ירושלים, ארייגעצויגן וואסער אין שטאט דורך קאנאלן, צוגעגרייט געווער און געשלאסן א בונד מיט מצרים.

62. וואס האט סנחריב מלך אשור געפאדערט פון די אידן, ווען ער האט זיך דער־וואוסט וואס חזקיהו האט געטאן ?

—איבערצוגעבן ירושלים דעם אסירישן חיל. (ער האט דערביי צוגעגעבן, אז ער איז אנטשלאסן זיי אריבערצופירן אין אנדערע לענדער אונטער זיין הערשאפט)

63. וואס האט ישעיה דעמאלט געראטן חזקיהו'ן ?

—זיך ניט אונטערצוגעבן סנחריב'ן.

64. וואס איז געווען דער סוף פון סנחריב'ס אנפאל אויף יהודה ?

—סנחריב האט זיך אומגעקערט אהיים מיט זיין ארמיי, ווייל ס'האט אויס־געבראכן א מגפה אין זיין לאגער.

65. וואס פאר א גאטעס דינסט האט איינגעפירט מנשה מלך יהודה, חזקיהו'ס זון ?

—ער האט ווידער איינגעפירט אין יהודה געצנדינסט און דאס ברענגען קרבנות צו דעם אפגאט מולך, וואס אויף זיין אלטאר פלעגט מען פארברענען קליינע קינדער.

66. וואס האט אויפגעטאן יאשיהו, מנשה'ס זון, ווען ער איז געווען קעניג אין יהודה ?

—ער האט אויסגעראטן דעם געצנדינסט אין זיין לאנד און האט באפוילן, אז אלע אידן מוזן זיך פירן לויט די געזעצן פון דער אידישער תורה.

67. ווער האט אים געהאלפן אין אט דער רעפארם ?

—דער נביא ירמיהו.

68. וואס איז געווען דער סוף פון יאשיהו'ן ?

—ער איז דערשאסן געווארן פון עגיפטישע סאלדאטן אין א מלחמה מיט מצרים.

69. וועמען האט דער עגיפטישער קעניג געמאכט פאר א מלך אין יהודה ?

—יאשיהו'ס זון, יהויקים'ען.

70. מיט וואס האט יהויקים געצויגן אויף זיך ירמיהו'ס צארן ?

—מיט דעם, וואס ער האט פארברענט ירמיהו'ס געשריבענע נביאות, וואס ער האט געמאנט פון די אידן א סך צינזן פאר זיך און פאר'ן קעניג פון מצרים, און וואס ער האט געצוואונגען די ארימע פון פאלק צו בויען פאר אים פא־לאצן, ניט באצאלנדיק זיי פאר דער ארבעט.

71. פארוואס האט מען איין מאל געוואלט טויטן ירמיהו הנביא ?

—ווייל ער האט נביאות געזאגט, אז דער בית המקדש וועט חרוב ווערן און דאס פאלק וועט פארטריבן ווערן, איבער דעם, וואס אין לאנד הערשט אומ־גערעכטיקייט.

72. וועלכע מלוכה איז געווען די מעכטיקסטע נאכדעם, ווי אשור איז צעפאלן געווארן ?

—די מלוכה פון בבל (באבילאניע).

73. וואס פאר אן ענדערונג איז דורכדעם פארגעקומען אין מלכות יהודה?
—נבוכדנאצר, דער קעניג פון בבל, האט צעשלאגן די עגיפטער און איז גע־ווארן הערשער איבער יהודה.
74. וואס האט ירמיהו געראטן יהויקים׳ען?
—צו זיין געטריי דעם קעניג פון בבל.
75. ווי האט יהויקים געהאנדלט?
—ער האט געפאלגט דעם קעניג פון מצרים און האט געמאכט אן אויפשטאנד קעגן נבוכדנאצר׳ן.
76. וואס האט דעמאלט נבוכדנאצר געטאן?
—ער איז געקומען מיט זיין ארמיי און באלאגערט ירושלים.
77. וואס האט נבוכדנאצר געטאן, ווען יהויכין, יהוקימ׳ס זון, וואס האט דאן גע־קיניגט אין ירושלים, איז ארויסגעגאנגען צום באבילאנישן לאגער און זיך איבער־געגעבן צו אים?
—ער האט פארשיקט קיין בבל יהויכינ׳ען און די חשוב׳סטע מענטשן פון ירושלים, האט צוגענומען אלע טייערע זאכן פון יהויכינ׳ס פאלאץ און אלע גאלדענע כלים פון בית המקדש און האט געמאכט פאר א קעניג אין יהודה יהויקימ׳ס ברודער, צדקיהו׳ן, וואס האט געשווארן צו זיין אים געטריי.
78. וואס האט צדקיהו געטאן אין זיבן יאר ארום?
—ער האט זיך אויך געלאזט באווירקן פון מצרים און האט אויפגעהערט צו צאלן צינזן דעם קעניג פון בבל.
79. וואס האט נבוכדנאצר דעמאלט געטאן?
—ער האט געשיקט אן ארמיי קיין יהודה, האט איינגענומען אלע שטעט אויפ׳ן וועג צו ירושלים און האט באלאגערט ירושלים.
80. וואס פאר א נביאות האט ירמיהו געזאגט אין דער צייט פון דער באלאגערונג?
—אז גאט וועט איבערגעבן זיין שטאט אין די הענט פון דעם פיינט, ער זאל זי פארברענען, ווייל מען פארגיסט אין איר אומשולדיק בלוט און מען נעמט זיך ניט אן פאר די ארימע.
81. ווי האט געווירקט די באלאגערונג אויף די איינוואוינער פון ירושלים?
—מענטשן זיינען געשטארבן פון הונגער און פון עפידעמישע קראנקהייטן.
82. וואס איז געווען דער סוף פון אט דער מלחמה?
—די באבילאניער האבן פארברענט גאנץ ירושלים, חרוב געמאכט דעם בית המקדש און פארטריבן דעם גרעסטן טייל אידן קיין בבל.
83. וואס איז געווען דער סוף פון צדקיהו׳ן?
—פריער האט מען געשאכטן זיינע קינדער פאר אים אין די אויגן, נאכדעם האט מען אויסגעשטאכן זיינע אויגן, אים אוועקגעפירט קיין בבל און אריינ־געזעצט אין תפיסה, וואו ער איז פארבליבן ביז זיין טויט.
84. ווער איז פארבליבן אין יהודה?
—די ארימע קלאסן.
85. וועמען האט נבוכדנאצר געמאכט פאר א פירער איבער די איבערגעבליבענע אידן אין יהודה?
—גדליה בן אחיקם.

86. וואָס איז געווען דער סוף פון גדליה'ן ?
—ער איז געטויט געוואָרן פון געוועזענע אידישע אָפיצערן מיט זייערע סאָלדאַטן.
87. וואָס האָט דער נביא ירמיהו דעמאָלט געטאָן ?
—ער איז אוועק קיין מצרים מיט אַ גרופּע אידן פון יהודה און איז דאָרטן פאַרבליבן.
88. אין וועלכע לענדער האָבן זיך געבילדעט אידישע ישובים אין יענער צייט ?
—דער גרעסטער ישוב פון די אידן איז געווען אין בבל און קלענערע ישובים זיינען געווען אין מצרים און אין יהודה.

קאַפּיטל ה.

## דער לעבנס שטייגער פון די אידן ביז גלות בבל

89. וועלכע ימים־טובים האָבן די אידן געהאַט ?
—שבת, פּסח, שבועות און סוכות.
90. אין וואָס איז באַשטאַנען די וויכטיקייט פון שבת ?
—אין דעם, וואָס ניט נאָר דער בעל הבית האָט געדאַרפט רוען אין אַט דעם טאָג, נאָר אויך די קנעכט און אפילו די בהמות.
91. וואָס האָט באַטייט דער יום־טוב פּסח ?
—דער יום־טוב פון פרילינג, ווען עס ווערט צייטיק די ערשטע תבואה, און דער יום־טוב פון יציאת מצרים.
92. וואָס האָט באַטייט דער יום־טוב שבועות ?
—דער יום־טוב פון שניט, ווען מען שניידט אָפּ די ווייץ פון די פעלדער, און דער יום־טוב פון מתן תורה.
93. וואָס האָט באַטייט דער יום־טוב סוכות ?
—דער יום־טוב פון איינזאַמלען די תבואה און די פרוכטען און דער יום־טוב פוןביידלאַך (סוכות). צום אָנדענק פון די וואַנדערונגען אין דעם מדבר, ווען די אידן האָבן געוואוינט אין געצעלטן.
94. מיט וואָס האָבן זיך די אידן באַשעפטיקט ?
—אין די דערפער — מיט ערד־אַרבעט און פי־צוכט און אין די גרעסערע שטעט — מיט מלאכה און האַנדל און מיט פאַרלייען געלט אויף פּראָצענט, הגם דאָס האָט מען ניט געטאָרט לויט דער תורה. ס'איז אויך געווען אַ קלאַס פון כהנים און לויים, וואָס זיינען געווען פאַרנומען מיט גאָטעס דינסט אין די הייליקע ערטער און מיט'ן לערנען דאָס פאָלק די טראַדיציאָנעלע געזעצן. דערפאַר פלעגן זיי קריגן פון פאָלק געוויסע טיילן פון זייער תבואה און פון זייערע קרבנות.
95. ווי איז געווען די לאַגע פון דער פרוי ביי אידן ?
—געזעצליך האָט די פרוי געהערט צום מאַן. פאַקטיש אָבער איז די באַציאונג צו דער פרוי געווען זייער אַ גוטע. אויך דאָס געזעץ באַפעלט די קינדער צו רעספּעקטירן די מאַמען גלייך מיט'ן טאַטן. ס'זיינען אויך געווען פרויען נביאות און פירערנס פון פאָלק, ווי דבורה הנביאה, עתליהו המלכה. ערגער פלעגט זיין די לאַגע פון די פרויען ביי די רייכערע מענער, וואָס פלעגן האָבן צוויי ווייבער אָדער מערער.

96. וואָס פאַרא געזעצן זיינען געווען ביי אידן וועגן קנעכט?

—אַ אידישער קנעכט האָט געמוזט ארויסגיין פריי נאָך 6 יאָר ארבעטן. קיין צו שווערע אַרבעט האָט מען אים ניט געטאָרט געבן. בכלל איז דער קנעכט אָדער די דינסט געווען גערעכנט ווי אַ מיטגליד פון דער פאַמיליע. אפילו גוי'אישע קנעכט און מלחמה געפאַנגענע האָט מען געדאַרפט באַהאַנדלען מענשליך. אמאָל פלעגט אַ האָר נעמען זיין דינסט פאַר אַ ווייב אָדער זיין קנעכט פאַר אַן איידים. אַן אַנטלאָפענעם קנעכט האָט מען ניט געטאָרט איבערגעבן זיין האָר.

97. וואָס פאַר אַ רעכט האָט דער פאָטער געהאַט אויף זיינע קינדער?

—ער האָט געהאַט דאָס רעכט צו פאַרקויפן זיין טאָכטער פאַר אַ דינסט. ווער עס פלעגט חתונה האָבן מיט אַ מיידל, פלעגט דאַרפן געבן אַ געוויסע סומע געלט איהר פאָטער. דער פאָטער פלעגט האָבן די דעה אויסצוקלייבן אַ מאַן פאַר זיין טאָכטער און אַ ווייב פאַר זיין זון.

98. וואָס פאַר אַ רעכט האָבן געהאַט פרעמדע, אויסלענדער, וואָס האָבן געוואוינט אין לאַנד?

—די זעלבע בירגער רעכט ווי אַלע אידן.

99. ווי האָט מען געשטיצט די אָרימע לייט?

—די אָרימע האָבן געהאַט דאָס רעכט צו קלייבן די איינצעלנע אַראָפגעפאַלענע זאנגען (לקט) און פארגעסענע גארבן אין פעלד (שכחה). אַ ניט קיין אָפגע־שניטענעם ברעג פעלד (פאה) האָט מען געדאַרפט איבערלאָזן פאַר אָרימע לייט. אַ צענטל פון דער תבואה יעדן דריטן יאָר האָט מען געדאַרפט געבען די אָרימע (מעשר עני). די תבואה וואָס איז אויסגעוואַקסען יעדן שמיטה יאָר (דעם זיבעטן יאָר), ווען מ'טאָר ניט באַאַרבעטן די ערד, האָט מען געמוזט לאָזן פריי פאַר אַלעמען. אין יענעם שמיטה יאָר האָבן די קרעדיטאָרן געמוזט שענקען אַלע חובות, וואָס די אָרימע זיינען זיי גע־ווען שולדיק. אויב איינער האָט אויס נויט פארקויפט זיין נחלה, האָט זיינער אַ קרוב זי געדאַרפט אויסלייזן פאַר אים. אויב די נחלה איז ניט אויסגעלייזט געוואָרן, האָט זי געדאַרפט אומגעקערט ווערן צום פארקויפער אין דעם יובל־יאָר (יעדן 50־יאָר).

100. ווער זיינען געווען די ריכטער פון פאָלק?

—מערסטנס די עלטסטע פון די פאַמיליעס (זקנים), אָדער די עלטסטע און די פאָרשטייער פון שטאָט (זקני העיר). ס'זיינען אויך געווען ספּעציעלע ריכ־טער (שופטים), אמאָל פלעגן אויך משפּט'ן די כהנים, און אָפטמאָל פלעגן ארויסגעבן משפּטים די הויכע באַאַמטע (שרים) אין נאָמען פון דעם קעניג. דער העכסטער ריכטער איז געווען דער קעניג. אָבער אפילו ער האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו האַנדלען קעגן די אַנגענומענע מאָראַלישע געזעצן. ווען אַ מלך איז אמאָל באַגאַנגען אַ גרויסע זינד, האָט דער נביא אים שאַרף אויסגערעדט.

101. אין וואָס איז באַשטאַנען די רעליגיע פון די אידישע נביאים?

—אַז עס איז דאָ נאָר איין גאָט, וואָס האָט באַשאַפן אַלץ, וואָס עקזיסטירט, און פירט די וועלט מיט גערעכטיקייט. ער פאָדערט פון די מענטשן זיי

זאָלן זיין ערליך, זיי זאָלן ליב האָבן און טאָן גוטעס איינער דעם אַנדערן, און אַז דער רייכער זאָל ניט אונטערדריקן דעם אָרימאַן. ער באַשטראָפט די שלעכטע מענשן און פּעלקער און באַלוינט די גוטע.

102. אין וואָס פאַר אַ פאָרם האָט זיך דעמאָלט אויסגעדריקט דער גאָטעס־דינסט ביי אידן?

—דורך קרבנות, וואָס די כהנים פּלעגן מקריב זיין אין בית המקדש.

---

קאַפּיטל ו.

## גלות בבל (656 - 606 פ.ח.)

103. מיט וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט די אידן אין בבל?

—מיט ערד־אַרבעט, מלאכה און האַנדל.

104. ווי פלעגן זיי אָפּהיטן זייער אידישקייט?

—אין שבתים, ימים טובים און אין די נאַציאָנאַלע טרויער טעג, ווי עשרה בטבת, ווען נבכדנאצר האָט באַלאַגערט ירושלים; שבעה עשר בתמוז, ווען די מויערן פון ירושלים זיינען אויפגעבראָכן געוואָרן; תשעה באב, ווען דער בית המקדש איז פאַרברענט געוואָרן; און צום גדליה, ווען גדליה איז דער־הרג'עט געוואָרן (זע די פראַגן 79, 82, 86). פלעגן זיי זיך פאַרזאַמלען אין תפילה־הייזער, פלעגן לייענען זייערע הייליקע ביכער, זינגען קאַפּיטלער תהילים און הערן רעדעס פון זייערע לערער און פון זייערע נביאים.

105. וועלכע אידן האָבן זיך פאַראייניקט אין בבל מיט די פאַרטריבענע פון יהודה?

—פיל אידן פון ישראל, וואָס אשור האָט פאַרטריבן.

106. וועלכער נביא האָט געלעבט אין בבל?

—יחזקאל.

107. וואָס פלעגט זיין דער אינהאַלט פון זיינע נבואות?

—ווי צו לעבן לויט די געזעצן פון יושר און גערעכטיקייט; אַז גאָט שטראָפט ניט קיין זין פאַר די זינד פון זייערע פאָטערס, און ער פאַרגיט די, וואָס טוען תשובה, פאַרלאָזן זייערע שלעכטע מעשים און ווערן גוט; אַז גאָט וועט נאָך אויפלעבן דאָס אידישע פאָלק און וועט ברענגען צוריק די אידן אין זייער לאַנד.

---

קאַפּיטל ז.

## יהודה אונטער דער פערסישער הערשאַפט

(606—402 פאַרן צווייטן חורבן)

108. ווער האָט באַזיגט בבל?

—כורש מלך פרס.

109. וואָס פאַר אַ באַפעל האָט כורש דער קעניג פון פרס אַרויסגעגעבן וועגן די אידן?

—אַז די אידן, וואָס ווילן, קענען זיך אומקערן קיין יהודה און אויפבויען זייער לאַנד און דעם בית־המקדש, און די פערסישע מלוכה וועט זיי שטיצן מיט געלט.

110. וויפיל אידן האָבן זיך אומגעקערט ?

—אַרום 40,000.

111. **ווער זיינען געווען זייערע פירער ?**

—**זרובבל, א פרינץ פון בית דוד, און דער כהן גדול, יהושע בן יהוצדק.**

112. ווען האָבן זיי געטראָפן אין יהודה ?

—פּלשתים, מואבים, עמונים, די האַלב אידישע שומרונים, וואָס דער קעניג פון אשור האָט זיי באַזעצט אין שומרון, און אויך א טייל אידן.

113. וואָס האָבן די געקומענע אידן אָנגעהויבן צו טאָן אין יהודה ?

—בויען ירושלים און דעם בית־המקדש.

114. פאַרוואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט די בוי־אַרבעט ?

—**ווייל די שומרונים, ווען די אידן האָבן אָפּגעזאָגט זייער פאַרלאַנג צו בויען דעם בית המקדש צוזאַמען, האָבן געשיקט א מסירה צום קעניג פון פּרס, אז די אידן ווילן מאַכן אן אויפשטאַנד קעגן אים.**

115. ווען איז פאַרטיק געוואָרן דער צווייטער בית־המקדש ?

—אין יאָר 586 פ.ח.

116. וואָס פאַר א פרייהייט האָבן די אידן געהאַט אין יהודה ?

—נאָר רעליגיעזע פרייהייט ; פּאָליטיש איז יהודה געווען א פּראָווינץ פון פּרס.

117. **ווער זיינען געווען די אידישע פירער נאָכ'ן אויפבויען פונ'ם בית המקדש ?**

—די כהנים גדולים.

118. פאַרוואָס איז דאַן דער **גייסטיקער מצב** פון די אידן אין יהודה געווען נידעריק ?

—ווייל ווייניק אידן האָבן געקענט לייענען די תורה.

119. אויף וואָס פאַר א שפּראַך האָבן די אידן דעמאָלט גערעדט ?

—אויף אַראַמיש.

120. ווער האָט שפּעטער אויפגעהויבן זייער גייסטיקן צושטאַנד ?

—עזרא הסופר, א געלערנטער איד פון בבל, ווען דער פּערסישער קעניג האָט געגעבן פולמאַכט צו קומען אין ירושלים און שאַפן דאָרטן אָרדנונג לויט די געזעצן פון תורת משה.

121. פאַרוואָס האָט מען אים גערופן סופר ?

—ווייל ער פלעגט איבערשרייבן די ביכער פון דער תורה און זיי פאַרשפּרייטן אין פאָלק. („סופר" מיינט אין העברייאיש : א שרייבער).

122. וואָס האָט עזרא באַפוילן די אידן אויף א גרויסער פאָלקס־פאַרזאַמלונג ?

—זיך צו פירן לויט די געזעצן פון אונזער תורה און זיך צו שיידן מיט זייערע פרויען, וואָס שטאַמען אָפּ פון פרעמדע פעלקער.

123. **פון וואָס האָבן געליטן די אידן פון ירושלים אין יענער צייט ?**

—**די מויערן פון דער שטאָט זיינען געווען צעבראָכן, און באַנדעס פון פרעמדע פעלקער פלעגן אָנפאַלן און באַרויבן די אידן.**

124. ווער האָט אָנגעפירט מיט'ן בויען די מויער וואַנט אַרום ירושלים ?

נחמיה א הויכער באַאַמטער אין דעם הויף פון דעם פּערסישן קעניג, ווע־מען דער קעניג האָט באַשטימט אַלס פּחה (הערשער) אין יהודה.

125. וואָס נאָך האָט נחמיה אויפגעטאָן ?

—ער האָט באַפוילן די רייכע אידן שענקען זייערע חובות די אָרימע, באַפרייען זיי פון קנעכטשאַפט פאַר די חובות און אומקערן זיי צוריק זייערע פעלדער און הייזער, וואָס זיי האָבן צוגענומען פאַר די חובות. ער האָט אויך פאַרבאָטן צו האַנדלען אום שבת.

126. וואָס איז פאָרגעקומען אויף דער גרויסער פאָלקס־פאַרזאַמלונג, וואָס עזרא און נחמיה האָבן צונויפגערופן ?

—עזרא האָט פאָרגעלייענט די תורה און די עלטסטע פון פאָלק האָבן זיך געחתמ'עט אויף א כתב פון א שבועה, וואָס אַלע האָבן געדאַרפט געבן, אַז זיי וועלן אָפּהיטן די תורה, וואָס איז געוואָרן פון דעמאָלט אָן א מלוכה־געזעצבוך.

127. וואָס האָבן די שומרונים געטאָן אויפצוהאַלטן זייער רעליגיע ?

—זיי האָבן זיך אויפגעבויט א טעמפּל לעבן דער שטאָט שכם.

128. וואָס האָט פּאַסירט מיט די אידן אין פּערסיע אַרום יענער צייט ?

—דער נס פון פורים. (המן האָט געוואָלט אויס'הרג'ענען אַלע אידן, אָבער מיט דער הילף פון מרדכי און אסתר האָט דער קעניג אחשורוש ערלויבט די אידן זיך פאַרטיידיקן און המנ'ען האָט ער געהייסן אויפהענגען).

129. ווער זיינען געווען די סופרים ?

—די געלערנטע, וואָס פלעגן ערקלערן דעם פאָלק די תורה און פלעגן זי אויך איבערשרייבן.

130. וואָס איז געווען די כנסת הגדולה ?

—א גרויסער פאָלקס־ראַט, וואָס איז באַשטאַנען פון די סופרים מיט די „זקנים". אָט דער ראַט פלעגט באַטראַכטן די וויכטיקסטע פראַגן פון אידישן לעבן און אַרויסגעבן געזעצן.

131. וועלכע תפילות שטאַמען לויט דער טראַדיציע פון דער כנסת הגדולה ?

—„שמע ישראל" און „שמונה עשרה".

132. וואָסערע אַנדערע תקנות האָבן איינגעפירט די מענשן פון דער כנסת הגדולה ?

—(1) צו דאַווענען מיט א „מנין" פון 10 אידן אָדער מער, (2) צו לייענען אין דער תורה אין די שולן שבתים, ימים טובים און מאָנטיק און דאָנערשטיק, (3) צו לייענען „הפטרה" אין די נביאים נאָך דער תורה.

133. וועלכע שפּראַכן האָבן דעמאָלט די אידן באַנוצט ?

—גערעדט אַראַמיש און געלערנט די תורה אין העבּרעאיש.

134. וואָס פאַר א רעפאָרם האָבן די סופרים איינגעפירט אין דער אידישער שריפט?

—זיי האָבן איינגעפירט דעם „כתב אשורי", די קוואַדראַט אותיות, אַנשטאָט דער אַלטער שווערער העברעאישער שריפט.

---

## קאַפּיטל ח

# דער תנ"ך

135. וואָס מיינט תנ"ך ?

—תורה, נביאים, כתובים.

136. ווער האָט צוזאַמענגעשטעלט דעם גרעסטן טייל פון תנ״ך ?
—עזרא און די אַנדערע סופרים.
137. פאַרוואָס רופט מען די תורה: חומש ?
—ווייל זי באַשטייט פון 5 ביכער: בראשית, שמות, ויקרא, במדבר און דברים.
138. וואָס איז דער אינהאַלט פון „בראשית״ ?
—דערציילונגען וועגן דער וועלט באַשאַפונג, וועגן דעם לעבן פון די ערשטע דורות פון די מענשן ביז אברהם אבינו און וועגן דעם לעבן פון די אבות: אברהם, יצחק און יעקב מיט זייערע קינדער.
139. וואָס איז געשריבן אין „שמות״ ?
—וועגן די אידן אין מצרים און זייער באַפרייאונג, וועגן די אידן אין מדבר, וועגן דעם משכן און פאַרשיידענע געזעצן.
140. וואָס איז דער אינהאַלט פון „ויקרא״ ?
**אָנווייזונגען ווי צו פירן א הייליק לעבן: ניט צו נעמען קיין נקמה, ניט פיינט האָבן קיין מענשן אין הארצן, ליב האָבן דעם צווייטן ווי זיך אליין, אפילו א פרעמדן א. ד. ג.**
141. וואָס באַשרייבט זיך אין במדבר ?
—די וואַנדערונג פון די אידן אין מדבר און געוויסע געזעצן.
142. וואָס איז דער אינהאַלט פון דברים ?
**—פארשיידענע געזעצן, געשריבן אין דער פאָרם פון איבער׳חזר׳ונג („משנה תורה״), און משה׳ס צוואה צו די אידן.**
143. ווי רופן זיך די היסטאָרישע ביכער פון נביאים ?
—נביאים ראשונים: יהושע, שופטים, שמואל, מלכים.
144. פון וועלכער צייט ווערט דערציילט אין די נביאים ראשונים ?
—פון משה׳ס טויט ביז גלות בבל.
**145. פארוואָס הייסן אָט די היסטאָרישע ספרים מיט׳ן נאָמען „נביאים״ ?**
**—ווייל נביאים האָבן זיי געשריבן.**
**146. וואָס איז דער אינהאַלט פון די ביכער, וואָס הייסן „נביאים אחרונים״ ?**
**—די רעדעס פון 15 נביאים און א געשיכטע מיט יונה הנביא.**
**147. פון וועלכע ביכער באַשטייען די כתובים (שריפטן) ?**
—פון תהילים, משלי, איוב, דניאל, עזרא, נחמיה, דברי־הימים און די פינף מגילות: שיר השירים, רות, קוהלת, איכה און אסתר.
148. וואָס אַנטהאַלט תהילים ?
—רעליגיעזע לידער און תפילות.
149. וואָס איז דער אינהאַלט פון „משלי״ ?
—שפּריכווערטער און קלוגע עצות ווי זיך צו פירן.
150. וואָס באַשרייבט זיך אין „איוב״ ?
—ווי א גרויסער צדיק איוב האָט זייער פיל געליטן און ווי ער טענה׳ט זיך אויס און פאַדערט גערעכטיקייט פון גאָט.
151. וואָס איז דער אינהאַלט פון דניאל ?
**—וואונדער־מעשות וועגן דניאל׳ן און זיינע דריי חברים און זעאונגען וועגן דער אידישער צוקונפט.**

152. וואָס דערציילט זיך אין „עזרא" און „נחמיה" ?
—וועגן דעם, וואָס אָט דיביידע פירער האָבן אויפגעטאָן אין יהודה.
153. וואָס אַנטהאַלט דאָס בוך „דברי הימים" ?
—אַ קורצע געשיכטע פון די אידן ביז גלות בבל און איבערהויפּט וועגן די מלכי בית דוד.
154. וואָס איז דער אינהאַלט פון שיר השירים ?
—אַ זאַמלונג פון ליבע לידער.
155. **וואס איז דער אינהאַלט פון „קוהלת" ?**
—טרויעריקע געדאַנקען וועגן דער נישטיקייט פון דעם מענטשן און זיין לעבן.
156. וואָס באַשרייבט זיך אין „רות" ?
—אַ געשיכטע פון דעם אידישן לעבן אין דער צייט פון די שופטים.
157. פון וואָס באַשטייט איכה ?
—פון טרויער ל דער אויף דעם חורבן פון ירושלים און אויפ'ן גלות.
158. וואָס דערציילט זיך אין אסתר ?
—דער נס פון פורים.
159. ווי נאָך ווערן גערופן די ביכער פון תנ"ך ?
—כתבי הקדש (די הייליקע שריפטן).
160. זיינען געווען ביי אידן אויך אַנדערע ביכער וואָס זיינען ניט אריין אין תנ"ך ?
—יע, ווי „דברי הימים למלכי ישראל", „דברי הימים למלכי יהודה", „ספר הישר" און אַנדערע.

## קאַפּיטל ט

# יהודה אונטער דער גריכישער הערשאַפט

(402 - 210 פ.ח.)

161. ווער האָט אַראָפּגעוואָרפן די פּערסישע הערשאַפט אַרום 400 יאָר פאַר'ן חורבן בית שני ?
—דער גריכישער קעניג, אַלכסנדר מוקדון.
162. ווי האָט זיך אַלכסנדר מוקדון באַצויגן צו די אידן אין יהודה ?
—ער האָט זיי געגעבן די זעלבע פּריוויליגיעס פון זעלבסטפאַרוואַלטונג, וואָס די פּערסיער האָבן זיי געגעבן, און האָט זיי ניט געדריקט מיט שווערע שטייערן.
163. מיט וואָס האָבן די אידן אים אָפּגעדאַנקט ?
—זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן אַלע אינגלעך, וואָס זיינען געבאָרן געוואָרן אין יענעם יאָר, אַלכסנדר.
164. ווען האָט אַלכסנדר באַזעצט אין דער גרויסער האַנדל־שטאָט אַלכסנדריה, וואָס ער האָט געגרינדעט אין מצרים ?
—גריכן און אידן.
165. וואָס איז געוואָרן מיט אַלכסנדר'ס מלוכה נאָך זיין טויט ?
—**איין גענעראַל זיינער, תלמי (פּטאָלאָמיי), איז געוואָרן הערשער פון מצרים** און יהודה, און אַן אַנדער גענעראַל, סעלעווק, האָט פאַרנומען סיריע, קליין אַזיע און בבל.

166. ווי לאַנג האָבן די פּטאָלאָמייער געהערשט איבער יהודה?
—מער ווי הונדערט יאָר.
167. ווי האָבן די ערשטע דריי קעניגן פון די פּטאָלאָמייער באַהאַנדלט די אידן?
—זיי האָבן נאָר גענומען די שטייערן, וואָס דער כהן גדול האָט איינגעמאַנט פאַר זיי. אָבער זיי האָבן ניט געשטערט די זעלבסטפּאַרוואַלטונג פון די אידן.
168. אויף וועלכער שפּראַך האָבן גערעדט די גרויסע מאַסן אידן, וואָס האָבן גע־וואוינט אין אַלכסנדריה אין יענער צייט?
—אויף גריכיש.
169. פאַרוואָס האָט מען אין יענער צייט איבערזעצט דעם תנ״ך אויף גריכיש?
**—ווייל די אידן פון אלכסנדריה האבן שוין ניט געקענט לייענען העברעאיש.**
170. פאַרוואָס רופט מען יענע גריכישע איבערזעצונג פון תנ״ך תרגום השבעים?
—ווייל לויט דער לעגענדע האָבן 70 זקנים געשריבן די איבערזעצונג.
171. ווּעמען האָט פּטאָלאָמיי דער דריטער באַשטימט פאַר אַ שטייער זאַמלער אין יהודה?
—יוסף בן טוביה, אַ פּלימעניק פון כהן גדול חוניו.
172. וואָס פאַר אַן ענדערונג צום ערגערן אין דעם שטייער מאַנען איז פאָרגעקומען דורך דעם?
—פריער איז דאָס מאַנען שטייערן געווען אַן אַרבעט פון דער אידישער זעלבסטפּאַרוואַלטונג, איצט אָבער האָבן דאָס געוויסע אידן גענומען אין אַרענדע, האָבן זיי אויסגעפּרעסט שטייערן פון די אָרימע אידן וויפיל זיי האָבן געוואָלט. די שטייער מאַנער זיינען געוואָרן אַלץ רייכער, און די פאָלקס מאַסן אַלץ אָרימער.
173. פאַרוואָס האָט פּטאָלאָמיי דער פערטער פיינט געקראָגן די אידן?
—ווייל די כהנים האָבן אים ניט אריינגעלאָזן אין דעם הייליקסטן צימער פון בית המקדש.
174. וואָס האָט פּאַסירט, ווען ער האָט אַרויסגעלאָזן אויף אַ מאַסע אידן פון אַלכסנדריה ווילדע העלפאַנדן?
**—דער געשריי פון די אידן האָט דערשראָקן די העלפאנדן און זיי האָבן צע־טראָטן זייערע טרייבער.**
175. ווער האָט איינגענומען יהודה אין דעם יאָר 268 פ.ח.?
**—דער סירישער קעניג, אַנטיוכוס דער גרויסער.**
176. ווי איז זיך אָט דער אַנטיוכוס באַגאַנגען מיט די אידן?
—גוט. ער האָט געהייסן געבן דעם כהן גדול, שמעון הצדיק, אַ גרויסע סומע געלט פאַר׳ן בית־המקדש און האָט פאַרבעסערט די לאַגע פון די אידן אין בבל און אין סיריע.
177. ווי האָט זיך באַצויגן צו די אידן זיין זון סעלעווק דער פערטער?
—ער פלעגט אויספּרעסן זייער שווערע שטייערן פון די אידן צו באַצאָלן קאָנטריבוציע צו די רוימער.
178. ווער האָט פאַרנומען דעם טראָן אין סיריע נאָכ׳ן טויט פון סעלעווק?
—זיין ברודער אַנטיוכוס עפּיפאַן.

179. מיט וואָס האָט אַנטיוכוס געוואָלט פאַרשטאַרקן זיין מלוכה?
—מיט׳ן העלעניזירן (פאַרגריכישען) אַלע פעלקער פון זיינע מדינות.
180. וואָס פאַרא פּאַרטייען האָבן זיך געבילדעט אין יהודה אין יענער צייט?
—די העלעניסטן, וואָס פלעגן זיך פירן ווי די גריכן מיט זייערע אויסגעלאַסענע פאַרווײלונגען, און די חסידים, די פרומע, וואָס האָבן אָפּגעהיט אַלע געזעצן פון דער תורה.
181. ווער איז געווען דער פירער פון די העלעניסטן?
—יהושע, דער ברודער פון דעם כהן גדול חוניו, וואָס האָט זיך גערופן יאַזאָן אַנשטאָט יהושע.
182. פאַרוואָס האָט אַנטיוכוס עפּיפאַן געמאַכט יאַזאָנען פאַר׳ן כהן גדול?
—ווייל יאַזאָן האָט אים צוגעזאָגט צו צאָלן מער צינזן און איינפירן אין ירושלים אַ גריכישן אַרט לעבן, אויב ער וועט ווערן כהן גדול.
183. וואָס האָט יאַזאָן אויסגעבויט אין ירושלים?
—אַ „גימנאַזיע", וואו אידישע קינדער האָבן געמאַכט גימנאַסטישע איבונגען נאַקעטערהייט.
184. פאַרוואָס האָט שפּעטער אַנטיוכוס געמאַכט פאַר׳ן כהן גדול דעם העלעניסט מענעלאַי?
—ווייל ער האָט אים צוגעזאָגט צו צאָלן נאָך מער שטייערן.
185. וואָס האָט מענעלאַי געהייסן זיינע דינער טאָן?
—אָוועקשיקן צו אַנטיוכוס׳ן טייערע גאָלדענע כלים פון בית המקדש.
186. פאַרוואָס האָט מענעלאַי געלאָזט טויטן חוניו׳ן, דעם געוועזענעם כהן גדול?
—ווייל יענער האָט אים שטאַרק געזידלט פאַר דער גנבה פון די כלים פון בית־המקדש.
187. וואָס האָט אַ אידישער המון געטאָן מענעלאַי׳ס ברודער, וואָס האָט געשיקט דאָס גאָלד פון בית המקדש קיין אַנטיאָכיע?
—זיי האָבן אים געטויט.
188. וואָס האָט דעמאָלט אַנטיוכוס געטאָן?
—ער האָט געשיקט אַן אַרמיי קיין ירושלים, אויסגע׳הרג׳עט הונדערטער אידן, צוּרויבט דעם אידישן טעמפּל און באַפוילן, אַז מ׳זאָל צווינגען די אידן אָנצונעמען די גריכישע רעליגיע. און די אידן וואָס וועלן ניט דינען די גריכישע געטער, ניט עסן קיין טרפה, אָדער אָפּהיטן שבת, זאָלן געטויט ווערן.
189. וואָס האָט ער אריינגעשטעלט אין בית־המקדש?
—אַ סטאַטוע פון דעם גריכישן גאָט זעוּוס.
190. ווי האָבן זיך די אידן באַצויגן צו אַנטיוכוס׳עס גזרות?
—די העלעניסטן האָבן געפאָלגט אַנטיוכוסן, אַ סך פרומע אידן האָבן זיך געלאָזט טויטן על קידוש השם, אַ טייל פון זיי פלעגן זיך באַהאַלטן אין די היילן און אין די וועלדער און אַנדערע פלעגן לפנים דינען די גריכישע געטער און אין געהיים — דעם אידישן גאָט.
191. ווער האָט אויפגעהויבן אַן אויפשטאַנד קעגן סיריע?
—מתתיהו החשמונאי מיט זיינע פינף זין. זיי האָבן געטויט אַ סירישן באַ־

אמטן און צעשטערט דעם אלטאר פון דעם גריכישן גאט.

192. ווער איז געווען דער פירער פון אידישן אויפשטאנד נאך מתתיהו'ס טויט?

—זיין זון יהודה המכבי.

193. וואס האט יהודה המכבי געטאן נאך זיין זיג איבער די גריכן?

—ער האט פארטריבן די גריכן פון ירושלים, גערייניגט דעם בית המקדש פון די אפגעטער און האט געמאכט א יום־טוב פון חנוכת הבית (חנוכה), באַנייאונג פון גאטס הויז, 8 טעג, און אין יעדן אוונט האט מען אנגעצונדן ליכט. (239 פ. ח.).

194. אויף וואסערע באדינגונגען האט יהודה המכבי געמאכט שלום מיט די גריכן נאכ'ן קריג, וואס ער האט געפירט מיט זיי אין יאר 233 פ. ח.?

—די אידן זאלן קריגן רעליגיעזע פרייהייט, אבער פאליטיש זאלן זיי זיין אונטערטעניק דעם סירישן קעניג.

195. וואס איז געווען דער סוף פון יהודה המכבי?

—ער איז געפאלן אין שלאכט מיט די גריכן.

196. ווער איז געווען דער אידישער קריגפירער נאך יהודה'ן?

—זיין ברודער יונתן, וואס האט אויסגעווירקט מיט זיין דיפלאמאטישער געשיקטקייט, אז די סירישע הערשער זאלן אים אנערקענען אלס כהן גדול און פארשטייער פון יהודה.

197. וואס איז געווען דער סוף פון יונתנ'ען?

—ער איז געטויט געווארן אויפ'ן באפעל פון א גריכישן קריגפירער טריפאן, וואס האט אים ארייננעגארט צו זיך מיט חניפה־רייד.

198. וואס האט אויפגעטאן זיין ברודער שמעון, וועלכער איז געווארן קריגספירער נאך יונתנ'ס טויט?

—ער האט ארויסגעטריבן די סירער פון ירושלים, אפגענומען שטיקער לאנד ביי זיי און באפרייט די אידן פון דער גריכישער הערשאפט.

קאפיטל י.

# די צייט פון דער פרייער מלוכה

(133—210 פאר'ן צווייטן חורבן)

199. וואס האט געהאלפן שמעונ'ען אינגאנצן אפצושאפן די גריכישע הערשאפט איבער יהודה?

—דער קריג אין סיריע איבער'ן טראן און די באמיאונג פון יעדן צד צו שליסן א בונד מיט די חשמונאים אום צו קריגן זייער הילף קעגן דעם אנדערן צד.

200. וואס האט שמעון געטאן פאר זיין פאלק, נאכדעם ווי יהודה איז געווארן פריי?

—ער האט אויפגעלעבט ערד־ארבעט און האנדל, געבויט א האפן אין יפו, וואס ער האט צוגענומען פון די סירער, ארויסגעקראגן פון רוימישן סענאט די אנערקענונג פון יהודה'ס זעלבסטשטענדיגקייט, פארברייטערט די גרענעצן פון אידישן לאנד און צוגענומען פון די סירער די ירושלים'ער פעסטונג.

201. וואָס פאַר אַ טיטול האָט שמעון החשמונאי געקראָגן אויף אַ גרויסער פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין ירושלים ?
—כהן גדול און נשיא.

202. פאַרוואָס האָט דער סירישער קעניג אָנגעהויבן אַ נייעם קריג מיט שמעון'ען ?
—איבער דער שטאָט יפו וואָס שמעון האָט צוגענומען פון סיריע.

203. ווי אזוי איז שמעון החשמונאי געשטאָרבן ?
—זיין איידים פּטאָלאָמיי האָט איהם פאַרראַטן. ער האָט זיך פאַרבונדען מיט'ן קעניג פון סיריע, איינגעלאַדן שמעון'ען אויף אַ מאָלצייט און גע־הייסן זיינע קנעכט אים טייטן.

204. ווער איז געוואָרן דער הערשער פון יהודה נאָך שמעון'ס טויט ?
—זיין זון יוחנן הורקנוס.

205. וואָס איז געווען דער סוף פון'ם קריג, וואָס יוחנן הורקנוס האָט געפירט מיט דעם סירישן קעניג אנטיוכוס סידעט ?
—אנטיוכוס האָט חרוב געמאַכט פיל אידישע שטעט און באַלאַגערט ירושלים; יוחנן איז געווען געצוואונגען צו באַצאָלן אַנטיוכוס'ן אַ גרויסע סומע געלט, אויפרייסן די פעסטונגען פון ירושלים, אָפּגעבן די סיריער דאָס געווער פון ירושלים און אָנערקענען די סירישע אויבערהערשאַפט איבער יהודה.

206. ווען זיינען די אידן ווידער געוואָרן אינגאַנצן זעלבסטשטענדיק ?
—אין יאָר 200 פ. ח., ווען די סירישע מלוכה איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן דורך די מלחמות מיט די פּאַרטיער.

207. מיט וועמען האָט יוחנן הורקנוס געפירט עראָבערונגס־מלחמות ?
—אין עבר הירדן מיט די מואבים, אין צפון מיט די שומרונים און אין דרום מיט די אדומים.

208. ווי האָט יוחנן הורקנוס באַהאַנדלט די אדומים און די שומרונים, וואָס ער האָט באַזיגט ?
—די אדומים האָט ער געצוואונגען אָנצונעמען די אידישע רעליגיע און די שומרונים האָט ער באַשטראָפט מיט דעם, וואָס ער האָט צעשטערט זייער בית המקדש.

209. וואָס האָט יוחנן הורקנוס אויפגעטאָן ?
—ער האָט פאַרברייטערט די גרענעצן פון אידישן לאַנד אזוי ווי אין דוד'ס צייטן, האָט איינגעפירט געדונגענע סאָלדאַטן פון פרעמדע פעלקער. האָט באַנייט דעם בונד מיט די רוימער און האָט ארויסגעקראָגן פון זיי די אָנערקענונג פון זיין רעכט איבער די לענדער, וואָס ער האָט איינ־גענומען.

210. וואָס פאַר אַ וויכטיקע אינסטיטוציע איז געשאַפן געוואָרן אין דער צייט פון יוחנן הורקנוס, אָדער, ווי ער ווערט גערופען אין תלמוד, יוחנן כהן גדול ?
—דער סנהדרין, אָדער בית־דין הגדול (דאָס גרויסע געריכטס־הויז), אַ מלוכה־ראַט פון 71 מיטגלידער, וואָס פלעגט ארויסגעבן געזעצן אויפ'ן גרונט פון דער תורה און פלעגט אַנטשיידן וויכטיקע משפטים.

211. וואָס פאַרא פאַרטייען האָבן זיך געבילדעט ביי די אידן צו יענער צייט ?
—די צדוקים און די פרושים.

212. פון וועלכע קלאסן זיינען באשטאנען אט די פארטייען?
—די צדוקים — פון די העכערע קלאסן: כהנים, מיליטער פירער, הויכע באַאמטע און רייכע לייט, און די פרושים — פון די פאָלקס מאסן.
213. וואָס איז געווען די מיינונג פון די צדוקים וועגן דער אידישער מלוכה?
—אַז די אידישע מלוכה דאַרף, ווי אַלע אַנדערע מלוכות, פירן מלחמות און איינגעמען לענדער.
214. וואָס איז געווען די מיינונג פון די פרושים וועגן דער אידישער מלוכה?
—אַז זי דאַרף זיין נאָר אַ מיטל צו באַשיצן דאָס פאָלק און איינצופירן אין לעבן די געזעצן פון גערעכטיקייט, שלום און ליבע, אָבער ניט צו פירן קיין עראָבערונגס־מלחמות.
215. ווי האָבן די פרושים און די צדוקים אויסגעטייטשט די געזעצן פון דער תורה?
—די צדוקים האָבן זיי אויסגעטייטשט ווערטערליך, און די פרושים — לויט דעם גייסט פון דער תורה.
216. ווי האָבן די צדוקים און די פרושים ערקלערט דעם געזעץ „עין תחת עין" פון דער תורה?
—די צדוקים: אַן אויג פאַר אַן אויג. (ווען איינער שלאָגט אויס ביי אַ צווייטן אַן אויג, דאַרף מען זיין אויג אויסשלאָגן). און די פרושים: געלט־אָפּצאָל פאַר אַן (אויסגעשלאָגן) אויג.
217. ווי האָבן זיך אַט די פאַרטייען באַצויגן צו דער תורה שבעל פה (די געזעצן, וואָס זיינען ניט אַריין אין חומש־תורה שבכתב)?
—די צדוקים האָבן אַט די מינדליכע תורה אינגאַנצן ניט אַנערקענט, און די פרושים האָבן געהאַלטן, אַז מ'מוז אָפּהיטן אַלע דינים און תקנות פון דער תורה שבעל פה, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן צוצופּאַסן די תורה צו די נייע באַדינגונגען פון לעבן און אָפּצוזונדערן די אידן פון אַנדערע פעלקער.
218. פאַרוואָס האָבן די פרושים אַזוי פיל שטודירט די תורה?
—כדי זיי זאָלן קענען געפינען אין איר אָנווייזונגען פון געזעצן פאַר אַלערליי פאַלן אין פאַרשיידענע באַדינגונגען פון לעבן.
219. וואָס איז געווען דער אונטערשייד צווישן די פרושים און די צדוקים אין די רעליגיעזע גלויבונגען?
—די פרושים האָבן געגלויבט אין השגחה, אַז אַלץ וואָס עס טרעפט מיט די מענשן, איז באַשערט פון גאָט. זיי האָבן אויך געגלויבט אין מלאכים (גוטע און שלעכטע), אין עולם הבא (גן עדן פאַר צדיקים און גיהנום פאַר רשעים אויף יענער וועלט) און אין תחית המתים (אַז די טויטע וועלן ווערן לעבעדיק) און די צדוקים האָבן ניט געגלויבט אין אַט די אַלע זאַכן.
220. וואָס זיינען געווען די איסיים?
—אַ ברודערשאַפט פון טיף־רעליגיעזע מענשן, וואָס האָבן געלעבט אין דערפער קאָמוניסטיש, געטיילט צווישן זיך אויף גלייך זייער פאַרמעגן. געגעסן בלויז ברויט מיט גרינסן און ניט געטרונקען קיין וויין. די מערסטע פון זיי האָבן ניט חתונה געהאַט.
221. מיט וואָס האָבן זיי זיך דערהויבן פון דעם אידישן גייסט?
—מיט דעם, וואָס זיי זיינען געווען צו עקסטרים אין זייער אַסקעטישן לעבן.

.222 מיט וועלכער פארטיי האט געהאלטן יוחנן הורקנוס?
—פריהער האט ער געהאלטן מיט די פרושים אין דעם רעליגיעזן לעבן און מיט די צדוקים אין דעם פאליטישן לעבן, אבער שפעטער, ווען די פרושים זיינען ניט געווען צופרידן מיט זיין מלוכה־פירונג און האבן אים אמאל באליידיקט, איז ער אינגאנצן אריבער צו די צדוקים.
.223 ווער פון די חשמונאים האט אנגענומען דעם טיטל מלך?
—יוחנן הורקנוס'עס זון, יהודה אריסטאבול, וואס האט געהערשט נאך זיין פאטער נאר איין יאר (174 פ.ח.).
.224 וואס האט יהודה אריסטאבול אויפגעטאן?
—ער האט באזיגט אן אראבישן שבט אין גליל, און האט אים געצוואונגען אנצונעמען דעם אידישען גלויבן.
.225 ווער איז געווען זיין נאכפאלגער?
—זיין ברודער אלכסנדר ינאי (146־173 פ.ח.)
.226 פארוואס זיינען די פרושים געווען קעגן אים?
—ווייל ער האט געהאלטן מיט די צדוקים און ווייל ער האט געפירט צו פיל עראבערונגס־מלחמות מיט די סירער און אראבער.
.227 ווי האט זיך אנגעהויבן דער קאמף פון די פאלקס־מאסן קעגן אים?
—אמאל, אין דעם יום טוב סוכות, ווען ער האט אלס כהן גדול געפירט דעם גאטעס דינסט אין בית המקדש, האט ער ניט געגאסן דאס וואסער אויפ'ן מזבח לויט'ן מנהג פון די פרושים. האט דער המון אים פארווארפן מיט אתרוגים. דאן איז אויסגעבראכן א בירגער קריג, וואס האט אנגעהאלטן 6 יאר און אומגעבראכט ארום 50.000 אידן.
קינדער.
.228 ווי האט ער זיך אפגערעכנט מיט די פרושים?
—700 פון זיי האט ער געקרייציקט און אויסגעקוילעט זייערע ווייבער און קינדער.
.229 ווער האט געקיניגט נאך אלכסנדר'ן?
—זיין ווייב אלכסנדרה (146־137 פ. ח.).
.230 וואס פאר א וויכטיקע ענדערונג איז דאן פארגעקומען אין דער רעגירונג?
—דאס וואס די כהונה גדולה איז אפגעטיילט געווארן פון דער קעניגליכער ממשלה, ווייל א פרוי קען דאך ניט האבן דעם אמט פון כהונה גדולה.
.231 וועלכע פארטיי האט פארנומען דעם סנהדרין אין שלומית אלכסנדרה'ס צייט?
—די פרושים.
.232 ווי איז געווען דער צושטאנד פון די אידן אין יענער צייט?
—גוט. ס'איז געווען א צייט פון פרידן און גייסטיקן שאפן, ווייל קיין מלחמות זיינען דעמאלט ניט געפירט געווארן.
.233 ווער איז געווען דער נשיא אין סנהדרין אין יענער צייט?
—שמעון בן שטח.
.234 וואס פארא וויכטיקע תקנות האט שמעון בן שטח איינגעפירט?
—(1) די כתובה, א שריפטליכער אפמאך, לויט וועלכן דער מאן פארפליכטעט זיך אפצוצאלן זיין ווייב א באשטימטע סומע געלט, ווען זי בלייבט א

גרושה אָדער אַן אַלמנה ; (2) אַלגעמיינע שול בילדונג, שולן פאַר אַלע אידישע קינדער.

235. וואָס איז פּאַרגעקומען נאָך שלומית'עס טויט ?

—אַ ברודער קריג צווישען אירע זין הורקנוס און אַריסטאָבול איבער'ן טראָן.

236. מיט וועלכע פּאַרטייען האָבן אָט די ברידער געהאַלטן ?

—הורקנוס, דער עלטערער, וואָס איז געווען כהן גדול, האָט געהאַלטן מיט די פּרושים, און אַריסטאָבול, וואָס איז געווען אַ מיליטערישער פירער, איז געווען אויף דער זייט פון די צדוקים, וואָס זיינען געווען שטאַרק אין דער אַרמיי.

237. אויף וואָס פאַר אַן אָפּמאַך האָבן זיי געמאַכט שלום ?

—אַז אַריסטאָבול זאָל ווערן מלך און הורקנוס — כהן גדול.

238. פאַרוואָס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ מלחמה צווישן די ברידער ?

—ווייל אַנטיפּאַטער, אַן אדומישער מיליטערישער קאָמאַנדיר, האָט איינגערעדט הורקנוס'ן אָפּצונעמען די מאַכט ביי זיין ברודער מיט דער הילף פון דעם אַראַבישן קעניג. אַנטיפּאַטער האָט געוואָלט אויסנוצן די שוואַכקייט פון הורקנוס'עס כאַראַקטער, כדי אַליין צו ווערן דער רעגירער.

239. וואו איז פּאַרגעקומען דער קאַמף ?

—אַריסטאָבול מיט זיינע אָנהענגער האָבן זיך באַפעסטיקט אויף דעם הר הבית ביים בית־המקדש און די אַראַבער מיט הורקנוס'עם לייט האָבן זיי באַלאַגערט.

240. וואָס האָט אויסגערופן דער צדיק חוניו, ווען הורקנוס האָט פון אים געפאָדערט ער זאָל אויסבעטן ביי גאָט אַ מפלה אויף אַריסטאָבול'ן ?

—„אָ, גאָט, אי די באַלאַגערער, אי די באַלאַגערטע זיינען דאָך דיינע קינדער. בעט איך דיך, דו זאָלסט ניט טאָן, וואָס זיי ווינשן איינע די אַנדערע''.

241. וואָס האָט מען געטאָן חוניו'ן פאַר זיין תפלה ?

—מען האָט אים פאַרשטיינט.

242. וואָס איז געווען דער סוף פון אָט דעם ברודער־קריג ?

—ביידע ברידער זיינען געקומען צום רוימישן קריגספירער, פּאָמפּיי, און האָבן אים געבעטן, ער זאָל אָנטשיידן צווישען זיי. האָט פּאָמפּיי פאַר־נומען יהודה, באַפוילן, אַז הורקנוס זאָל זיין כהן גדול און נשיא, און אַריסטאָבול'ן אַוועקגעפירט קיין רוים אַלס אַ געפאַנגענעם.

243. ווען האָט דאָס פּאַסירט ?

—133 פאַר'ן חורבן (אַרום 2000 יאָר פאַר אונזער צייט).

---

קאַפּיטל יא.

# יהודה אונטער דער רוימישער הערשאַפט

(פון דעם יאָר 133 פאַר'ן חורבן ביז דעם חורבן בית שני)

244. ווער האָט געהאָלפן הורקנוס'ן פירן די פּאָליטישע ענינים ?

—אַנטיפּאַטער, דער האַלב אידישער אדומי.

245. וועמעס אינטערעסן האט אנטיפאטער געדינט ?

—די רוימישע, כדי די רוימער זאלן אים מאכן פאר'ן הערשער אין יהודה, און דעריבער האט ער פיל מאל אפגעטאן זאכן, וואס זיינען געווען שעדליך פאר די אידן.

246. ווער האט געמאכט אנטיפאטערן פאר א משגיח אויף דער פארוואלטונג פון יהודה און אויך און די הורקנוס'ן אליין ?

—דער רוימישער קעניג, יוליוס צעזאר, ווייל אנטיפאטער האט אים געהאלפן מיט חיל אין זיינע מלחמות.

247. וועמען האט אנטיפאטער געמאכט פאר'ן פארוואלטער אין גליל ?

—זיין ענערגישן זון הורדוס'ן.

248. וואס פאר א באוועגונג איז דעמאלט אויפגעשטאנען צווישן די אידן פון גליל ?

—די באוועגונג פון די קנאים, אידישע פאטריאטן, וואס האבן אגיטירט צו באפרייען יהודה פון די רוימער דורך קאמף.

249. וואס האט הורדוס געטאן אט די קנאים ?

—ער האט באפוילן א סך פון זיי צו טויטן, צווישן זיי זייער פירער, חזקיהו הגלילי.

250. ווער האט גע'משפט הורדוס'ן דערפאר, וואס ער האט געטויט אידן אן א געריכט ?

—דער סנהדרין.

251. האט אים דער סנהדרין פאר'משפט ?

—ניין, זיי האבן מורא געהאט פאר הורדוס'ן, וואס איז געשטאנען פאר זיי ארומגערינגלט מיט זיינע סאלדאטן, און האבן אים געלאזט פריי אוועקגיין.

252. וואס האט שמעיה (איינער פון די פרושים) דעמאלט געזאגט צו דעם סנהדרין?

—,,דערפאר וואס איר האט מורא געהאט ארויסצוגעבן א ריכטיקן משפט, וועט קומען א טאג, ווען הורדוס וועט אייך אלעמען פאר'משפט'ן צום טויט".

253. צו וואס האט הורדוס געשטרעבט ?

—צו ווערן א מלך אין יהודה.

254. ווער האט אים געשטערט צו דערגרייכן זיין ציל ?

—אריסטאבולס זון, אנטיגאן, נאכדעם ווי זיין פאטער איז געשטארבן אין רוים.

255. וואס האט זיין זון אנטיגאן געטאן ?

—ער האט ארגאניזירט אן ארמיי פון זיינע אנהענגער, האט פארטריבן הורדוס'ן פון ירושלים און האט געקיניגט אין יהודה פיר יאר.

256. וואס האבן די רוימער געטאן נאך די פיר יאר ?

—זיי האבן איינגענומען ירושלים, געטויט אנטיגאנען און דערקלערט הורדוס'ן פאר'ן מלך פון יהודה.

257. וואס האט הורדוס געטאן, ווען ער איז געווארן קיניג ?

—ער האט פאנאנדערגעלאזט דעם סנהדרין, האט געלאזט טויטן 45 חשוב'ע אידן, וואס זיינען געווען אנהענגער פון אנטיגאנען און האט אנגעהויבן צו פארפאלגן די חשמונאים פאמיליע און אלע אנהענגער פון דער חשמונאים־פארטיי.

258. פארוואס האט הורדוס חתונה געהאט מיט מרים'ען, וואס איז געווען פון דער חשמונאים פאמיליע ?
—כדי מ'זאל אים האלטן פאר'ן געזעצליכן יורש פון די חשמונאים.

259. וועמען פון די חשמונאים פאמיליע האט הורדוס געלאזט טויטן אויס מורא פאר אן אויפשטאנד ?
—דעם אלטן הורקנוס, דעם געוועזענעם כהן גדול און נשיא; זיין טאכטער אלכסנדרה, די מוטער פון הורדוס'עס פרוי מרים; אריסטאבולן, מרים'ס ברודער, וועמען ער האט פריער געמאכט פאר א כהן גדול; און ענדליך אויך זיין אייגן ווייב מרים'ען מיט אירע צוויי זין, וואס זי האט געבוירן פון אים.

260. וואס האט הורדוס געטאן צוציען צו זיך די אידן ?
—ער האט איבערגעבויט דעם בית־המקדש און אויסגעפוצט אים מיט גאלד און מירמלשטיין.

261. וואס פאר גריכישע און רוימישע מנהגים האט הורדוס איינגעפירט אין יהודה?
—ער האט אויסגעבויט טעאטערס און צירקן אין ירושלים, וואו מ'האט זיך פארנומען מיט די גריכישע שפילן און מיט ראנגלערייען מיט ווילדע חיות. אזוי ווי אין רוים.

262. ווי לאנג האט הורדוס געקיניגט ?
—33 יאר, פון 107 ביז 74 יאר פאר'ן חורבן.

263. ווער האט געהערשט אין יהודה נאך הורדוס'ן ?
—א קורצע צייט האט געהערשט זיין זון, שפעטער די רוימישע באאמטע (פראקוראטארן).

264. ווי האבן די רוימישע באאמטע באהאנדלט די אידן ?
—זיי האבן געמאנט ביי זיי זייער שווערע שטייערן.

265. ווער האט ווידער געקראגן דעם טיטול מלך פון יהודה ?
—אגריפא דער ערשטער, הורדוס'עס אן אייניקל, וואס האט זיך געהאדעוועט אין רוים און האט געהאט פריינט אין קיסר'ס הויף. (30־26 פ.ח.)

266. מיט וואס האט ער זיך אונטערשיידט פון זיין זיידן הורדוס'ן ?
—מיט דעם, וואס ער האט אלס קעניג נאר געזוכט די טובה פון זיין פאלק.

267. מיט וועלכער אידישער פארטיי האט ער געהאלטן ?
—מיט די פרושים.

268. וואס פאר א סכנה איז געהאנגען איבער די אידן אין אנהויב פון זיין הערשאפט ?
—דער האלב־משוגע'נער רוימישער קיסר, קאליגולא, האט געפאדערט פון די אידן אריינצושטעלן זיין סטאטוע אין בית המקדש און זיך בוקן צו אים, און אויב זיי וועלן עס ניט טאן, וועט ער זיי שטרענג באשטראפן. צום גליק איז קאליגולא געשטארבן, און די אידן זיינען באפרייט געווארן פון דער גזרה.

269. ווער האט געהערשט אין יהודה נאך אגריפאס טויט ?
—די רוימישע פראקוראטארן (הויכע באאמטע).

270. מיט וואס האט פלארוס, דער רוימישער פארוואלטער, אויפגערייצט די אידן ?
—ער האט געפאדערט פון די אידן 17 טאלענט גאלד (ארום 212 טויזנט

דאָלער) פון די אוצרות פון בית־המקדש (חוץ די געוויינליכע צינזן, וואָס זיי האָבן אים געצאָלט), און אַז מען האָט אים דאָס ניט געגעבן, האָט ער געשיקט זיינע זעלנער צו באַראַבעווען די אידישע הייזער.

271. וואָס האָבן די אידן געטאָן?

—זיי האָבן געמאַכט אַן אויפשטאַנד קעגן רוים און אַרויסגעטריבן די רוימער פון ירושלים.

272. ווער האָט גערופן דאָס פאָלק צו אַן אַנטגילטיקן קאַמף מיט די רוימער?

—די קנאים (זעלאָטן).

273. וואָס האָט דעמאָלט דער סנהדרין געטאָן?

—ער האָט געשאַפן אַ צייטווייליקע רעגירונג, וואָס האָט אָרגאַניזירט אַן אַרמיי, אַנגעשטעלט קריגס־פירער און געבויט נייע פעסטונגען אַרום די שטעט פון יהודה, איבערהויפּט אַרום ירושלים.

274. וואו האָט מען צוערשט קאָנצענטרירט די אידישע אַרמיי?

—אין גליל, אונטער דער פירערשאַפט פון יוסף בן מתתיהו (שפּעטער: יוסיפוס פלאַוויוס).

275. וואָס איז געווען דער סוף פון דעם קאַמף אין גליל?

—די אידן האָבן זיך העלדיש פאַרטיידיקט, אָבער די רוימער זיינען געווען פיל מער, האָבן זיי איינגענומען דעם גאַנצן גליל און יוסיפוס האָט זיך אַליין איבערגעגעבן אין דעם שונא׳ס הענט.

276. ווער האָט געפירט די רוימישע אַרמיי אויף ירושלים?

—טיטוס, דער זון פון דעם קריגס־פירער אין גליל, וועספּאַסיאַן, וואָס איז שוין דעמאָלט געוואָרן קיסר אין רוים.

277. ווער האָט אָנגעפירט דעם קאַמף אין ירושלים אין יענער צייט?

—די פירער פון די קנאים, יוחנן פון גליל און שמעון בר גיורא.

278. וואָס האָט אַפּגעשוואַכט די אידן אין זייער קאַמף מיט די רוימער?

—די באַלאַגערונג פון די רוימער אַרום ירושלים אין פאַרלויף פון עטליכע חדשים האָט געבראַכט אַ שרעקליכן הונגער אין שטאָט. מענשן זיינען געפאַלן אין די גאַסן טויט פון הונגער און האָבן פאַרפעסטעט די לופט.

279. וואָס איז געווען דער סוף פון אָט דער מלחמה?

—די רוימער האָבן זיך אַריינגעריסן אין ירושלים, האָבן פאַרברענט דעם בית המקדש, אויסגע׳הרג׳עט צענדליקער טויזנטער אידן, זייער פיל אידן פאַרקויפט פאַר קנעכט און די אידישע העלדן האָט מען געלאָזן צעריסן ווערן פון חיות אין די צירקן פון רוים.

280. וואָס איז געוואָרן פון יהודה?

—אַ קליינע רוימישע פּראָווינץ.

(באַמערקונג: אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען וועלן די דאַטומס פון די היס־טאָרישע געשעענישן באַצייכנט ווערן ניט נאָר לויט דעם חורבן בית שני, נאָר אויך לויט דער אַלגעמיינער (קריסטליכער) צייטרעכנונג אין האַלבע רינגעלעך. יעדע צאָל יאָרן, וואָס נאָך איר וועלן ניט שטיין די אותיות נ.ח., וועט מיינען לויט דער אַלגעמיינער צייטרעכנונג).

# דאָס לעבן פון די אידן אין דער צייט פון דער רוימישער הער־שאַפט ביז׳ן אונטערגאַנג פון׳ם אידישן צענטער אין ארץ ישראל

281. ווער איז געווען דער גייסטיקער פירער פון די אידן אין דער צייט פון הורדוס׳ן?
—הלל הנשיא.

282. וואָס האָט הלל אויפגעטאָן אין דער אידישער געזעצגעבונג?
—ער האָט געשאַפן כללים, ווי אזוי ארויסצודרינגען פון חומש די נויטיקע נייע געזעצן פאַר די נייע באַדינגונגען פון לעבן.

283. וואָס פאַר א וויכטיקע תקנה אין עקאָנאָמישן לעבן האָט הלל איינגעפירט?
—דעם פרוזבול (אויב דער מלוה גיט איבער זיין חוב צום בית דין איינצו־מאָנען, זאָל דער חוב ניט ווערן געשאַנקען אין דעם שמיטה יאָר, כדי מ׳זאָל ניט אויפהערן לייען געלט איינער דעם אנדערן.

284. וואָס איז לויט הלל׳ן דער עיקר פון אונזער תורה?
—טו ניט דעם צווייטן דאָס, וואָס דו ווילסט ניט, אַז יענער זאָל דיר טאָן.

285. ווער איז געווען הלל׳ס געגנער אין פיל דינים?
—שמאי.

286. וואָס איז געווען דער הויפּט אונטערשייד צווישן בית הלל (הלל׳ס נאָכפאָלגער) און בית שמאי (שמאי׳ס נאָכפאָלגער)?
—בית הלל פלעגט גרינגער מאַכן די געזעצן פאַר די אידן און בית שמאי פלעגט זיי שווערער מאַכן.

287. פאַרוואָס האָט פּילאַטוס, דער רוימישער פּראָקוראַטאָר, געקרייציגט ישו הנוצרי אין יענער צייט?
—ווייל ישו הנוצרי האָט זיך געהאַלטן פאַר א משיח, און דעריבער האָבן אים די רוימער דערקלערט פאַר א מורד במלכות.

288. וואו האָבן זיך געפונען אידישע ישובים אויסער יהודה, אין דער צייט פון דער רוימישער הערשאַפט?
—אין אלכסנדריה פון מצרים, אין דער סירישער אנטיוכיה, אין רוים, אין גריכלאַנד און אין קליין אזיע (א גרויסער אידישער ישוב איז אויך געווען אין בבל, וואו די רוימער האָבן ניט געהערשט).

289. ווי האָבן די אידן פון גלות געלעבט אונטער דער הערשאַפט פון די רוימער?
—זיי האָבן געבילדעט אין די אַלע לענדער פרייע אידישע קהילות מיט א שטאַרקער זעלבסטפאַרוואַלטונג (אויטאָנאָמיע) און האָבן געלעבט לויט זייערע אייגענע געזעצן און מנהגים.

290. וואָס איז געווען די הויפּט אורזאַך פון דער שנאה פון די גריכן צו די אידן אין אלכסנדריה?
—די האַנדלס קאָנקורענץ.

291. ווער איז געשטאַנען בראש פון דער דעלעגאַציע, וואָס איז געפאָרן קיין רוים זיך צו באַקלאָגן אויפ׳ן פּאָגראָם, וואָס די גריכן האָבן געמאַכט אויף די אידן אין אלכסנדריה?
—דער גרויסער אידישער פילאָזאָף, פילון פון אלכסנדריה (ידידיה האלכסנדרוני)

292. צו וואָס פאַר אַ ציל האָט ער געשטרעבט מיט זיינע ווערק ?

—צו פאַראייניקן די אידישע תורה מיט די געדאַנקען פון די גריכישע פילאָזאָפן.

293. ווי רופט זיך אָן די ליטעראַטור פון די אידן, וואָס איז געשריבן געוואָרן פאַר'ן צווייטן חורבן און איז ניט אריינגענומען געוואָרן אין תנ"ך ?

—כתובים אחרונים, אָדער ספרים חיצונים (אין גריכיש: אַפּאָקריפן).

294. אין וועלכער שפראַך איז אָט די ליטעראַטור געשריבן געוואָרן .

—אין העברעאיש, אין גריכיש און אין אַראַמעאיש.

295. פון וואָס באַשטייט אָט די ליטעראַטור ?

—פון רעליגיעזער פּאָעזיע, שפּריכווערטער, נביאות, לעגענדעס און פון געשיכטליכע ביכער.

296. וועלכע ווערק זיינען די וויכטיקסטע פון זיי ?

—„חכמת בן סירא", שפּריכווערטער וועגן דעם מענטשנס אויפפירונג אין לעבן, ענליך צו דעם ספר „משלי שלמה" פון תנ"ך, און די צוויי היסטאָרישע „חשמונאים ביכער", וואו עס ווערט דערציילט וועגן דעם חשמונאים קאַמף. די „סיבילן" (נבואות פון פרויען), וואָס זיינען געווען געשריבן אין גריכיש, האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער פאַרשפּרייטונג פון דעם אידישן גלויבן אין דער אַלטער וועלט.

297. וואָס פאַר אַ ווערק האָט יוסף פלאַוויוס אָנגעשריבן אין גריכיש, ווען ער האָט געלעבט אין פּאַלאַץ פון דעם רוימישן קיסר ?

—„דער אידישער קריג" (מיט די רוימער) און „אידישע אַלטערטימער". וואָס אַנטהאַלט די אידישע געשיכטע פון דער אוראַלטער צייט ביז דעם חורבן בית שני.

298. וואָס האָט רבן יוחנן בן זכאי אויסגעבעטן ביי טיטוס'ן, ווען ער האָט פאַרלאָזט ירושלים ?

—א דערלויבעניש צו גרינדן אין יבנה א לערנהויז (ישיבה), כדי דורך דער תורה און מצוות און אייגנאַרטיקן לעבן זאָל דאָס אידישע פאָלק קענען האָבן א קיום אויך אָן אן אייגענער מלוכה.

299. וואָס פאַר אַן ענדערונג איז פאָרגעקומען אין דעם אידישן גאָטעס־דינסט נאָך דעם חורבן פון דעם צווייטן בית המקדש ?

—אַנשטאָט קרבנות האָט מען געדינט גאָט מיט תפילות.

300. וואָס נאָך האָבן רבן יוחנן בן זכאי און זיינע חברים געטאָן אויפצוהאַלטן דעם קיום פון דעם אידישן פאָלק ?

—זיי האָבן געגרינדעט אין יבנה אויך אַ בית־הכנסת, א שול צום דאַוונען, און אַ נייעם סנהדרין, אָדער בית־דין, פאַר געזעצגעבונג און משפטים.

301. ווער איז געוואָרן דער נשיא פונ'ם סנהדרין אין יבנה נאָכ'ן טויט פון רבן יוחנן בן זכאי ?

—רבן גמליאל, פון הלל הנשיא'ס פאַמיליע.

302. וואָס פאַר אַ טיטול האָט רבן גמליאל געקראָגן פון דער רוימישער רעגירונג ?

—פּאַטריאַרך (דער עלטסטער פון פאָלק).

303. וועלכע פון די אידישע פארטייען איז אונטערגעגאנגען אין דער צייט פון חורבן ,
—די צדוקים, ווייל זיי זיינען געווען דערהויפט א פאליטישע פארטיי.
304. וואס פאר אן ארדענונג האט מען דעמאלט געמאכט אין די טאג־טעגליכע תפילות ?
—מ׳האט אנגענומען א געזעץ צו דאווענען דריי מאל אין טאג: שחרית —(אינדערפר׳), מנחה (פארנאכט) און מעריב (אין אוונט).
305. ווער איז געווען דער רעליגיעזער פירער פון די אידן נאך רבן גמליאל׳ן ?
—רבי עקיבא.
306. ווער איז געווען דער אנפירער פון אן אויפשטאנד קעגן רוים אין רבי עקיבא׳ס צייט ?
—שמעון בר כוכבא.
307. ווי האט זיך רבי עקיבא באצויגן צו אט דעם אויפשטאנד ?
—ער האט געהאלטן בר כוכבא׳ן פאר דעם משיח און איז צוגעשטאנען צו אים צוזאמען מיט זיינע תלמידים.
308. ווי לאנג האט געדויערט אט דער לעצטער קריג פון די אידן מיט די רוימער ?
—דריי יאר.
309. ווי אזוי זיינען די רוימער אריין אין דער שטאט ביתר, וואו בר כוכבא האט זיך באפעסטיקט מיט זיין ארמיי ?
—א שפיאן, א שומרוני, האט זיי באוויזן אן אונטערערדישן דורכגאנג.
310. וואס איז געווען דער סוף פון בר כוכבא׳ס אויפשטאנד ?
—די שטאט ביתר איז חרוב געווארן, בר כוכבא און טויזנטער אידישע קעמפער זיינען געפאלן, און דער חורבן איז געווארן נאך גרעסער ווי פריער.
311. ווען איז פארגעקומען דער חורבן ביתר ?
—אויך אין תשעה באב אין דעם 65־טן יאר נאך דעם חורבן בית שני (135).
312. וואס פאר א גזרות האט דער רוימישער קעניג, אדריאן, ארויסגעגעבן אויף די אידן אלס נקמה פאר זייער אויפשטאנד ?
—ער האט באפוילן צו טויטן די אידן, וואס וועלן לערנען מיט תלמידים תורה, אדער אפהיטן שבת, אדער מל זיין זייערע קינדער.
313. ווי האבן זיך די אידן באצויגן צו אט די גזרות פון אדריאנען ?
—זייער פיל אידן האבן זיך מוסר נפש געווען פאר זייער תורה און גאט געבעטן.
314. ווער זיינען די עשרה הרוגי מלכות ?
—צען גרויסע אידישע לערער, תנאים, וואס די רוימער האבן זיי גרויזאם אומגעבראכט דערפאר, וואס זיי האבן עפענטליך געלערנט די תורה.
315. וואס איז געווען דער סוף פון רבי עקיבא׳ן ?
—די רוימער האבן אים פאר׳משפט צו א שרעקליכן טויט פאר׳ן לערנען די תורה. מ׳האט געריסן פון אים שטיקער פלייש מיט אייזערנע קאמען, ביז ער איז אויסגעגאנגען, שרייענדיק „שמע ישראל״.

316. פארוואס האבן די איבערגעבליבענע אידן מיט'ן סנהדרין און די ישיבות איבערגעוואנדערט קיין גליל נאך דער מפלה פון בר כוכבא ?
—ווייל יבנה איז חרוב געווארן, אין ירושלים (וואס האט שוין דעמאלט גע־הייסן עליא קאפיטאלינא) האבן אידן ניט געטארט וואוינען, און כמעט גאנץ יהודה איז שוין געווארן פארוויסט.
317. ווען האבן די אידן פון ארץ ישראל ווידער געקראגן גלויבנס פרייהייט און אויטאנאמיע ?
—נאך אדריאנס טויט.
318. ווי פלעגט מען רופן אין יענער צייט די גרויסע אידישע לערער אין די אקאדעמיעס ?
—תנאים (געלערנטע).
319. ווער איז געווען דער וויכטיקסטער תנא נאך ר' עקיבא'ן ?
—רבי מאיר, רבי עקיבא'ס א תלמיד.
320. וועלכער תנא פון יענער צייט איז ארויס קעגן דער טראדיציאנעלער אידיש־קייט ?
—אלישע בן אבויה, רבי מאיר'ס אן עלטערער חבר, וואס איז געווען געביל־דעט אין גריכיש.
321. ווי האבן זיך באצויגן צו אים די תנאים ?
—זיי זיינען געווען אויפגעבראכט קעגן אים פאר זיין פרייער אויפפירונג, האבן זיך דערווייטערט פון אים און אים גערופן „אחר" (דער אנדערער, דער אפגעפרעמדטער).
322. ווער איז געווען דער וויכטיקסטער תנא נאך רבי מאיר'ן ?
—רבי יהודה הנשיא (רבי), א נשיא פון סנהדרין און אויך דער הויפט לערער פון דער גרויסער אקאדעמיע.
323. וואס נאך ווייסן מיר וועגן רבי יהודה הנשיא, אויסער זיין געלערנטקייט אין דער תורה ?
—ער האט געקאנט גריכיש און לאטייניש. ער איז געווען באפריינדעט מיטן רוימישן קיסר, איז געווען זייער רייך און האט אויסגעהאלטן מיט זיין געלט א סך ארימע תלמידים.
324. וואס פאר א זאמלבוך האט רבי יהודה הנשיא פארפאסט מיט דער הילף פון זיינע חברים אין יאר 130 נ.ח. (200) ?
—די משנה (צווייטע תורה), וואס אנטהאלט אלע געזעצן פון דער תורה שבעל פה און אויך מיינונגען פון פארשיידענע תנאים וועגן געוויסע פראגן פון דער געזעצגעבונג און איז איינגעטיילט אין 6 סדרים (טיילן). די משנה איז געשריבן אין העבראיש.
325. ווי האבן זיך גערופען די אידישע לערער פון די אקאדעמיעס נאך דער פאר־פאסונג פון דער משנה ?
—אמוראים (זאגער).
326. מיט וואס האבן זיך פארנומען די אמוראים ?
—זיי האבן שטודירט און געפארשט די משנה, האבן ארויסגעדרונגען פון איר נייע געזעצן פאר פארשיידענע באדינגונגען פון לעבן און האבן אויך

באשלאסען ווי צו פסק'ענען אין די פאלן, וועגן וועלכע געוויסע תנאים זיינען פארשיידן אין זייערע מיינונגען.

327. ווי רופט מען די פארשריבענע פארשונגען און דיסקוסיעס פון די אמוראים ?

—גמרא (די פארענדיקונג פון דער משנה).

328. ווי רופט מען די משנה מיט דער גמרא צוזאמען ?

—תלמוד (די לערע).

329. **ווי רופט זיך דער תלמוד, וואס איז צונויפגעשטעלט געווארן אין ארץ ישראל?**

—תלמוד ירושלמי.

330. **ווער האט געשאפן דעם סיסטעם פון אידישן לוח (קאלענדאר) ?**

—דער נשיא הלל דער צווייטער, אין יאר 290 נ. ח. (360).

331. **ווען איז קריסטנטום געווארן די הערשנדע רעליגיע אין רוים ?**

—אין דעם יאר 245 נ.ח. (315).

332. ווי האט זיך די קריסטליכע רוים באצויגן צו די אידן ?

—זייער שלעכט. די קיסרים מיט די בישאפן האבן גע'רודפ'ט די אידן און האבן באגרענעצט זייערע בירגערליכע רעכט.

333. וואס איז פארגעקומען מיט דער רוימישער אימפעריע אין דעם יאר 325 נ.ח. (395) ?

—זי איז צעטיילט געווארן אין צוויי טיילן: די מערב־מלוכה מיט דער הויפטשטאט רוים און די מזרח־מלוכה, אדער ביזאנץ, מיט דער הויפט־שטאט קאנסטאנטינאפאל. צו ביזאנץ האט געהערט אויך פאלעסטינע.

334. וואס האט דער ביזאנטישער קיסר באפוילן וועגן די אידען פון ארץ ישראל אין דעם יאר 359 נאכן ח.ב.ש. (429) ?

—אפצונעמען ביים לעצטן פאטריארך דאס רעכט פון א פארוואלטער איבער די אידישע קהילות.

335. וואס איז ארויסגעקומען דערפון ?

—דער גייסטיקער צענטער פון די אידן האט זיך איבערגעטראגן פון ארץ ישראל אין בבל.

---

קאפיטל יג.

## דער אידישער צענטער אין בבל

336. **ווער זיינען געווען די הערשער אין בבל אין דער צייט, ווען דארטן איז געווען דער אידישער צענטר ?**

**—פריער די פארטיער און שפעטער די פערסיער.**

337. ווי האט מען גערופן דעם פארוואלטער איבער אלע אידישע קהילות אין בבל ?

—ריש גלותא (דער הויפט פון די גלות אידן), אדער עקזילארך.

338. וואס איז געווען די אויפגאבע פון ריש גלותא ?

—זיין דער פארשטייער פון די אידן ביי דער רעגירונג, זאמלען ביי די אידן שטייערן פאר דער רעגירונג און באשטימען באאמטע און ריכטער אין די קהילות.

339. ווי האט מען גערופן די גייסטיקע פירער פון די אידן אין בבל?

—אמוראים, אזוי ווי אין ארץ ישראל.

340. ווער זיינען געווען די גרינדער פון די אידישע אקאדעמיעס אין בבל?

—רב (אבא אריכא) און שמואל, רבי יהודה הנשיא'ס תלמידים. (שמואל איז אויך געווען בארימט מיט זיינע ידיעות אין אסטראנאמיע און מעדיצין).

341. וואס האבן רב און שמואל מיט זייערע נאכפאלגער אויפגעטאן פאר דער אנטוויקלונג פון דער אידישער קולטור אין בבל?

— א דאנק זייער באמיאונג האט זיך די פאלקס־בילדונג שטארק פארשפרייט צווישן די דארטיקע אידן, און ס'איז נאך קיינמאל ביז דאן ניט געווען ביי אידן אזא דורשט נאך לערנען, ווי דעמאלט ביי די אידן פון בבל.

342. ווי רופט מען די שארפזיניקע וויכוחים (דיסקוסיעס), וואס עס פלעגן געפירט ווערן אין די ישיבות וועגן פארשיידענע פראגן פון געזעץ?

—פלפול.

343. ווער האט צונויפגעשטעלט דעם תלמוד פון בבל (תלמוד בבלי)?

—רב אשי מיט דער הילף פון זיינע חברים.

344. פון וויפיל טיילן באשטייט דער תלמוד בבלי?

—ער באשטייט פון זעקס סדרים (אפטיילונגען), און יעדער סדר טיילט זיך אויף מסיכתות (טראקטאטן, ביכער).

345. פון וואס פארא טיילן באשטייט דער תלמוד לויט'ן אינהאלט?

—פון הלכה און אגדה.

346. וואס איז אזוינס הלכה?

—דער טייל פון תלמוד, וואס אנטהאלט געזעצפארשונג.

347. וואס רופט זיך אגדה?

—דער טייל פון תלמוד, וואס אנטהאלט ניט קיין געזעצן, נאר פארשיידענע אנדערע ענינים, ווי געדאנקען וועגן מאראל, מעשיות און לעגענדעס.

348. וואס איז געווען דאס וויכטיקסטע אין אידישן לעבן לויט'ן תלמוד?

—ארבעט, איבערהויפט ערד־ארבעט, היגיענע, געטריישאפט אין פאמיליע־לעבן, מענטשן־ליבע, גערעכטיקייט, יושר און רחמנות, פרומקייט און דאס לערנען פון דער תורה.

349. וועלכע מדות דארף דער איד באזיצן לויט'ן תלמוד?

—עניוות (באשיידנקייט, קליין האלטן זיך), גלאסנקייט און געדולד אין די באציאונגען מיט אנדערע מענטשן.

350. וואס פאר א נוצן האט געבראכט פאר די אידן דאס שטודירן דעם פלפול פון תלמוד?

—דאס האט פיל מיטגעהאלפן צו פארשארפן דעם אידישן שכל און צו אנטוויקלען דאס לאגישע דענקען.

351. וואס פאר א ווירקונג אויף די אידן האט געהאט די אגדה פון תלמוד?

—זי האט אים געלערנט גוטע מדות, האט אים געטרייסט אין די צייטן פון צרות מיט האפנונגען אויף משיח'ס צייטן און אויף א בעסערן לעבן אויף יענער וועלט און האט אונטערגעהאלטן ביי אים דעם נאציאנאלן געפיל.

352. וואס פאר א פלאץ האט פארנומען דער תלמוד אינ'ם אידישן לעבן ?
—ער האט געדינט אי אלס געזעץ־בוך, לויט וועלכן דאס גאנצע אידישע לעבן איז רעגולירט געווארן, אי אלס דערציאונגס מיטל פאר גרויס און קליין.
353. וואס פאר א ווערט האט דער תלמוד פאר דער פארשונג פון דער אידישער געשיכטע פון יענער צייט ?
—דער תלמוד שפיגלט אפ דאס אידישע לעבן פון יענער צייט, און פון אים קענען מיר וויסן, ווי אידן האבן דאן געלעבט, מיט וואס זיי האבן זיך באשעפטיקט, אין וואס זיי האבן געגלויבט א. ד. ג.
354. אין וועלכער שפראך איז די גמרא געשריבן ?
—אין אראמיש, מיט א גרויסן צומיש פון העברעאישע ווערטער.
355. וואס אזוינס זיינען די מדרשים ?
—זאמלונגען פון אגדות, געבויט אויף די פרשיות פון חומש און געשריבן אין העברעאיש און אין אראמיש.
356. ווען איז דער תלמוד בבלי פארענדיקט און געשלאסן געווארן ?
—אין יאר 430 נ. ח. (500) דורך רבינא מיט זיינע חברים.
357. ווען זיינען צוזאמענגעשטעלט געווארן די מדרשים ?
—פון 5־טן ביז דעם 9־טן יארהונדערט.

קאפיטל יד.

## דאס אידישע לעבן אין דער תלמודישער צייט

358. וואס זיינען געווען די הויפט פרנסות ביי אידן אין ארץ ישראל און אין בבל אין די ערשטע 500 יאר נאכן צווייטן חורבן ?
—ערדארבעט, מלאכה און האנדל.
359. וואס האט רעגולירט די באציאונגען צווישן דעם בעל־הבית און דעם ארבעטער?
—די געזעצן פון דעם תלמוד.
360. וואס זאגט דער תלמוד וועגן דער וויכטיקייט צו לערנען קינדער א מלאכה ?
—„דער וואס לערנט ניט זיין קינד קיין מלאכה, איז ווי ער וואלט אים לערנען צו זיין א רויבער".
361. זיינען דעמאלט געווען פראצענטניקעס ביי אידן ?
—יא. אבער דער תלמוד האט שטארק באגרענעצט דאס רעכט צו נעמען פראצענט.
362. אין וועלכן עלטער פלעגט מען חתונה האבן ?
—צווישן 14 און 18 יאר.
363. ווער האט געהאט די דעה אין א שידוך ?
—די עלטערן, אבער די יונגעלייט האבן זיך געדארפט זען פאר די תנאים.
364. איז געווען ערלויבט לויט'ן תלמוד צו נעמען צוויי ווייבער ?
—יא, אבער זעלטן האבן דאס די אידן פראקטיצירט אין יענער צייט.
365. האבן מיידלעך געלערנט די תורה ?
נאר ווייניק, און דאס אויך אין דער היים.
366. וואו פלעגן די אינגלעך לערנען ?
—אין די שולן.
367. וואס פלעגט מען לערנען אין די שולן ?
—מקרא (תנ"ך), משנה און גמרא.

368. וואס פאר א באציאונג האט מען געהאט צום תלמיד חכם (דעם געלערנטן אין תורה)?
—מען האט אים אפגעגעבן דעם גרעסטן כבוד.

369. מיט וואס פלעגן זיך די אידן טרייסטן אין די שלעכטע צייטן?
—מיט'ן גלויבן, אז משיח וועט קומען און אויסלייזן אלע אידן פון גלות און זיי ברענגען אין ארץ ישראל.

---

קאפיטל טו.

## אידן אונטער דער אראבישער הערשאפט

370. פארוואס האבן פיל אידן פון בבל איינגעוואנדערט אין אראביע אינ'ם 5־טן י"ה?
—ווייל די לעצטע פערסישע הערשער האבן אין יענער צייט שטארק גע־רודפ'ט די אידן פון בבל.

371. ווי האבן געלעבט די אידישע שבטים אין אראביע?
—זיי האבן גערעדט אראביש און געפירט אן אראבישן ארט לעבן.

372. מיט וואס האבן זיי זיך באשעפטיקט?
—מיט ערד ארבעט, פיצוכט און אויך מיט האנדל.

373. וואס איז געווען די רעליגיע פון די אראבער?
—זיי זיינען געווען געצנדינער, זיי האבן אבער אויך איבערגענומען פון די אידן געוויסע מנהגים און גערדאנקען וועגן גאט.

374. וועלכער אראבישער קעניג האט אנגענומען דעם אידישן גלויבן?
—אבו־קאריבא אין תימן (יעמען).

375. וואס האט זיין זון יוסף געטאן פאר די אידן, ווען ער איז געווארן קעניג?
—ער האט פארפאלגט קריסטליכע סוחרים, וואס זיינען געקומען קיין אראביע, אוים נקמה פאר דער פארפאלגונג פון די אידן אין דער קריסטליכער ביזאנטיע.

376. צו וואס האט דאס געבראכט?
—דער קריסטליכער מלך פון כוש (עטיאפיע) איז דערפאר ארויסגעגאנגען מלחמה האלטן מיט'ן אראבישן קעניג, יוסף די־נאוואס. די אראביש־אידישע ארמיי איז אומגעקומען אין קאמף און יוסף די־נאוואס האט זיך אריינגעווארפן אין ים.

377. וואס פאר א נייע רעליגיע איז אין 552 נ.ח. (622) אויפגעקומען אין אראביע, טיילווייז א דאנק דעם אידישן איינפלוס אויף די אראבער?
—דער איסלאם (דער מאכמעדאנישער גלויבן).

378. ווער האט געגרינדעט אט די רעליגיע?
—מוכאמעד (מאכמעד), וואס די אנהענגער פון דעם איסלאם האלטן אים פאר זייער נביא.

379. וואס איז דער עיקר אין דעם גלויבן פון איסלאם?
—אז עס איז דא אן איין איינציקער גאט אין הימל און מאכמעד איז זיין נביא.

380. ווי אזוי האט ער געהייסן פארשפרייטן זיין אמונה?
—דורך מלחמות און בלוט פארגיסונג. דער אידישער גייסט פון פרידן איז אים געווען פרעמד.
381. פארוואס האט ער דערקלערט א הייליקן קריג קעגן די אידן אין יאר 555 נ.ח. (625)?
—ווייל זיי האבן ניט געוואלט אננעמען זיין נייע אמונה.
382. **וואס האט ער געטאן מיט די אידישע געפאנגענע?**
—א טייל פון זיי האט ער געטויט, א טייל פארקויפט פאר קנעכט און פיל שיינע אידישע פרויען האט ער צוגענומען אין זיין הארעם.
383. ווער זיינען געווען די קאליפן?
—די אראבישע מלכים, וואס זיינען אויך געווען די גייסטיקע פירער פון די מאכמעדאנער, די שטעל פארטרעטער פון מאכמעדן.
384. וועלכע לענדער האבן די קאליפן איינגענומען?
—אלע לענדער פון פערסיע און ביזאנטיע.
385 וועלכער קאליף האט איינגענומען בבל, ארץ ישראל און מצרים?
—דער קאליף אמאר.
386 וואס האט דער קאליף אמאר אויפגעבויט אויפ'ן ארט, וואו דער בית המקדש איז געשטאנען?
—א מוסולמענישׁ טעמפל, וואס שטייט נאך עד היום לעבן דעם כותל מערבי.
387 ווי איז געווען די לאגע פון די אידן אונטער דער אראבישער הערשאפט?
—זיי האבן געמוזט צאלן זייער שווערע שטייערן. זיי האבן אבער געהאט אויטאנאמיע אין זייער אינערליכן לעבן.
388. **וואס פאר א ראל האבן דאן די אידן געשפילט אין עקאנאמישן לעבן?**
—**אין זייערע הענט איז געלעגן דער האנדל אין די שטעט און צווישן די פארשיידענע לענדער.**
389 וואס פאר אן ענדערונג איז דעמאלט פארגעקומען אין דער שפראך פון די אידן? **אנשטאט צו ריידן אויף אראמעאיש, ווי ביז אהער, האבן זיי אנגעהויבן ריידן אויף אראביש מיט א צומיש פון העברעאישע ווערטער.**
390 ווער איז געווען דער פארמיטלער צווישן די אידן און דער מוסולמענישער רעגירונג?
—דער ריש גלותא, אדער עקזילארך (זע פראגן 337-8).
391 ווער זיינען געווען די אידישע גייסטיקע פירער אין יענער צייט?
—די גאונים.
392 ווער האט געטראגן דעם טיטול גאון?
—דער ראש הישיבה פון סורא און דער ראש הישיבה פון פומבדיתא.
393 וואס האט מען געטאן אין אט די צוויי ישיבות?
—דערקלערט די געזעצן פון תורה און תלמוד און געשאפן נייע געזעצן פאר אלע פאלן פון פראקטישן לעבן אויפן גרונט פון תלמוד.
394 וואס זיינען די תשובות הגאונים?
—די פארשריבענע ענטפערס פון די גאונים וואס זיי פלעגן שיקן צו אידישע קהילות אויף זייערע שאלות אין רעליגיעזן און געזעלשאפטליכן לעבן.

395. ווער האט צונויפגעשטעלט אונזער סדור ?

רב עמרם גאון, אין יאר 786 נ. ח. (856).

396. וואס פאר א ווירקונג האבן געהאט די גאונים אינ'ם פאליטישן לעבן פון די אידן ?

—זיי האבן געהאט א דעה ביים באשטימען א נייעם ריש גלותא און זיי פלעגן אים אפיציעל איינשווערן אין זיין אמט.

397. וואס פאר א באוועגונג האט זיך דאן געשפירט אינ'ם גייסטיקן לעבן פון די אידן ?

—עס האט זיך געמערקט אין געוויסע קרייזן א שטארקע אומצופרידנקייט מיט דעם, וואס די גאונים האבן אזוי פארהייליקט דעם תלמוד און אים געמאכט פאר'ן הויפט רעגולאטאר פונ'ם אידישן לעבן.

398. פארוואס האבן די גאונים ניט דערלאזן, אז ענן בן דוד, דער נעענטסטער קרוב פונ'ם געשטארבענעם עקזילארך, זאל ווערן ריש גלותא ?

—ווייל אויך ער איז צוגעשטאנען צו די, וואס האבן ניט געגלויבט אין דער הייליקייט פונ'ם תלמוד.

399 וואס האט דעמאלט ענן געטאן ?

—ער האט געגרינדעט די סעקטע קראים (קאראאימען), וואס האלטן נאר פון מקרא, פון תורת משה, אבער ניט פון תלמוד (ארום 760).

400. וואס איז געווען דער רעזולטאט פון אט דער שפאלטונג ?

—ס'איז אויסגעבראכן א שארפער קאמף צווישן די קאראאימען און די אנ־הענגער פונ'ם תלמוד.

401 אויף וואס האבן זיך די קעמפנדיקע צדדים געשטיצט ?

—אויף דער תורה שבכתב.

402 וואס פארא גוטע רעזולטאטן זיינען ארויסגעקומען פון אט דעם קאמף ?

—דאס פעסטשטעלן פון דעם ביבלישן טעקסט און דאס שאפן פון די נקודות און טראפ צו באשטימען דאס ריכטיקע לייענען פון תנ"ך און די אינטא־נאציע פון די פסוקים (די מסורה).

403 ווען זיינען איינגעפירט געווארן די נקודות און די טראפ אין תנ"ך ?

—אין דעם 8־טן יארהונדערט.

404 ווער איז געווען דער וויכטיקסטער באקעמפער פון די קראים ?

— רב סעדיה, דער גאון פון סורא, וואס האט געלעבט אין דעם צענטן יארהונדערט.

405 וואס פאר א מענש איז ער געווען ?

—א גרויסער תלמודיסט און א טיפער דענקער.

406 וואס פארא ביכער האט ער פארפאסט ?

—א העברעאישע גראמאטיק, אן אראבישע איבערזעצונג פון א טייל פון תנ"ך און א פילאזאפיש ווערק „אמונות ודעות" (גלויבנס און מיינונגען).

407 אויף וועלכער שפראך האט ער געשריבן „אמונות ודעות" ?

—אויף אראביש. נאר שפעטער האט מען דאס בוך איבערזעצט אויף העב־רעאיש.

408 וואס איז געווען רב סעדיה'ס ציל מיט אט דעם בוך ?

—שלום צו מאכן צווישן רעליגיע און פילאזאפיע.

409 וואָס פאַרא אמונות האָט ער געזוכט צו באַווייזן אין זיין בוך ?
—אַז עס איז דאָ א גאָט, וואָס האָט באַשאַפן די וועלט, אַז ער האָט זיך אַנטפּלעקט אויפן באַרג סיני און האָט געגעבן די אידן די תורה דורך משה'ן, אַז דער מענש האָט אַ פרייען ווילן, אַז אַ צדיק ווערט באַלוינט און אַ רשע באַשטראָפט, אַז די נשמה לעבט נאָכן טויט, אַז די טויטע וועלן לעבעדיק ווערן (תחית המתים) און אַז משיח וועט קומען.

410 וואָס האָט ער אויפגעטאָן מיט אָט דעם בוך ?
—ער האָט דער ערשטער געשאַפן אַ סיסטעם פון עקרים (דאָגמעס) פון דער אידישער רעליגיע און האָט געלייגט דעם יסוד פאַר דער רעליגיעזער פילאָזאָפיע אין מיטלאַלטער.

411 ווער זיינען געווען די לעצטע גרויסע גאונים פון בבל ?
—רב שרירא גאון און זיין זון רב האי גאון.

412 וואָס פאַר אַ געשיכטע בוך האָט רב שרירא געשריבן ?
—אַ קורצע געשיכטע פון דעם תלמוד און פון די תנאים, אמוראים און גאונים.

413 וועמען האָט מען אויסגעקליבן פאַר אַ גאון נאָך רב האי'ס טויט ?
—חזקיה'ן, וואָס האָט געוואָלט זיין אי גאון, אי ריש גלותא, ווייל ער איז געווען אַן אוראייניקל פון דעם עקזילאַרך, דוד בן זכאי.

414 ווי אַזוי איז געפאַלן די מאַכט פון די עקזילאַרכן און די גאונים ?
—אין יאָר 968 נ. ח. (1038) האָט דער קאַליף געהייסן אריינוואַרפן דעם לעצטן גאון און עקזילאַרך חזקיהו'ן אין תפיסה, ווייל מען האָט איהם גע'מסר'ט, אַז חזקיהו וויל ווערן אַ מלך ביי אידן.

415 וואָס פאַר אַן ענדערונג איז אין יענער צייט פאָרגעקומען אין דעם קאַליפאַט ?
—דער באַגדאַדישער קאַליפאַט איז זיך צעפאַלן און עס האָט זיך געבילדעט אַ נייער קאַליפאַט אין מצרים און אין ארץ ישראל.

416 וואָס האָבן די גאונים פון ארץ ישראל געוואָלט דעמאָלט טאָן ?
—זיי האָבן געוואָלט אַריבערפירן דעם אידישן גייסטיקן צענטר פון בבל קיין ארץ ישראל.

417 פאַרוואָס האָט זיך דאָס זיי ניט איינגעגעבן ?
—ווייל אין יאָר 1029 נ. ח. (1099) זיינען געקומען קיין ארץ ישראל די קריסטליכע קרייצפאַרער, וואָס האָבן צוגענומען פון די מאַכמעדאַנער ירושלים און אַנדערע שטעט פון א"י און האָבן אַרויסגעטריבן פון דאָרט כמעט אַלע אידן (זע קאַפּיטל יט).

צווייטער טייל

# די אידן אין די מערב־לענדער

## קאפיטל טז.

## דער אנהויב פון דער אידישער איינוואנדערונג אין אייראפע

418. ווען האבן די אידן אנגעהויבן זיך צו באזעצן אין אייראפע?

—נאך אין דער צייט, ווען די רוימער האבן געהערשט אין ארץ ישראל, האבן פיל אידן עמיגרירט קיין איטאליע אלס סוחרים. אנדערע זיינען אהין אוועקגעפירט געווארן אלס געפאנגענע.

419. ווען האט זיך געבילדעט דער ערשטער גרויסער אידישער ישוב אין איטאליע?

—אין דעם ערשטן יארהונדערט נאכ'ן חורבן פון דעם צווייטן בית־המקדש.

420. וואס איז געווען די שפראך פון די אידן אין איטאליע?

—גריכיש אדער לאטייניש מיט א צומיש פון העברעאישע ווערטער.

421. פון ווען אן האבן זיך געבילדעט גרעסערע אידישע ישובים אין די שטעט פון גריכנלאנד?

—פון דעם צווייטן יארהונדערט. אין די שטעט קארינט, אטהען און סאלאניק, ביי דעם מיטללענדישן ים.

422. ווען האט זיך געבילדעט א אידישע קהילה אין קאנסטאנטינאפאל?

—אין פערטן י. ה. נאכ'ן ח.ב.ש., ווען די רוימישע אימפעריע האט זיך צע־טיילט און עס האט זיך געשאפן די ביזאנטישע אימפעריע.

423. מיט וועלכע לענדער האבן די אידישע סוחרים פון קאנסטאנטינאפאל געפירט מסחרים?

—מיט פאלעסטינע און מיט מצרים.

424. ווען איז די מערב־רוימישע אימפעריע זיך צעפאלן?

—אין פינפטן יארהונדערט, ווען די גאטן און גערמאנען האבן חרוב גע־מאכט רוים.

425. ווי האבן די גאטישע מלכים פון רוים, וואס האבן אנגענומען קריסטנטום, זיך באצויגן צו די אידן פון איטאליע?

—זיי האבן ניט געלאזט די אידן אפציען די נייע קריסטן פון זייער אמונה, אבער האבן ניט געצוואונגען די אידן צו ווערן קריסטן.

426. ווען האבן אידן אנגעהויבן צו באזעצן זיך אין פראנקרייך?

—נאך אין דער צייט פון דער רוימישער הערשאפט, ווען די איצטיגע פראנקרייך איז געווען א רוימישע פראווינץ מיט'ן נאמען גאליע.

427. ווען האט זיך געגרינדעט די פראנקישע קריסטליכע מלוכה?

—אין דעם יאר 430 נ.ח.ב.ש. (500).

428. ווי האבן זיך באצויגן צו די אידן די פראנקישע מלכים און די קריסטליכע בישאפן, מיט וועמען זיי זיינען געווען פארבונדן?

—זיי האבן געפאדערט פון זיי זיך צו שמד'ן אין די אידן, וואס האבן דאס ניט געוואלט טאן, זיינען פארפאלגט געווארן. עס האט אויך געטראפן אז מען האט אידן געמאכט מיט געוואלט פאר קריסטן.

429. וואָס פאַר אַ גזרה אויף די אידן האָט אַרויסגעגעבן דער פּראָנצויזישער קעניג דאַגאָבערט אין דעם יאָר 559 נ.ח.ב.ש. (629) ?

—אַז אַלע ניט גע'שמד'טע אידן זאָלן אַרויס פון לאַנד.

430. וואָס האָבן די אידן דעמאָלט געטאָן ?

—אַ טייל פון זיי האָבן אָנגענומען לפנים קריסטנטום, בלייבנדיק אין האַרצן אידן, און אַ טייל פון זיי האָבן אַריבערגעוואַנדערט אין די דרום פּראָווינצן און אין די שטעט פון דייטשלאַנד, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ טייל פון פראַנקרייך, אָבער ניט אָפּהענגיק פון דעם פּאַריזער צענטער.

431. ווען האָבן אידן אָנגעהויבן זיך צו באַזעצן אין שפּאַניע ?

—נאָך אין דער צייט, ווען די רוימער האָבן דאָרטן געהערשט.

432. ווען האָבן זיך פאַרגרעסערט די אידישע ישובים אין איטאַליע, פראַנקרייך, דייטשלאַנד און שפּאַניע ?

—אין פאַרלויף פון דעם 6־טן יאָרהונדערט, ווען די ביזאַנטישע קיסרים האָבן שטאַרק געדריקט די אידן.

433. ווען האָבן אין שפּאַניע די וועסטגאָטן צוגענומען די מאַכט פון די רוימער ?

—אין אָנהויב פון דעם 6־טן יאָרהונדערט.

434. פאַרוואָס האָבן די ערשטע וועסטגאָטישע מלכים פון שפּאַניע זיך גוט באַצויגן צו די אידן ?

—ווייל זיי זיינען ניט געווען קיין קאַטאָליקן, נאָר אַריאַנער, וואָס האָבן געהאַלטן יעזוסן נאָר פאַר אַ הייליקן מענטשן, אָבער ניט פאַר קיין גאָט.

435. וואָס פאַר אַן ענדערונג אין דער באַציאונג צו די אידן אין שפּאַניע איז פאָרגעקומען אין סוף פון'ם 6־טן יאָרהונדערט ?

—דער וועסטגאָטישער קעניג, וואָס האָט אָנגענומען דעם קאַטוילישן גלויבן, האָט צוזאַמען מיט די קאַטוילישע בישאָפן, וואָס האָבן געשטרעבט צו שאַפן אַ ריינע קאַטוילישע מלוכה, אָנגעהויבן שטאַרק צו רודפ'ן די אידן.

436. וואָס פאַראַ מיטלען האָבן די בישאָפן אָנגענומען צו מאַכן די אידן פאַר קריסטן ?

—פריער האָבן זיי פאַרבאָטן די קריסטן צו פירן געשעפטן מיט ניט געטויפטע אידן, און ווען דאָס האָט ניט געהאָלפן, האָט מען גענומען שמד'ן אידן מיט געוואַלט.

437. וואָס פאַר אַ באַפעל האָט אַרויסגעגעבן דער שפּאַנישער קעניג סיזעבוט אין יאָר 543 נ.ח. (613) וועגן די אידן ?

—אַז די אידן, וואָס ווילן ניט אָננעמען דעם קריסטליכן גלויבן זאָלן פאַרלאָזן שפּאַניע.

438. וואָס האָבן די שפּאַנישע אידן דעמאָלט געטאָן ?

—אַנדערע זיינען געוואָרן לפנים קריסטן און אַנדערע האָבן עמיגרירט קיין פראַנקרייך.

439. ווי איז מען זיך באַגאַנגען מיט די אנוסים (געצוואונגענע צום שמד) ווען מען האָט זיי געכאַפּט ביים אָפּהיטן אידישע מנהגים ?

—מ'פלעגט זיי אַרעסטירן, שלאָגן, אַנטאָן אַלערליי ענויים און אַוועקגעבן זייערע קינדער אין די קלויסטערס צו די קאַטוילישע מאָנאַכן.

440. ווען האָבן די אראבער איינגענומען א טייל פון שפאניע?

—אין יאָר 641 נאָכ׳ן ח.ב.ש. (711).

441. וואָס פאר א באדייטונג האָט דאָס געהאַט פאר די שפאנישע אידן?

—פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן פאר זיי די תקופה פון עקאָנאָמישן און גייסטיקן אויפבלי.

442. פון ווען אָן זיינען אונז באקאנט אידישע קהילות אין קרים?

—פון דער צייט פון חורבן בית שני.

443. אויף וועלכער שפראך האָבן יענע אידן גערעדט?

—אויף גריכיש.

444. ווער האָט געהערשט אין קרים פון דעם 7-טן ביז דעם צענטן יאָרהונדערט?

—די כאזארן (כוזרים), א מאָנגאָלישער שבט.

445. ווען האָבן די כאזארישע הערשער אָנגענומען דעם אידישן גלויבן?

—אין דעם יאָר 680 נ.ח. (750), ווען זייער מלוכה האָט זיך אויסגעשפרייט פון דעם קאספישען ים ביז דער שטאָט קיעוו, וואו ס׳האָט זיך שוין דעמאָלט געפונען א אידישער ישוב.

446. וואָס איז געווען דער סוף פון זייער מלוכה?

—אין 10-טן יאָרהונדערט האָבן די רוסישע פירשטן באזיגט די כאזארן און חרוב געמאכט זייער הויפטשטאָט. די כאזארן האָבן זיך שפעטער צונויפגעגעמישט מיט אנדערע, א טייל פון זיי — אויך מיט אידן.

447. פון ווען אָן זיינען אונז באקאנט אידישע קהילות אין קיעווער רוסלאנד?

—פונ׳ם 12-טן יאָרהונדערט. — (אין קיעוו איז מען דאָן באפאלן אידן און בארויבט זייער פארמעגן).

קאפיטל יז.

# אידן אין פראנקרייך, דייטשלאנד און איטאַליע פון דעם אכטן ביז דעם עלפטן יאָרהונדערט

448. וועלכע לענדער האָט קארל דער גרויסער פאראייניגט אונטער זיין הערשאפט אין אָנהויב פון אכטן יאָרהונדערט נ.ח.?

—אלע לענדער פון מיטל אייראָפע מיט איטאליע.

449. ווי האָט אָט די געשעעניש געווירקט אויף די אידן?

—זייער לאגע האָט זיך דעמאָלט פארבעסערט, אידישע סוחרים האָבן פארבונדן דורך זייערע מסחרים אייראָפע מיט אזיע, און די אידישע קהילות האָבן געהאַט אַן איינגענע פארוואלטונג.

450. ווער איז געשטאנען בראש פון די אידן אין קארלס מלוכה?

—דער „מאגיסטער פאר אידן", א מלוכה באאמטער איבער אלע אידישע —קהילות, וואָס האָט געדארפט שיצן די אידישע רעכט.

451. וואָס האָט געטאָן לודוויג, דער זון פון קארל דעם גרויסן, מיט זיין אימפעריע פאר זיין טויט?

—ער האָט זי צעטיילט אויף דריי טיילן: איינעם פון זיינע זין האָט ער געמאכט קעניג אין פראנקרייך, א צווייטן—אין דייטשלאנד און א דריטן—אין איטאליע.

452. צו וועמען האָבן אָט די נייע מלכים פונאַנדערגעטיילט די מאַכט אין זייערע לענדער?
—צו די פעאָדאַלן — די גרויסע לאַנדבאַזיצער.
453. ווי האָבן זיך אָט די פעאָדאַלן באַצויגן צו די אידן, וואָס האָבן געלעבט אויף זייערע לענדערייען?
—אַנדערע פעאָדאַלן האָבן באַשיצט די אידן, ווייל זיי פלעגן קריגן פון זיי אַ סך געלט פאַר די אַרענדירטע ערד־חלקים און פאַר דער ערלויבעניש צו פירן האַנדל, — און אַנדערע פּריצים, וואָס זיינען געווען אונטערן איינפלוס פון די פאַנאַטישע גלחים, האָבן געדריקט די אידן.
454. וואָס פלעגט דער גראַף פון טולוז (פראַנקרייך) טאָן צום אידישן פאָרשטייער פסח צייט?
—ער פלעגט אים רופן צו זיך און געבן אים אַ פּאַטש אין פּנים, ווייל אידן האָבן אַמאָל געפּייניקט יעזוסן.
455. ווי איז געווען די לאַגע פון די אידן אין דייטשלאַנד אין דעם צענטן יאָרהונדערט?
—די מלכים, די באַראָנען און די בישאָפן האָבן געלאָזט די אידן לעבן אין דייטשלאַנד, אָבער זיי האָבן געהאַלטן די אידן פאַר זייער אייגנטום און האָבן גענומען ביי זיי גרויסע צינזן פאַר באַשיצן זיי; זיי פלעגן אָפט פאַרקויפן איינע די אַנדערע שטיקער לאַנד צוזאַמען מיט די אידן, וואָס האָבן דאָרטן געלעבט.
456. ווער זיינען געווען די פירער פון די אידישע קהילות אין דייטשלאַנד און און פראַנקרייך?
—די רבנים.
457. ווער איז געווען דער באַרימטסטער רב אין יענע לענדער אין אָנהויב פון 10־טן יאָרהונדערט?
—רבנו גרשום מאור הגולה, וואָס האָט געגרינדעט אַ ישיבה אין מיינץ.
458. וואָס פאַרא וויכטיקע תקנות אין אידישן פאַמיליע לעבן האָט ער ארויסגעגעבן?
—דעם פאַרבאָט צו נעמען צוויי ווייבער און דעם פאַרבאָט צו גט'ן אַ פרוי קעגן איר ווילן.
459. ווער איז געווען רש"י?
—רבי שלמה יצחקי (יצחק'ס זון), איינער פון די גרעסטע אידישע געלערנטע און מפרשים אין עלפטן יאָרהונדערט.
460. וואו האָט ער געלעבט?
—ער איז געבאָרן געוואָרן אין פראַנקרייך און האָט געלערנט אין דייטשלאַנד אין די ישיבות פון וואָרמס און מיינץ.
461. וואָס פאַרא ווערק האָט ער געשאַפן?
—ער האָט פאַרפאַסט אַ פּירוש אויף תנ"ך און אויף תלמוד בבלי, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן ביי אַלע אידן און עס דרוקט זיך צוזאַמען מיט'ן טעקסט.
462. וואָס פאַר אַ באַזונדערע באַדייטונג האָט רש"י'ס פירוש אויפ'ן תלמוד?
—אָן זיין פירוש וואָלט כמעט אוממעגליך געווען צו פאַרשטיין דעם תלמוד.
463. אויף וועלכער שפּראַך האָבן גערעדט די אידן פון דייטשלאַנד און פראַנקרייך?
—אויף דער לאַנד־שפּראַך מיט אַ צומיש פון העבּרעאישע ווערטער.

464. וואס איז ביי אונז געבליבן פון דער העברעאישער ליטעראטור, וואס איז גע־שאפן געווארן ביי די אידן אין איטאליע פון יענער צייט?
—דאס בוך יוסיפון, וואס איז א פרייע איבערזעצונג פון יוסף פלאוויוסעס אידישע געשיכטע, און וואס איז שפעטער איבערזעצט געווארן אויך אויף אידיש, און אויך פארשיידענע תפילות און סליחות.

קאפיטל יח.

## די אידן אין דער אראבישער שפאניע

465. ווען האט זיך געבילדעט אין שפאניע אן אראבישער קאליפאט?
—אין דעם צענטן יארהונדערט.
466. ווי האבן די אידן געלעבט מיט די אראבער?
—פריינדליך. אידן פלעגן אפט פארנעמען הויכע שטעלעס אין דער רעגירונג.
467. ווער איז געווען באוואוסט אלס איינער פון די ערשטע אידישע הויכע באאמטע אינ׳ם קאליפאט?
—חיסדאי אבן שאפרוט, א אידישער מיניסטער, א קענער פון שפראכן און פון מעדיצין. ער האט געזארגט וועגן דער אויפהאלטונג פון אידישע קהילות און שולן אין שפאניע און איז אויך אנערקענט געווארן אלס דער נשיא פון די שפאנישע אידן.
468. וואס דערציילט מען וועגן דעם, ווי אזוי די תלמוד׳ישע וויסנשאפט האט זיך פארשפרייט אין די מערב־לענדער?
—אז פיר גרויסע רבנים פון בבל האבן זיך אוועקגעלאזט אין דער וועלט צו קלייבן געלט פאר די ישיבות. זיינען זיי געפאנגען געווארן פון אראבער, און אויסגעלייזט געווארן דורך אידן אין פארשיידענע לענדער, און דארט האבן זיי געגרינדעט ישיבות און פארשפרייט דעם למוד פון תלמוד.
469. ווער פון די פיר געפאנגענע איז געווארן רב אין קארדאווא און האט דארטן געגרינדעט א תלמוד׳ישע ישיבה?
—רבי משה בן חנוך.
470. ווער איז געווען רבי שמואל הנגיד?
—א אידישער מיניסטער, א תלמודיסט, דענקער און דיכטער און א נשיא פון די אידן אין גראנאדע, וואס האט פארפאסט אין העברעאיש פארשיי־דענע שירים און אן אריינפיר צום תלמוד (מבוא התלמוד).
471. וואס איז פארגעקומען מיט זיין זון יוסף הנגיד אין יאר 1066?
—אויס קנאה און שנאה צו א אידישן וויזיר (פרעמיער מיניסטער) האט א באנדע אראבער אים דער׳הרג׳עט, ווען זיי האבן בשעת מלחמה אויס־געריבט הונדערטע אידישע הייזער אין גראנאדע.
472. ווי איז אין יענער צייט געווען די באציאונג צו אידן אין דער קריסטליכער מלוכה קאסטיליע (שפאניע)?
—אויך דארטן האבן די הערשער אויסגענוצט די פעאיקייטן פון די אידן און מאנכע פון זיי באשטימט אויף הויכע רעגירונגס אמטן.

473. וואס האט דער פויבסט געשריבן צו אלפאנס דעם 6טן, קעניג פון דער קריסט־ליכער מלוכה אין קאסטיליע, ווען ער האט זיך דערוואוסט, אז ער האט אין זיין הויף הויכע אידישע באאמטע און דיפלאמאטן?

—אז ער דערהויבט דער שטנ׳ס סינאגאגע און דערנידעריקט די קריסטליכע קירך.

474. וועלכע צייט רופט זיך „די גאלדענע תקופה פון דער אראביש־אידישער לי־טעראטור״?

—דער עלפטער און צוועלפטער יארהונדערט.

475. וואס פאר א סארט ליטעראטור איז געשאפן געווארן פון די שפאנישע אידן אין יענער צייט?

—ווערק איבער העברעאישער שפראך־פארשונג, רעליגיעז־פילאזאפישע ביכער און העברעאישע שירים פון רעליגיעזן און וועלטליכן אינהאלט.

**476. ווער איז געווען דער גרעסטער אידישער רעליגיעזער פאעט אין דעם 11־טן י.ה.?**

**—רבי שלמה אבן גבירול, וואס האט פארפאסט פאעטישע תפילות און שירים און א פילאזאפיש ווערק מיט׳ן נאמען „דער קוואל פון לעבן״.**

477. וואס פאר א בוך איז דער „חובות הלבבות״?

—א בוך, וואס ווייזט אן אויף די פליכטן, וואס א איד האט בנוגע צו זיינע געפילן און געדאנקען. דאס בוך איז פארפאסט געווארן פון רבנו בחיי אבן פקודא אין דעם עלפטן יארהונדערט.

**478. ווער איז געווען דער גרעסטער אידישער דיכטער און דענקער אינ׳ם 12־טן יארהונדערט?**

—רבי יהודה הלוי פון טאלעדא.

479. וואס האט ער אויסגעדריקט אין זיינע ציון־לידער?

**טיפע ליידן אויף די אידישע צרות און הייסע בענקשאפט נאך ארץ ישראל.**

480. וואס פאר א בוך איז זיין „ספר הכוזרי״?

—א בוך, וואס אנטהאלט רעליגיעז־פילאזאפישע טיפע געדאנקען און איז געשריבן אין דער פארם פון א דיסקוסיע צווישן א אידישן געלערנטן און דעם כאזארישן מלך.

481. וואס זיינען די הויפט־געדאנקען, וואס ער אנטוויקלט אין דעם „ספר הכוזרי״?

—ער אנטוויקלט דארט ווייטער דעם נביא׳ישן געדאנק, אז דאס אידישע פאלק איז אויסגעקליבן געווארן צו זיין דער טרעגער פון דער העכסטער מאראל, צו זיין א לערער און א ביישפיל פאר דער גאנצער מענשהייט, און דעם געדאנק, אז די מאראלישע אמת׳ן פון דער אידישער תורה שטייען העכער ווי די אמת׳ן פון דער גריכישער פילאזאפיע.

482. אין וועלכער שפראך איז דער ספר הכוזרי געשריבן?

—אין אראביש. נאך שפעטער איז ער איבערזעצט געווארן אין העברעאיש.

483. ווער איז געווען דער גרעסטער אידישער געלערנטער און פילאזאף פון דעם 12־טן יארהונדערט?

רבינו משה בן מיימון, וואס ווערט גערופן פארקירצט: רמב״ם (1135־1204).

484. וועלכער גריכישער פילאזאף האט געהאט דעם גרעסטן איינפלוס אויפ׳ן רמב״ם?

—אריסטו (אריסטאטעל).

485. וואָס פאַרא ווערק האָט דער רמב"ם פאַרפאַסט?

—אין העברעאיש — דעם ספר „משנה תורה", אָדער „יד החזקה" — א זאַמלונג פון אַלע אידישע געזעצן אין אַ סיסטעמאַטישער אָרדנונג, און אין אַראַביש: מעדיצינישע ווערק, אַ פירוש אויף משניות און אַ רעליגיעז־פילאָזאָפיש בוך מיט׳ן נאָמען „מורה נבוכים" (דער לעצטער פון די פאַר־בלאָנדזשעטע). די לעצטע צוויי ווערק זענען איבערזעצט געוואָרן אויף העברעאיש.

486. וואָס איז געווען דעם רמב"ם'ס ציל מיט׳ן „מורה נבוכים"?

—צו דערקלערן, אַז די אידישע תורה איז ניט אין ווידערשפּרוך מיט דער גריכישער פילאָזאָפיע.

487. וואָס זיינען דעם רמבמ'ס דרייצן עקרים?

—דאָס זיינען די הויפּט דאָגמעס, וואָס אַ איד מוז אין זיי גלויבן. די וויכ־טיקסטע פון זיי זיינען: די איינהייט, אייביקייט און אומקערפּערליכקייט פון גאָט; די אמת'דיקייט און אייביקייט פון דער אידישער תורה; אַז גאָט באַלוינט פאַר גוטע מעשים און באַשטראָפט פאַר שלעכטע (שכר ועונש); דאָס קומען פון משיח און תחית המתים.

488. וואו האָט דער רמב"ם געלעבט?

—ער איז געבאָרן געוואָרן אין קאָרדאָווא, אָבער יונגערהייט האָט ער געמוזט פאַרלאָזן שפּאַניע, ווייל פאַנאַטישע מוסולמענער האָבן דאָרטן געצוואונגען די אידן צו ווערן מאַכמעדאַנער. ער האָט געוואַנדערט אין פאַרשיידענע לענדער. ענדליך האָט ער זיך באַזעצט אין מצרים און איז געוואָרן דער הויף דאָקטאָר ביים סולטאַן אין קאַאיראָ.

489. ווי האָט מען זיך איז יענער צייט צו אים באַצויגן?

—אייניקע אידישע געלערנטע האָבן אים אַנערקענט פאַר'ן העכסטן אויטאָ־ריטעט אין אידישן געזעץ און אין אידישער אמונה, אַנדערע ווידער האָבן אים שטאַרק באַקעמפט פאַר זיין געוואַגטקייט זיך אַרויסצושטעלן אַלס פוסק אחרון און פאַר זיין אַריינברענגען גריכישע און אַראַבישע געדאַנקען אין דער אידישער גייסטיקער וועלט.

490. ווער איז געווען רבי אברהם אבן עזרא, וואָס האָט געלעבט אין 12־טן י"ה?

—אַ שאַרפזיניקער אידישער געלערנטער פון שפּאַניע, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ וויסנשאַפטליכן פירוש אויף תנ"ך און שיינע העברעאישע שירים.

491. וואָס פאַר היסטאָרישע און געאָגראַפישע ביכער זיינען געשריבן געוואָרן אין שפּאַניע אינ'ם סוף פון דעם 12־טן יאָרהונדערט?

—דאָס היסטאָרישע בוך „ספר הקבלה" פון דעם פילאָזאָף אברהם אבן דאוד און „מסעות בנימין" — רייזע באַשרייבונגען פון די אידן אין אייראָפּע, אזיע און אַפריקע פון בנימין פון טודעלאַ.

## קאַפּיטל יט.

# די קרייץ־צוגן אין אייראָפּע

492. וואָס זיינען געווען די קרייץ־צוגן?

— אַ באַוועגונג, אָנגעהויבן אין יאָר 1096 פון דעם פּויבסט אורבאַן, מיט'ן ציל אָפּצונעמען ירושלים פון די מאַכמעדאַנער. (די מענשן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דעם דאָזיקן צוג קיין ארץ ישראל, האָבן געטראָגן אַ קרייץ אויף זייערע קליידער, ווערן זיי דעריבער אָנגערופן „קרייצטרעגער״)

493. פון וואָס פאַראַ קלאַסן זיינען באַשטאַנען די צענדליקער טויזנטער קרייץ־טרעגער?

— פון פּויערים, וועמען מ'האָט צוגעזאָגט צו באַפרייען פון קנעכטשאַפט ביי די פּריצים, פּריצישע „ריטער״, וואָס האָבן זיך געיאָגט נאָך רויב, און אַלערליי אַוואַנטוריסטן. עס זיינען אויך געווען צווישן זיי אידעאַליסטן, וואָס האָבן געהאַלטן פאַר אַ מצוה צו באַפרייען קריסטוס'עס קבר פון די מאַכמעדאַנישע הענט.

494. וואָס האָבן די קרייץ־טרעגער געטאָן מיט די אידן פון די רהיינלענדער אין יאָר 1026 נ. ח. (1096)?

— זיי האָבן חרוב געמאַכט די אידישע קהילות אין וואָרמס, קעלן, מאַינץ און אַנדערע שטעט, האָבן געצווינגען די אידן צום שמד און געטויט די, וואָס האָבן זיך ניט געוואָלט טויפן.

495. ווי האָבן די א דן געהאַנדלט אין דער דאָזיקער אומגליקליכער צייט?

— אַ סך זיינען צעלאָפן, זוכנדיק באַהעלטענישן אין פאַרשיידענע פּלעצער, אָפטמאָל ביי פריינטליכע קריסטן; אַ סך האָבן זיך געלאָזט בעסער אומ־ברענגען אויף קידוש השם, אָדער האָבן זיך אַליין געטויט, כדי ניט אריינ־צופאַלן אין די הענט פון די קרייץ־טרעגער, און אַ צאָל אידן האָבן זיך געטויפט איבערגוואַלט.

496. פאַרוואָס האָבן געליטן פון דעם צווייטן קרייץ־צוג אין יאָר 1077 נ.ח. (1147) נאָר די אידן פון עטליכע קלענערע שטעט אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד?

— ווייל די אידן פון די גרעסערע שטעט האָבן זיך באַהאַלטן אין די באַפעס־טיקטע פּלאַצן פון שטאַרקע באַראָנען, צאָלנדיק זיי זייער פיל געלט פאַר דעם.

497. וועלכע אידן האָבן מער געליטן פון דעם דריטן קרייץ־צוג אין יאָר 1119 נ.ת. (1189)?

— די אידן פון ענגלאַנד.

498. וואָס פאַרא רעכט האָבן געהאַט די אידן אין ענגלאַנד אין יענער צייט?

— פאַר די גרויסע שטייערן, וואָס זיי האָבן געצאָלט דעם קעניג, האָט מען זיי ערלויבט צו קויפן ערד און הייזער און אויך צו האַנדלען.

499. וואָס האָט אויפגערייצט די קריסטן קעגן די ענגלישע אידן אין דער צייט, ווען ריטשאַרד דער ערשטער, דער קעניג פון ענגלאַנד, האָט זיך צוגעגרייט צום דריטן קרייץ־צוג?

—די קנאה און שנאה צו די רייכע פונ'ם פארהאסטן אידישן פאלק, וואס האבן געלעבט אין גרויס לוקסוס אין זייערע שיינע געמויערטע הייזער.

500. וואס האבן די לאנדאנער איינוואוינער צוזאמען מיט די קרייצטרעגער געטאן מיט די אידן?

—זיי האבן זיי געשלאגן, בארויבעט, אונטערגעצונדן זייערע הייזער און פיל פון די אידן פארברענט.

501. וואס איז פארגעקומען מיט די אידן אין יארק, ווען זיי זיינען באפאלן געווארן פון די „קרייצטרעגער"?

—דער רב מיט נאך פיל אידן האבן זיך פארשפארט אין א פעסטונג און זיך פארטיידיגט. ווען ס'איז אויסגעגאנגען די שפייז, האבן דער רב און נאך חשוב'ע אידן זיך אליין געקוילעט, און די איבעריקע זיינען דער'הרג'עט געווארן פון די קריסטן.

---

קאפיטל כ.

# די אידן אין פראנקרייך און אין ענגלאנד פון נאך די קרייץ-צוגן ביז צום גרוש

502. פארוואס האבן זיך די אידן באזעצט אין באזונדערע גאסן פון די שטעט נאך די קרייץ־צוגן?

—ווייל זיי האבן מורא געהאט פאר זייערע פיינטליכע קריסטליכע שכנים.

503. וואס פאר אן ענדערונג איז דעמאלט פארגעקומען אין די פרנסות פון די אידן?

—אידן האבן זיך אויפגעהערט צו באשעפטיקן מיט לאנדווירטשאפט און מיט גרויסהאנדל מיט אויסלאנד. נאר די ארימע און מיטעלע קלאסן האבן זיך פארנומען מיט מלאכה און קליין האנדל, און די פארמעגליכע — מיט לייען געלט אויף פראצענט.

504. פארוואס האבן אידן אויפגעהערט זיך צו באשעפטיקן מיט לאנדווירטשאפט און גרויסהאנדל?

—ווייל זיי האבן מורא געהאט צו וואוינען אין די דערפער צווישן קריסטליכע פריצים און פויערים, און דעם גרויסהאנדל צווישן אייראפע און אזיע האבן איבערגענומען די קריסטן, ווייל די קרייץ־צוגן האבן פארבונדן די מערב לענדער מיט'ן מזרח.

505. וואס האט נאך מער פארשטארקט די שנאה פון די קריסטן צו די אידן?

—דאס וואס די אידישע קרעדיטארן פלעגן נעמען זייער גרויסע פראצענטן. (זיי זיינען געווען געצוואונגען דערצו, ווייל די חובות פלעגן אפט פארלוירן גיין, און ווייל פון יעדער הלואה האט דער איד געמוזט צאלן הויכע שטייערן דעם קעניג אדער דעם פעאדאל).

506. וואס האט דער פראנצויזישער קעניג פיליפ־אווגוסט געטאן צו קריגן פון די אידן גרויסע סומען געלט?

—אין יאר 1181 האט ער ארעסטירט אלע אידן אין פאריז און האט זיי באפרייט פאר 15,000 גאלד מארק. אין א יאר ארום האט ער ארויסגעטריבן

אלע אידן פון פאריזער געגענד און האט צוגענומען זייערע פארמעגנס און אין 16 יאר ארום האט ער ווידער געגומען א גרויסע סומע פאר'ן ערלויבן זיי צו קומען צוריק.

507. וואס פאר א גזרה אויף די אידן האט ארויסגעגעבן דער פויבסט אינאצענץ דער דריטער אין יאר 1145 נ.ח. (1215) ?

—אז אידן אין אלע לענדער זאלן טראגן באזונדערע קליידער, ניט אזעלכע ווי די קריסטן טראגן, כדי אלע זאלן זען די אידן ווי פארשאלטענע מענשן.

508. ווי האט מען אויסגעטייטשט שפעטער אט דעם געזעץ אין פראנקרייך און אין דייטשלאנד ?

—אז אידן מוזן טראגן א געלע לאטע אויף זייערע אויבער־רעק אלס א שאנד פלעק.

509. פארוואס האט דער פראנצויזישער קיסר לודוויק געלאזט עפנטליך פאר־ברענען די תלמוד־ביכער אין יאהר 1172 נ.ח. (1242) ?

—ווייל א משומד האט געזאגט, אז אין תלמוד געפינען זיך שענדליכע אויס־דריקן קעגן קריסטן.

510. ווער האט געדארפט אכטונג געבן אויף דער אויפפירונג פון די אידן ?

—די קריסטליכע אינקוויזיציע — א געריכט־הויז (טריבונאל) פון פאנאטישע גלחים, וואס פלעגט אויסזוכן אפיקורסים און זיי פאר'משפט'ן פארברענט צו ווערן לעבעדיקערהייט.

511. וואס פארא בלבולים פלעגן די גלחים מאכן אויף די אידן ?

—אז זיי קוילענען פאר פסח א קריסטליך קינד און פארמישן זיין בלוט אין דער מצה־טייג און אז זיי גנב'ענען פון דער קירך דאס הייליקע ברויט (דעם סימבאל פון יעזוסעס קערפער) און שטעכן עס מיט מעסערס.

512. וואס פלעגט די אינקוויזיציע טאן אויפ'ן גרונט פון אט די בלבולים ?

—זי פלעגט פאר'משפט'ן אומשולדיקע אידן, קאנפיסקירן זייער פארמעגן און זיי לאזן פארברענען לעבעדיקערהייט.

513. ווי האט מען באהאנדלט די אידן אין ענגלאנד אין דעם דרייצענטן יאר־הונדערט ?

—אויך דארטן האט מען זיי געצוואונגען צו טראגן געלע לאטעס און געמאכט אויף זיי עלילות דם (בלוט בלבולים).

514. וואס איז פארגעקומען אין דער שטאט לינקאלן נאך אן עלילת דם ?

—18 אידן האט מען אויפגעהאנגען, און די איבעריקע אידן פון דער קהילה האבן זיך אויסגעקויפט ביים קעניג מיט געלט.

515. וואס פאר א גזרה האט ארויסגעגעבן דער ענגלישער קעניג עדוארד וועגן די אידן אין 1220 נ.ח. (1290) ?

—אז אלע אידן מוזן פארלאזן ענגלאנד אין פארלויף פון דריי מאנאטן און זייערע הייזער מוזן זיי איבערלאזן פאר דער קעניגליכער קאסע.

516. וואוהין זיינען אוועק די 16,000 אידן, וואס האבן דעמאלט פארלאזן ענגלאנד ?

—קיין פראנקרייך, דייטשלאנד און שפאניע.

517. וואס איז אזוינס די גזרת הרועים (פאסטוכער גזרה) ?

—אין דעם יאר 1250 נ.ח. (1320) זיינען פאסטוכער, פויערים און גלאט

רויבער געגאנגען פון שטאָט צו שטאָט פון טולוז ביז באָרדאָ (פראנקרייך), געראַבירט, געבּרענט אידישע הייזער און אויסגע׳הרג׳עט א מאַסע אידן, ווייל א פּאַסטוך האָט דערציילט, אז גאָטס מאַמע האָט אים געזאָגט, מ׳זאָל גיין שלאָגן אידן.

518. וואָס פאר א באַפעל וועגן אידן האָט ארויסגעגעבן קאַרל דער זעקסטער אין דעם יאָר 1324 נ.ח. (1394) ?

—ארויסצוטרייבן אַלע אידן פון פראַנקרייך אויף אייביק.

קאַפּיטל כא.

# די אידן אין דער קריסטליכער שפּאַניע אין 13־טן י. ה.

519. ווי האָט זיך געענדיקט דער קאַמף צווישן די קריסטן און מוסולמענער אין שפּאַניע אין דעם 13־טן יאָרהונדערט ?

—די קריסטן האָבן געזיגט. די מוסולמענער זיינען ארויסגעשטופּט געוואָרן פון די מערסטע שפּאַנישע פּראָווינצן און זיי זיינען געבליבן נאָר אין גראַנאַדע. די קריסטליכע מלוכות אין שפּאַניע, אַראַגאָניע און קאַסטיליע, זיינען אַזוי אַרום געוואָרן שטאַרקער.

520. פאַרוואָס האָבן די קריסטליכע מלכים פון שפּאַניע געהאַלטן ביי זיך אידישע דיפּלאָמאַטן, פינאַנץ מיניסטאָרן און דאָקטוירים ?

—ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז די אידן האָבן פיל געהאָלפן דעם אויפבוי פון שפּאַניע אין דער צייט פון דער אַראַבישער הערשאַפט.

521. וואָס האָט ארויסגערופן אין שפּאַניע דעם רעליגיעזן וויכוח צווישן דעם משומד פּוילוס קריסטיאַני און דעם גרויסן אידישן געלערנטן רבי משה בן נחמן (רמב״ן) אין יאָר 1263 ?

—דאָס, וואָס דער דאָזיקער משומד האָט זיך אָנגענומען צו באַווייזן פון דער תורה, אַז משיח איז שוין געקומען אין דער פּערזאָן פון קריסטוסן.

522. וואָס פאַר א באַווייז האָט דער רמב״ן אָנגעגעבן, אַז משיח איז נאָך ניט געקומען ?

—דאָס, וואָס די פעלקער פירן נאָך מלחמות צווישן זיך, און לויט די רייד פון די נביאים וועלן מער קיין מלחמות ניט פאָרקומען נאָכדעם, ווי משיח וועט קומען.

523. וואָס האָט דעמאָלט דער קעניג יעקב I געטאָן ?

—אונטער דעם איינפלוס פון די גלחים האָט ער פאַרברענט דאָס בוך, וואָס דער רמב״ן האָט אין אים פאַרשריבן זיינע ענטפערס צו דעם משומד, און האָט ארויסגעטריבן דעם רמב״ן. (פון דעמאָלט אָן האָט דער רמב״ן געלעבט אין ירושלים ביז זיין טויט אין יאָר 1270).

524. ווי איז דעמאָלט געווען די עקאָנאָמישע לאַגע פון די שפּאַנישע אידן ?

—זייער גוט. דער גאַנצער האַנדל איז געווען אין די אידישע הענט. אין קאַסטיליע זיינען געווען אידישע פינאַנץ מיניסטאָרן און שטייער זאַמלער. די רייכע אידן האָבן געלעבט אין גרויס לוקסוס.

קאפיטל כב.

# דער קאמף איבער דעם רמב"מ'ס ביכער און די פארשפרייטונג פון דער קבלה

525. וואס פאר א גייסטיגע ריכטונגען האבן געהערשט ביי די אידן אין שפאניע אין יענער צייט?

—די ליבעראלע ריכטונג פון רמב"ם און די רבנ'ישע קאנסערוואטיווע ריכטונג.

526. אין וואס איז באשטאנען דער אונטערשייד צווישן די צוויי ריכטונגען?

—די געלערנטע פון דער ליבעראלער ריכטונג האבן געהאלטן, אז „מען דארף פאראייניקן אמונה מיט פילאזאפיע, און דעריבער דארף מען אויך שטודירן נאטור־וויסנשאפט און פילאזאפיע, און די רבנים פון דער צווייטער ריכ־טונג זיינען געווען מיט דער מיינונג, אז מען טאר ניט אריינברענגען קיין חקירה אין די ענינים פון אמונה, ווייל דער פרייער שכל איז שעדליך צום גלויבן פון דער רעליגיע, און די וויסנשאפטן און פילאזאפיע דערווייטערן דעם אידן פון תורה און מצוות". (דובנאוו).

527. ווען האט אויסגעבראכן אט דער קולטור קאמף?

—א יאר 30 נאכ'ן רמב"מ'ס טויט.

528. וואס האט שלמה פון מאנפעליע (דרום פראנקרייך) מיט נאך פאנאטישע רבנים געטאן אפצוהאלטן די פארשפרייטונג פון פילאזאפיע צווישן די אידן?

זיי האבן אויסגערופן א חרם (אויסשליסונג פון דער אידישער געמיינדע) אויף די וואס לייענען פילאזאפישע ביכער און באזונדערס די ספרים „מורה נבוכים" און „ספר המדע" (א טייל פון יד החזקה) פון רמב"ם.

529. וואס האבן דעמאלט געטאן די אנהענגער פון דעם רמב"ם?

—זיי האבן פראטעסטירט קעגן אט דעם חרם און געשריבן א רייע ווערק, פארטיידיקנדיק דאס לייענען פילאזאפישע ביכער.

530. וואס פאר א פארברעכן האבן דעמאלט אפגעטאן די פאנאטישע רבנים?

—זיי האבן פאר'מסר'ט פאר די קאטוילישע אינקוויזיטארן, אז אין רמב"מ'ס ביכער געפינען זיך אפיקורסישע געדאנקען און אז זיי דארפן דעריבער פארברענט ווערן.

531. וואס האבן דעמאלט די אינקוויזיטארן געטאן אין מאנפעליע און אין פאריז?

—זיי האבן פארברענט דעם רמבמ'ס ביכער אין יאר 1163 נ.ח. (1233).

532. אין וואס פאר אן אומגליק האט דאס אידישע פאלק געזען גאטס שטראף פאר דער דאזיקער מסירה צו דער אינקוויזיציע?

—אין דעם, וואס אין עטליכע יאר ארום האבן די אינקוויזיטארן אין פאריז פארברענט אויך די ספרים פון תלמוד.

533. וואס האט דער בארצעלאנער רב רשב"א (רבי שלמה בן אדרת) מיט נאך אנדערע רבנים געטאן אפצוציען יונגע לייט פון דער פילאזאפיע?

—אין יאר 1305 האבן זיי אויסגערופן א חרם קעגן יונגעלייט אינגער פון 25 יאר, וואס ווילן לערנען פילאזאפיע און וועלטליכע וויסנשאפט, א חוץ מעדיצין.

534. וואָס פאַר אַ ווירקונג האָט דער דאָזיקער חרם געהאַט אויפ'ן גייסטיקן לעבן פון די אידן אין שפאַניע?

—דאָס האָט געמאַכט אַן ענד צו דער גאָלדענער צייט פון וויסנשאַפט, קונסט און פילאָזאָפיע צווישן די אידן אין שפאַניע.

535. וואָס פאַר אַ גייסטיקע שטרעמונג האָט פון יענער צייט אָן פאַרנומען ביי די אידן דעם אָרט פון פילאָזאָפיע?

—די קבלה.

536. וואָס איז אַזוינס קבלה?

—אַ געהיימע רעליגיעזע לערע, וואָס באַהאַנדלט פאַרשיידענע פראַגן וועגן גאָט און מענש, וועלט־באַשאַפונג און וועלט־פירונג, וועגן דעם וועג צו גאָט און צו די עולמות העליונים, וועגן דער וועלט און יענער וועלט, וועגן נשמות און גייסטער, מלאכים און שדים, וועגן גוטס און שלעכטס, משיח און גאולה. א.ד.ג.

537. אויף וואָס שטיצט זיך די קבלה?

—אַזוי ווי דער תלמוד, שטיצט זיך אויך די קבלה אויף די ווערטער און אפילו אויף די אותיות פון דער תורה, לערנענדיק, אַז די תורה אנטהאַלט אין זיך אַלע סודות פון דער וועלט, און אַז דאָס, וואָס געוויינליכע מענטשן זעען אין דער תורה, איז נאָר דער לבוש, ניט די תורה אַליין.

538. פאַרוואָס רופט זיך די דאָזיקע לערע קבלה?

—ווייל זי איז איבערגעגעבן געוואָרן דורך די מקובלים (קאַבאַליסטן) אַלס טראַדיציע (קבלה) פון דור צו דור.

539. וואָס לערנט די קבלה וועגן דער נשמה?

—אַז דעם מענטשנס נשמה קומט פון הימל אויף דער ערד און נאָך זיין טויט הויבט זי זיך אויף צום הימל. און אויב זי איז זייער זינדיק, גייט זי אריין אין אַ גוף פון אַן אנדער מענטשן אָדער פון אַן אנדער לעבעדיקער באַשעפעניש (דאָס רופט זיך גלגול הנפש).

540. וואָס לערנט די קבלה וועגן גייסטער?

—אַז עס זיינען דאָ ריינע מלאכים אין הימל און אומריינע קליפות, אָדער שדים, אויף דער ערד, וואָס מאַכן דעם מענטשן זינדיקן און מען דאַרף זיך היטן פון זיי.

541. וועלכער ספר איז דאָס קלאַסישע בוך פון קבלה?

—דער זהר (שיין) וואָס איז געשריבן אין אַראַמיש אין אַ פאָרם פון אַ מיסטישן פירוש אויף דער תורה, און וואָס אנטהאַלט אין זיך די יסודות פון קבלה.

542. וואָס זיינען די מיינונגען וועגן דער אָפּשטאַמונג פון דעם זהר?

—אַ סך אידן גלויבן, אַז דער תנא רבי שמעון בר יוחאי איז דער מחבר פון דעם זהר און משה די ליאָן האָט אים אנטדעקט און פאַרשפּרייט אין 13־טן י. ה.; אנדערע דענקען, אַז משה די ליאָן האָט אים אַליין פאַרפאַסט; אָבער נעענטער צום אמת איז די מיינונג, אַז משה די ליאָן האָט מסדר געווען די שריפטן פון קבלה, וואָס ער האָט געפונען פון די פריערדיקע צייטן (אַזוי ווי רבי יהודה הנשיא און רב אשי האָבן געטאָן

מיט דער משנה און דער גמרא) און האָט צוגעלייגט זיינע אייגענע חבורים אין קבלה.

543. וואָס איז געווען די הויפּט אורזאַך, וואָס האָט אַרויסגערופן די אַנטוויקלונג פון קבלה אין דעם 13־טן און 14־טן י. ה. ?

—די פאַרפאָלגונגען, וואָס די אידן זיינען אויסגעשטאַנען אין יענע צייטן, האָבן געבראַכט צו דעם, אַז זיי זאָלן זוכן אַ טרייסט אין קבלה, וואָס מאַלט מיט אַזוינע ליכטיקע פאַרבן דאָס לעבן אויף יענער וועלט און אין משיח'ס צייטן.

544. אין וואָס פאַר אַ מאָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן די לערע פון דער קבלה צווישן פאָלק ?

—מיט דער קבלה האָבן זיך פאַרנומען נאָר יחידי סגולה, די מקובלים, וואָס האָבן געדענקט, אַז די סתרי תורה טאָרן ניט איבערגעגעבן ווערן צו יעדן איינעם.

545. וואָס האָט רעגולירט דאָס לעבן פון די אידישע מאַסן אין יענער צייט ?

—די געזעצן פון די רבנים, וואָס האָבן איינגעשטעלט דעם גאַנצן לעבענס־שטייגער פון דעם אידן דורך הונדערטער דינים פון תלמוד און פּוסקים.

546. וואָס פאַרא ביכער זיינען די פּוסקים.

—געזעצביכער, זאַמלונגען פון אַלע תלמוד'ישע און נאָך־תלמוד'ישע דינים און מנהגים.

547. וואָס איז דאָס וויכטיקסטע געזעץ־בוך, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן אין יענער צייט ?

—די פיר „טורים" פון רב יעקב בן אשר, וואָס באַהאַנדלט אַלע אידישע דינים און מנהגים.

548. פון וועלכע טיילן באַשטייען די „טורים" ?

—פון „ארח חיים" — דינים פון בית־המדרש, תפילות, שבת און יום טוב; „יורה דעה" — דינים פון כשר און טרפה; „אבן עזר" — געזעצן פאַר פאַמיליע־לעבן, און „חשן־משפּט" — ציווילע געזעצן.

549. וואָס פאַר אַ געזעץ־בוך איז שפּעטער געשריבן געוואָרן לויט'ן פּלאַן פון די „טורים" און איז אָנגענומען געוואָרן ביי אַלע אידן ?

—דער „שלחן ערוך" פון יוסף קארו (1535).

---

קאַפּיטל כג.

## די שלעכטע צייט פאַר די אידן אין שפּאַניע ביזן גרוש

550. וואָס האָט פאַרשטאַרקט די אידן־פיינטשאַפט פון די קריסטן אין שפּאַניע אין דעם 14־טן י"ה ?

—די העצעס פון די גלחים און די קנאה פון פאָלק צו די רייכע אידן.

551. **וואָס זיינען געווען די רעזולטאַטן דערפון ?**

—אַ סך קריסטן, וואָס זיינען געווען צערייצט אויף די אידן דורך די העצעס פון די גלחים, האָבן אין פאַרשיידענע שטעט אונטערגעצונדן אידישע הייזער, אויסגע'הרג'עט טויזנטער אידן און געצוואונגען זייער אַ גרויסע

צאָל פון זיי זיך צו שמד'ן. באַזונדערס האָבן דעמאָלט געליטן די אידן פון סיווילִיע (1391).

552. פאַרוואָס איז די צאָל פון די אידן, וואָס האָבן זיך אין יענער צייט געלאָזט טויטן אויף קידוש השם, אין שפּאַניע געווען פיל קלענער, איידער אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך אין דער צייט פון די קרייץ־צוגן ?

—ווייל די דייטשע און פראַנצויזישע אידן האָבן געקראָגן א שטרענג רעליגי־עזע דערציאונג, און די שפּאַנישע אידן זיינען געווען געוואוינט אין א היב־שער מאָס צום פרייען געדאַנק.

553. ווי רופן זיך די אידן, וואָס האָבן זיך גע'שמד'ט איבערגעוואַלט ?

—אַנוסים. די קריסטן האָבן זיי גערופן מאַראַנען (שווייגען).

554. ווי האָבן זיך אָנגעהויבן די רעליגיעזע וויכוחים אין יענער צייט ?

—די משומדים שלמה הלוי (שפּעטער: דער בישאָף פּאָול דע סאַנטע מאַריע) און יהושע לאָרקי (שפּעטער: דער מיסיאָנער געראָנימאָ דע סאַנטע פע) האָבן איינגערעדט דעם פויבסט בענעדיקט דעם דרייצנטן צונויפצורופן אין שפּאַניע די אידישע רבנים און געלערנטע אויף א רעליגיעזן דיספּוט מיט די גלחים.

555. ווי לאַנג האָט זיך געצויגן אָט דער דיספּוט ?

ארום $1\frac{1}{2}$ יאָר (1412—1413) אויף 69 פאַרזאַמלונגען.

556. ווער זיינען געווען די הויפּט רעדנער אינ'ם דיספּוט ?

—פון אידישן צד — ר' יוסף אַלבו (דער מחבר פון „ספר העקרים” וועגן די אידישע דאָגמעס) און פון דעם קריסטליכן צד — דער משומד געראָנימאָ. דער פויבסט בענעדיקט XIII איז געווען פאָרזיצער.

557. וואָס האָבן די גלחים געטאָן, זעענדיק, אַז מיט וויכוחים קען מען גאָר ניט מאַכן מיט די אידן ?

—זיי האָבן ווידער געצוואונגען אידן צום שמד דורך פּאָגראָמען.

558. ווי האָבן זיך די אַנוסים אויפגעפירט ?

—עפנטליך האָבן זיי באַזוכט די קירך, און פאַרבאָרגענערהייט פלעגן זיי אָפּהיטן אידישקייט.

559. וואָס פאַר אַן ענדערונג איז פאָרגעקומען אין דער פּאָליטישער לאַגע פון שפּאַניע אין דעם סוף פון 15־טן י. ה. ?

—די קאַסטילישע קעניגין איזאַבעלאַ האָט חתונה געהאַט מיט'ן אַראַגאָנישן קעניג פערדינאַנד און דערמיט האָבן זיי פאַראייניקט זייערע מלוכות אין איין גרויסער שפּאַנישער קעניגרייך.

560. צו וואָס האָבן זיי ביידע געשטרעבט ?

—אויסצוראָטן אַלע ניט־קאַטאָליקן פון שפּאַניע, כדי צו פאַרוואַנדלען שפּאַניע אין א ריין קאַטוילִיש לאַנד.

561. וואָס האָבן זיי געגרינדעט אין שפּאַניע מיט דער ערלויבעניש פונ'ם רוימישן פויבסט כדי צו דערגרייכן אָט דעם ציל זייערן ?

—אַן אינקוויזיציע, וואָס זאָל באַשטראָפן אַלע פאַלשע קריסטן.

562. וואָס פאַרא מאַטעריעלע נוצן האָבן זיי געהאַט דערביי אין זינען ?

—צוצונעמען פאַר זיך די פאַרמעגנס פון די רייכע מאַראַנען, לויט'ן געזעץ פון דער אינקוויזיציע.

563. ווען האָט זיך געעפענט דער ערשטער מִשפּט פון דער אינקוויזיציע אין סעווילאַ ?
—אין יאָר 1411 נאָכ׳ן ח. ב. ש. (1481).
564. ווער איז אין צוויי יאָר אַרום באַשטימט געוואָרן פאַר דעם גרויס־אינקוויזיטאָר ?
—דער קעניגינ׳ס פאַנאַטישער הויף גלח, טאָמאַס טאָרקוועמאַדאַ.
565. וואָס האָט מען שטרענג פאַרזאָגט אַלע קריסטען בנוגע די אַנוסים ?
—זיי זאָלן אויספאָרשן דאָס לעבן פון די מאַראַנען און דערציילן דער אינקוויזיציע וועגן אַלע שפּורן פון אידישקייט, וואָס זיי וועלן געפינען ביי זיי.
566. וואָס איז דערפון אַרויסגעקומען ?
—די אַרעסטירטע מאַראַנען האָבן אין גיכן פול געמאַכט די תפיסות פון דער אינקוויזיציע.
567. וואָס פלעגט מען טאָן מיט די אַרעסטירטע אַנוסים ?
—מ׳האָט זיי שרעקליך געפייניקט: ברעכענדיק זיי די ביינער מיט אייזערנע צוואַנגען, ברעכענדיק זיי די פיס, קייקלענדיק זיי אין פעסער מיט שפּיציקע טשוועקעס פון אינווייניק און נאָך אַזעלכע עִנויים — כדי זיי זאָלן זיך מודה זיין אין זייערע „זינד״ און אָנווייזן זייערע „זינדיקע״ קרובים און פריינט.
568. מיט וואָס פלעגן זיי באַשטראָפן די שולדיקע ?
—זיי פלעגן זיי פאַרברענען לעבעדיקערהייט.
569. ווי האָט מען גערופן די צערעמאָניע פון פאַרברענען ?
—אויטאָ־דאַ־פע (דער אַקט פון גלויבן).
570. וויפיל אַנוסים זיינען פאַרברענט געוואָרן אין סעווילאַ אין משך פון 10 מאָנאַטן אין יאָר 1411 נ.ח. (1481) ?
—דריי הונדערט.
571. וואָס פאַר אַ דעקרעט האָבן פערדינאַנד און איזאַבעלאַ אַרויסגעגעבן אין אַפּריל 1422 נ.ח. (1492), כדי צו מאַכן שפּאַניע אַ ריין קריסטליך לאַנד ?
—אַז אין משך פון דריי מאָנאַטן מוזן אַלע אידן, וואָס האָבן זיך ניט געשמד׳ט, פאַרלאָזן שפּאַניע און זיי טאָרן ניט מיטנעמען קיין גאָלד, זילבער אָדער געלט. און ווער ס׳וועט בלייבן וועט ווערן געטויט, סיידן ער וועט אָננעמען דעם קריסטליכן גלויבן.
572. וואוהין האָבן אייגעוואַנדערט די אַרויסגעטריבענע אידן פון שפּאַניע ?
—אַ טייל פון זיי — קיין פּאָרטוגאַל, אַ טייל — קיין איטאַליע און אַנדערע אין די לענדער פון צפון אַפריקע.
573. אויף ווי לאַנג האָט דער קעניג פון פּאָרטוגאַל, יואַן, ערלויבט די אידישע אימיגראַנטן פון שפּאַניע צו בלייבן אין זיין לאַנד ?
—פאַר אַ גרויסע סומע געלט, וואָס ער האָט גענומען פון יענע אידן, האָט ער זיי ערלויבט צו בלייבן אין לאַנד אַכט חדשים.
574. וואָס האָט ער געטאָן מיט די אידן, ווען דער טערמין האָט זיך געענדיקט ?
—די, וואָס האָבן געהאַט געלט אויף רייזע קאָסטן, האָט ער אַרויסגעטריבן, און די, וואָס האָבן ניט געהאַט גענוג געלט, האָט מען פאַרקויפט פאַר

קנעכט און זייערע קינדער געטויפט.

575. ווען זיינען אַלע אידן אַרויסגעטריבן געוואָרן פון פּאָרטוגאַל?

—אין יאָר 1428 נ.ח. (1498), זעקס יאָר נאָך גרוש שפּאַניע.

576. וואָס האָבן גלחים און סאָלדאַטן געטאָן מיט קינדער פון די פּאָרטוגעזישע אידן פאַר זייער אַרויספאָרן פון לאַנד?

—זיי האָבן זיי געשלעפּט אין די קירכן און געטויפט.

577. וואָס האָבן געטאָן די עלטערן, וואָס האָבן געוואָלט בלייבן מיט זייערע קינדער?

—זיי האָבן זיך געטויפט.

578. וואָס איז פאָרגעקומען מיט די פּאָרטוגעזישע אידן אויפ'ן וועג?

—פיל פון זיי זיינען געשטאָרבן פון הונגער און קראַנקהייטן און א טייל זיינען אריינגעפאַלן אין די הענט פון ים-רויבער און פארקויפט געוואָרן פאַר קנעכט.

579. מיט וואָס האָבן אידן געהאָלפן קאָלאָמבוסן אין דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע, ווען ער האָט געמאַכט זיין באַוואוסטע רייזע אויף מאָרגן נאָך גרוש שפּאַניע?

—דער אידישער דאָקטאָר וויצינעהו האָט איבערזעצט פאַר קאָלאָמבוסן פון העברעאיש אויף שפּאַניש דעם אַסטראָנאָמישן בוך וועגן די שטערן פון דעם אידישן פּראָפעסאָר זאַקוטא, און דורך דעם האָט קאָלאָמבוס געוואוסט דעם וועג אויפ'ן אָקעאַן. איינער פון די אידישע אַנוסים, לואיס דע סענטאַגעל, האָט געגעבן קאָלאָמבוסן זייער אַ גרויסע סומע געלט אויף זיין רייזע. און עטליכע אידן זיינען מיטגעפאָרן מיט קאָלאָמבוסן און אַזוי אַרום אים געהאָלפן צו אַנטדעקן אַמעריקע.

---

קאַפּיטל כד.

## די אידן אין דייטשלאַנד פון 12-טן ביז'ן 15-טן י.ה.

580. וואו איז געווען אין מיטלאַלטער דער גרעסטער אידישער צענטער אויסער שפּאַניע?

—אין דייטשלאַנד.

581. ווי איז געווען די אידישע לאַגע אין דייטשלאַנד נאָך די קרייץ-צוגן?

—זייער שלעכט. זיי זיינען געבליבן אָרים און דערשלאָגן, גע'רודפ'ט פון זייערע קריסטליכע שכנים און געלעבט נאָר מיט'ן חסד פון די קעניגן און גראַפן, וואָס האָבן זיי באַשיצט פון פּאָגראָמען.

582. פאַרוואָס האָט מען גערופן די דייטשע אידן „האַמער-קנעכט" (דינער פון קעניגליכן הויף)?

—ווייל די דייטשע קיסרים האָבן באַטראַכט די אידן ווי זייער אַ ירושה, וואָס זיי האָבן געקראָגן פון די רוימישע קיסרים, און דעריבער האָבן זיי געהאַלטן פאַר זייער פליכט זיי צו באַשיצן. זיי האָבן אָבער גענומען פון די אידן גרויסע שטייערן פאַר דעם דאָזיקן שוץ.

583. מיט וואָס האָבן די גלחים און די הערשער געזוכט צו מאַכן די אידן לעכערליך ביי די קריסטן אין די אויגן?

—מיט דעם, וואָס זיי האָבן זיי געצוואונגען צו טראָגן געלע לאַטעס אויף זייערע מאַנטלען, אָדער שפּיציקע היט מיט הערנער.

.584 ווי רופט מען די באזונדערע גאסן, וואס נאר אין זיי האבן די אידן געמעגט וואוינען ?

—געטא.

.585 וואס איז געווען דער אפשטאם פון דער געטא ?

—צום אנפאנג האט דער גרעסטער טייל פון די אידן אין זייערע נייע ישובים זיך באזעצט אין באזונדערע גאסן פון די שטעט, כדי זיך צו פילן היימישער אין דער פרעמדער סביבה. שפעטער, אין דער צייט פון די קרייץ־צוגן און אנדערע פאגראמען, האבן זיך אויך די ווייניקע אידן, וואס האבן גע־לעבט אויסער דער געטא, אריינגעצויגן אין די אידישע גאסן, כדי צו געפינען שוץ צווישן זייערע ברידער. אט דעם פאקט האבן די הערשער אויסגענוצט און פארבאטן די אידן צו וואוינען אויסער דער געטא.

.586 וואו האט זיך דער איד געפילט גייסטיק פריי פון אויסערליכן דרוק ?

—אין דער קהילה, ארום זיינע שולן. די רבנים און גבאים האבן פארגעשטעלט מיט זיך די אינערליכע רעגירונג, די אידישע אויטאנאמיע. זיי האבן געשאפן ארדנונג אין דער אידישער געזעלשאפט, געזארגט וועגן צדקה, קינדער ערציאונג און אויך וועגן שוץ קעגן אנפאלן פון די קריסטן.

.587 וואס פארא בלבולים פלעגן די קריסטן מאכן אויף די אידן פון דייטשלאנד ?

—די זעלבע עלילות דם ווי אין פראנקרייך. ווען נאר מ׳פלעגט געפינען ערגעץ א טויטן קערפער, פלעגט מען באשולדיקן די אידן און די קריסט־ליכע מאסע פלעגט זיי שלאגן. אין פולדא, למשל, האט מען אין יאר 1235 אויסגעקוילעט 30 אידישע פאמיליעס, ווייל מ׳האט געפונען פינף טויטע קינדער פון א קריסטליכן מילנער.

.588 צו וואס פאר א באשלוס איז געקומען די קאמיסיע, וואס דער קיסר פרידריך דער צווייטער האט באשטימט אויסצופארשן, אויב דער עלילת דם איז אמת ?

—אז די בלוט בלבולים האבן ניט קיין גרונד.

.589 וואס פאר א דעקרעט וועגן דעם ענין האט דער פויבסט אינאצענט דער פער־טער פאנאנדערגעשיקט צו די בישאפס אין אלע לענדער אין יאר 1177 נ.ח. (1247) ?

—אז זיי זאלן ניט דערלאזן די גלחים אדער די שררות צו פייניגן די אידן אויפ׳ן גרונד פון די פאלשע בלוט בלבולים.

.590 וואס אזוינס איז געווען דער שווארצער טויט (1348־1349) ?

—אן עפידעמישע קראנקהייט אין צענטראל איירא פע, וואס האט אוועקגע־רויבט הונדערטער טויזנטער לעבנס פון קריסטן און אויך פון פיל אידן, אבער אין א קלענערער צאל ווי פון די קריסטן, א דאנק זייער אפגעהיט־קייט און ריינליכקייט.

.591 וואס פאר א ווירקונג האט אט די געשעעניש געהאט אויף די דייטשע אידן ?

—ס׳האט זיך פארשפרייט א קלאנג, אז די אידן זיינען שולדיק אין דער מגפה, ווייל זיי האבן פאר׳סמ׳ט די ברינימער, און די קריסטן האבן אויסגע־הרג׳עט טויזנטער אידן אין א סך שטעט, ווי אין שטראסבורג, קעלן, מאינץ, ווארמס און פראנקפורט.

592. וואָס האָבן זיי געטאָן מיט די אידן פון שטראַסבורג ?
—זיי האָבן פאַרטריבן 2,000 אידן אויפ'ן בית עולם און זיי פאַרברענט; נאָר די, וואָס האָבן זיך געטויפט, האָבן זיך געראַטעוועט.
593. וואָס האָבן געטאָן די אידן פון מאַינץ ?
—פריער האָבן זיי זיך פאַרטיידיקט און דערביי אויסגע'הרג'עט 200 פון די קריסטליכע אָנפאַלער, און ווען דאָס האָט האָט נאָך מעהר צערייצט די קריסטן, און די אידן האָבן געזען, אַז זיי קענען זיך שוין מער ניט פאַרטיידיקן, האָבן זיך זעקס טויזנט אידן פאַרברענט אין זייערע הייזער. אויך אין וואָרמס האָבן זיך פיל אידן אליין פאַרברענט.
594. וואָס האָבן געטאָן די אידן וואָס זיינען געבליבן לעבן?
—זיי זיינען אַנטלאָפן אין אַנדערע לענדער, באַזונדערס קיין פוילן.
595. אויף וועלכע באַדינגונגען האָבן די דייטשע מאַגיסטראַטן (שטאָט-פאַרוואַל־טונגען) אריינגעלאָזן די אַנטלאָפענע אידן צוריק ?
—אַז זיי מעגן וואוינען אין די שטעט נאָר ביז וואַנען דער מאַגיסטראַט וועט ערלויבן; אַז זיי דאַרפן צאָלן ספּעציעלע שטייערן דעם מאַגיסטראַט, דעם פירשט, דעם בישאָף און דעם קיסר; מ'טאָר זיי ניט אריינגעמען אין די צעכן (פאַרבאַנדן פון סוחרים און בעלי־מלאכות). מ'האָט זיי ערלויבט זיך צו באַשעפטיקן מיט געלט קרעדיט, אָבער אָפט פלעגן די הערשער באַ־פרייען די בעלי חובות פון אָפּצאָלן זייער חוב דעם אידן, אָדער זיי פלעגן אַליין אָפּנעמען ביי אים אַ טייל פון זיין געלט.
596. פון וועלכע שטעט האָבן די הערשער פון דייטשלאַנד ארויסגעטריבן די אידן ?
—פון ווין (1421), מאַינץ, מאַגדענבורג און אַנדערע.
597. ווי איז געווען די קולטורעלע לאַגע פון די דייטשע אידן אין יענער צייט ?
—אַלע זיינען דאָרטן געווען פרום און ווייט פון וועלטליכע וויסענשאַפטן. געלערנט אין די חדרים און ישיבות האָט מען נאָר די רעליגיעזע ליטעראַטור.
598. פון וואָס איז באַשטאַנען זייער ליטעראַטור ?
—**פון פירושים צום תלמוד, „שאלות ותשובות" וועגן רעליגיעזע און ציווילע געזעצן און „מוסר ספרים" אין גייסט פון דער אגדה.**
599. וועלכע זיינען די פּאָפּולערסטע מוסר־ספרים פון יענער צייט ?
—דער „ספר חסידים", וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן אין העברעאיש פון רבי **יהודה החסיד, און דער „ספר המדות" („דאָס זיטן בוך"), וואָס איז פאַר־**פאַסט געוואָרן אין דער דייטש־אידישער פאָלקס־שפּראַך (אידיש).
600. וואָס באַהאַנדלען די האַזיקע מוסר־ספרים ?
—פראַגן פון מאָראַל און פרומקייט און אויך פון דעם, וואָס עס קומט פאָר אויף יענער וועלט, נאָכ'ן טויט. די וויכטיקסטע מצוות זיינען, לויט אָט די מוסר־ספרים, ערליכקייט און גערעכטיקייט.

---

קאַפּיטל כה.

# די ערשטע אידישע ישובים אין פוילן

601. ווען האָבן אידן אָנגעהויבן זיך צו באַזעצן אין פוילן ?
—אין דעם 9־טן יאָרהונדערט. מען דענקט, אַז די ערשטע אידן אין פוילן

זיינען געקומען פון דעם באזארן־לאנד.

602. וואס פארא געזעצן וועגן די אידישע רעכט אין פוילן האט ארויסגעגעבן דער גרויספוילישער פירשט באלעסלאוו פון קאליש אין יאר 1264 ?

— אז די אידן האבן דאס רעכט צו פירן געשעפטן אין פוילן און צו האבן אן אייגענע זעלבסט פארוואלטונג ; אז די פוילישע רעגירונג דארף זיי באשיצן פון אנפאלן, און אז עס איז פארבאטן צו מאכן אויף די אידן עלילות דם.

603. פארוואס האט זיך באזונדערס פארמערט די צאל אידן אין פוילן אין דער צייט פון דעם קעניג קאזימיר דעם גרויסן (1333־1370), וואס האט פאר־אייניקט און פארשטארקט די פוילישע מלוכה ?

— ווייל קאזימיר האט ארויסגעגעבן גוטע געזעצן פאר די פוילישע אידן, כדי זיי זאלן פארגרעסערן אין פוילן דעם האנדל און האנטווערק, און דערצו איז דאס געווען די צייט פון דעם „שווארצן טויט" אין דייטשלאנד, ווען די אידן זיינען געלאפן מאסנווייז פון דייטשלאנד קיין פוילן.

604. ווען האבן זיך די אידן באזעצט אין ליטע ?

— אין דעם פערצנטן י.ה., ווען פוילן האט זיך פאראייניקט מיט ליטע.

605. וואס האט וויטאווט, דער ליטווישער גרויספירשט געטאן פאר די אידן ?

— ער האט זיי דערלויבט צו וואוינען אין בריסק, גראדנע און טראק, האט זיי געגעבן רעכט אויף פרייען האנדל, האנטווערק און ערד־באזיץ און האט אויך באזעצט קאראאימען אין טראק.

606. וואס פאר א ווירקונג האבן די גלחים געהאט אויף דער לאגע פון די אידן אין פוילן אין יענער צייט ?

— זיי האבן געהעצט די קריסטן צו מאכן פאגראמען אויף די אידן. אין פויזן, למשל, האט מען אין יאר 1399 פארברענט דעם רב מיט די פרנסים, ווייל די גלחים האבן געזאגט, אז די אידן האבן געשטאכן דעם „הייליקן ברויט" פון א קירך, און אין קראקע איז פארגעקומען א פאגראם אויף די אידן אין יאר 1406, ווייל א גלח האט אויפגעהעצט אויף זיי די קריסטן.

607. ווי האט אלכסנדר, דער ליטווישער פירשט, באהאנדלט די אידן פון ליטע ?

— אין יאר 1495 (3 יאר נאך גרוש שפאניע) האט ער אונטער דעם איינפלוס פון די פאנאטישע גלחים ארויסגעטריבן אלע אידן פון ליטע און קאנפיס־קירט אלע זייערע אומבאוועגליכע גיטער. די פארטריבענע אידן האבן זיך באזעצט אין די פוילישע שטעט. (ער האט זיי צוריקגערופן קיין ליטע אין יאר 1501, ווען ער האט איבערגענומען נאך זיין ברודערס טויט אויך די פוילישע קרוין).

608. אין וועלכן לאנד אין אייראפע זיינען דאן אינגאנצן קיין אידן ניט געווען ?

— אין רוסלאנד. פריער זיינען דארט יא געווען אידן, אבער צום סוף פון 15־טן יארהונדערט, ווען ס'איז דארט אונטער זייער איינפלוס געגרינדעט געווארן א סעקטע פאראידישטע („יודעיסטוואוויושטשיע") רוסן, האט מען דארטן פארבאטן אידן צו וואוינען. (די פירער פון דער דאזיקער סעקטע האט מען פארברענט אין יאר 1504).

609. וואָס האָט דער רוסישער צאַר, איוואַן „דער שרעקליכער" („גראָזני") געטאָן מיט די אידן פון פּאָלאָצק, ווען ער האָט אָפּגענומען די שטאָט ביי פּוילן אין דעם יאָר 1563 ?
—ער האָט אַלע דאָרטיקע אידן מיט זייערע ווייבער און קינדער דערטרונקען אין טייך דווינא, אויסער די וואָס האָבן זיך געטויפט.
610. ביז ווען האָט מען אידן ניט געלאָזט וואוינען אין רוסלאַנד?
—ביז דעם יאָר 1772, ווען רוסלאַנד האָט אַנעקסירט גאַנץ ווייס־רוסלאַנד, אוקראַינע, ליטע און טיילן פון פּוילן מיט אַ מיליאָן אידן.

## קאַפּיטל כו.

# דער אידישער לעבנסשטייגער אין מיטלאַלטער

611. אויף וועלכער שפּראַך האָבן גערעדט די אידן אין מיטלאַלטער?
—אויף זייער לאַנד־שפּראַך: דייטש אין דייטשלאַנד און אין פּוילן, וואָס איז געווען פול מיט אָנגעקומענע דייטשע אידן, שפּאַניש אין שפּאַניע, פראַנצויזיש אין פראַנקרייך און איטאַליעניש אין איטאַליע, אָבער אין די אַלע שפּראַכן האָבן זיי אריינגעפירט אַ סך העברעאישע ווערטער.
612. וואָס פאַרא באַזונדערע שפּראַכן האָבן זיך געשאַפן ביי אידן פון דעם אריינמישן אין דער לאַנדשפּראַך די העברעאישע ווערטער און אידיאָמען?
דייטש־אידיש, צווישן די אשכנזים (אידן פון דייטשלאַנד, עסטרייך און פּוילן), וואָס האָט פריער געהייסן לשון אשכנז און שפּעטער — אידיש, און לאַדינא (שפּאַניש־אידיש) צווישן די ספרדים.
613. וואָס פאַר אַ שפּראַך האָט געהערשט אין דער ליטעראַטור ביי אידן?
—לשון קודש (העברעאיש), אָבער ביסלעכווייז האָט מען אָנגעהויבן שרייבן אויך אין די געמישטע אומגאַנגס שפּראַכן מיט העברעאישע אותיות פאַר ווייבער און פאַר פּראָסטע מענשן, וואָס האָבן ניט פאַרשטאַנען קיין לשון קודש.
614. ווי האָט מען שפּעטער גערופן אַזאַ מין לשון און כתב ביי די אשכנזים?
—עברי־טייטש.
615. וואָס פלעגן לערנען די קינדער אין חדר?
—„עברי" (לייענען העברעאיש), חומש מיט רש"י, און גמרא מיט רש"י איבערזעצט און ערקלערט אין זייער אומגאַנגס שפּראַך.
616. וואָס פלעגן לערנען עלטערע קינדער אין דער ישיבה (תלמוד'ישע אַקאַדעמיע)?
—תלמוד מיט מפרשים.
617. וואָס פלעגן מיידלעך לערנען?
—נאָר דאַווענען און „עברי־טייטש".
618. וואָס פאַר אַ באַציאונג האָבן די אידן געהאַט צו דער פרוי אין דער פאַמיליע?
—אַ רעספּעקטפולע באַציאונג, ווי צו אַ גלייכבארעכטיקטן מיטגליד אין דער פאַמיליע.
619. ווי פלעגן פאָרקומען שידוכים?
—דורך די עלטערן מיט דער הילף פון שדכנים.
620. אין וועלכן עלטער פלעגט מען חתונה האָבן?
—פון 15 ביז 18 יאָר. דער כלה'ס עלטערן פלעגן האַלטן דאָס יונגע פּאָר־

פאָלק אויף קעסט, ביז זיי האָבן אליין געקענט פאָרדינען.

621. וואָס פאַרא פּרנסות זיינען געווען ביי די אידען?

— קליין־האנדל, האנטווערק, קליין־קרעדיט און קהילה פּראָפעסיעס, ווי רבנים, דיינים, מלמדים, שוחטים און חזנים („כלי קודש").

622. וואָס פאר א באדייטונג האט געהאט די קהילה?

— זי איז געווען די שטארקסטע פעסטונג פון דעם פאָלק. דאָ האָט דער איד געלעבט אויטאָנאָם. ער האָט אליין געוויילט זיינע רבנים, פּרנסים און גבאים. יעדע קהילה פלעגט אויך שטיצן אָרימע לייט און אויסהאלטן פאַרשיידענע חברות, ווי גמילות חסדים (אומזיסטער קרעדיט) בקור חולים (קראנקן הילף) תלמוד תורה (שולן פאר אָרימע קינדער) א. ד. ג.

623. וואו האָבן זיך באזונדערס ברייט אנטוויקלט די קהילות?

— אין פוילן, וואו עס איז שפּעטער געוואָרן דער גרעסטער אידישער צענטער אין אייראָפּע.

---

קאפּיטל כז.

## די ספרדים נאָך זייער גרוש פון שפּאניע און פּאָרטוגאל.

624. וואו האָט זיך באזעצט דער גרעסטער טייל פון די ארויסגעטריבענע שפּאנישע און פּאָרטוגעזישע אידן?

— אין דער טערקיי.

625. מיט וואָס האָבן זיי זיך דאָרט באשעפטיקט?

— מיט האנדל, האנטווערק און טעכניק, באזונדערס מיט פאבריצירן שיס־פּולווער, ביקסן און הארמאטן.

626. זיינען אלע מאראנען געבליבן אין שפּאניע?

— ניין, פיל פון זיי האָבן אויך עמיגרירט פון שפּאניע און פּאָרטוגאל קיין טערקיי.

627. ווער איז געווען יוסף הנשיא?

— א רייכער באנקיר פון די מאראנען אין פּאָרטוגאל, וואָס איז אנטלאָפן קיין קאָנסטאנטינאָפּאָל, האט דאָרטן געפירט גרויסע געשעפטן און האָט געקראָגן א גרויסן איינפלוס אויפן טערקישן סולטאן. שפּעטער איז ער געוואָרן אויסלאנדס מיניסטער אין דער טערקיי.

628. ווי אזוי האט ער געהאָלפן די אידן?

— ער האָט באנוצט זיין איינפלוס, איינצושטעלן זיך פאר די פארפאָלגטע מאראנען אין אייראָפּע און אָנצולערנען די רעגירונגען פון די אידנפיינטליכע לענדער.

629. וואָס האָט יוסף הנשיא געטאָן צו פארשטארקן די אידישע קולטור?

— ער האָט ברייטהארציק געשטיצט ישיבות, ווי אויך אידישע שרייבער און געלערנטע.

630. וואָס האָט יוסף הנשיא געטאָן, כדי צו בויען א אידישע היים אין א״י?

— ער האָט געפּרובט גרינדן א אידישן ישוב אין טבריה און אומגעגענד מיט׳ן ציל, אז פון דעם זאָל אויסוואקסן א אידישע מדינה.

631. פאַרוואָס האָט זיך אים ניט איינגעגעבן צו פאַרווירקליכן אָט דעם פּלאַן ?
—ווייל יוסף הנשיא איז געשטאָרבן, איידער א גרויסע מאסע אידן האָבן באוויזן זיך צו באזעצן אין יענעם געגנד, און די קאָלאָניסטן, וואָס האָבן זיך שוין דאָרטן באזעצט, האָבן זייער פיל געליטן פון די אַרומיקע אַראַבער, וואָס האָבן געגלויבט, אז די מוסולמענישע אמונה וועט אונטערגיין, ווען טבריה וועט אויפגעבויט ווערן.

632. ווען איז פאלעסטינע געוואָרן א פּראָווינץ פון טערקיי ?
—אין יאָר 1517, ווען די טערקן האָבן איינגענומען עגיפּטן.

633. אין וועלכע שטעט פון ארץ ישראל האָבן זיך באזעצט מאסן אידן פון אייראָפּע אין יענער צייט ?
—זיי האָבן זיך באזעצט אין די הייליקע שטעט: ירושלים, צפת, טבריה און חברון און האָבן דאָרטן געגרינדעט קהילות, שולן און ישיבות.

634. וואָס האָבן דעמאָלט די רבנים פון ארץ ישראל געוואָלט טאָן, כדי צו מאכן ארץ ישראל פאַר דעם גייסטיקן צענטער פון די אידן ?
—זיי האָבן געוואָלט גרינדן אין ארץ ישראל א סנהדרין, וואָס זאָל ארויס־געבן געזעצן פאַר אַלע אידן איבער דער גאַנצער וועלט.

635. פאַרוואָס האָבן זיי דאָס ניט געקענט פאַרווירקליכן ?
—ווייל די רבנים פון צפת און די רבנים פון ירושלים האָבן ניט געקענט איינשטימען צווישן זיך וועגן דעם, וואו דער סנהדרין זאָל זיך געפינען: אין ירושלים, אָדער אין צפת, און ווער עס זאָל זיין דער פירער פון דעם סנהדרין.

636. ווער האָט פאַרפאַסט דעם וויכטיקסטן אידישן געזעץ־בוך אין יענער צייט ?
—רבי יוסף קארו, איינער פון די וויכטיקסטע רבנים אין צפת צו יענער צייט, וואָס האָט פאַרפאַסט דעם „שולחן ערוך" (צוגעגרייטער טיש — זע פראגע נומער 549), דאָס געזעץ־בוך, וואָס אַנטהאַלט אַלע אידישע דינים און מנהגים פון דער תלמוד'ישער צייט ביז צו די לעצטע רבנים, און וואָס איז אַנגענומען געוואָרן ביי אַלע אידן.

637. ווען איז דער „שולחן ערוך" צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן ?
—אין דעם יאָר 1564.

638. וואָס האָט מען ביי אידן אין יענער צייט שטודירט אחוץ תלמוד און פוסקים ?
—מ'האָט זיך אויך פיל אָפּגעגעבן מיט קבלה, איבערהויפּט מיט דעם למוד פון „זוהר".

639. ווער איז געווען אין יענער צייט דער גרעסטער פון די מקובלים ?
—דער גרויסער אשכנז'ישער מקובל פון צפת, רבי יצחק לוריע (אר"י — אשכנזי רבי יצחק), וואָס האָט געשאַפן די קבלה מעשית (די פּראַקטישע קבלה).

640. וואָס איז אזוינס קבלה מעשית ?
—דאָס אָנווענדן די קבלה אין דעם רעליגיעזן לעבן אויף א פּראַקטישן אופן, גלויבנדיק אז דורך דעם קאָן מען טאָן וואונדער: היילן קראַנקע, אָפּרופן שלעכטע גזרות און אפילו ברענגען משיח'ן פאַר דער צייט.

641. ווי אזוי קען מען אראָפּברענגען משיח'ן, לויט דער לערע פון אר"י?
—דורך פאַסטן, פּייניקן דעם גוף, קלאָגן אויפ'ן חורבן און פאַרטיפן זיך אין „זוהר" און אין אַנדערע קבלה־ספרים.
642. ווער האָט אין יענער צייט שטאַרק אַנטוויקלט דעם גלויבן, אַז משיח וועט אין גיכן קומען?
—דון יצחק אברבנאל, אַ אידישער פינאַנץ־מיניסטער פון שפּאַניע, וואָס איז מיטגעגאַנגען מיט די פאַרטריבענע אידן און האָט זיך באַזעצט אין איטאַליע.
643. וואָס פאַרא ביכער האָט ער געשריבן?
—אַ פּירוש אויף חומש און דריי ביכער צו באַווייזן אויפ'ן גרונד פון ספר דניאל, אַז משיח וועט אין גיכן קומען.
644. פאַר וואָס האָט זיך אין יענער צייט אַזוי פאַרשטאַרקט דאָס בענקען נאָך משיח'ן?
—די שרעקליכע ליידן פון די מאַסן אַרויסגעטריבענע פון שפּאַניע און פּאָר־טוגאַל האָבן געבראַכט דערצו.
645. ווער איז געווען דער פאָראורזאַכער פון אַ משיח־באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין איטאַליע אין יאָר 1524?
—דוד ראובני, אַ איד פון אַזיע, וואָס איז געקומען קיין רוים און געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט'ן פּויבסט וועגן באַפרייען פּאַלעסטינע פון דער טערקישער הערשאַפט מיט דער הילף פון די אידן. ער האָט דערציילט, אַז ער קומט אין שליחות פון זיין ברודער, וואָס איז דער קעניג פון אַ שטאַרקער אידישער מלוכה אין אַראַביע.
646. ווער האָט אים געהאָלפן אין אָט דער אַרבעט?
—שלמה מולכו (מאָלכאָ), אַ יונגער מאַראַן, וואָס איז אַנטלאָפן פון פּאָר־טוגאַל און איז געקומען קיין רוים.
647. מיט וועמען האָט שלמה מולכו פאַרהאַנדלט וועגן פּלענער צו באַפרייען פּאַלעסטינע פון די טערקן?
—מיט'ן פּויבסט און מיט'ן דייטשן קיסר, קאַרל דעם פינפטן.
648. וואָס איז געווען דער סוף פון שלמה מולכו?
—די אינקוויזיציע האָט אים פאַר'משפט צום טויט, און ער איז פאַרברענט געוואָרן אין יאָר 1532.
649. וואָס האָט מען געטאָן מיט דוד ראובני?
—מען האָט אים אַריינגעזעצט אין תפיסה אין שפּאַניע.
650. וואָס פאַר אַ באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן אין יענער צייט אין קריסטנטום?
—מאַרטין לוטער האָט דעמאָלט געגרינדעט די רעפאָרמאַציע אין קריסטנטום, די פּראָטעסטאַנטישע באַוועגונג, און די קאַטוילישע קירך האָט געפירט אַ פאַרצווייפלטן קריג מיט די דייטשע פּראָטעסטאַנטן.
651. ווי האָט געווירקט אָט די „קאַטוילישע רעאַקציע" אויף דער לאַגע פון די אידן אין איטאַליע?
—די רוימישע פּויבסטן האָבן אָנגעהויבן צו דריקן די אידישע קהילות פון איטאַליע, האָבן זיי געצוואונגען צו וואוינען אין באַזונדערע גאַסן (געטאָס), טראָגן געלע לאַטעס; שבת פלעגן די אידן מוזן הערן די דרשות פון די מיסיאָנערן אין די קלויסטערס, און אָפט פלעגן גלחים אָפּ'שמד'ן אי־דישע קינדער מיט גוואַלט.

652. פארוואס האט די פויבסטליכע אינקוויזיציע געלאזט פארברענען אלע ביכער פון תלמוד אויפ'ן שטאט פלאץ פון רוים אין יאר 1553 ?
—ווייל זי האט געפונען אין תלמוד עטלעכע שטעלעס קעגן קריסטנטום.
653. וואס פלעגט מען טאן מיט די מאראנען, וואס זיינען אנטלאפן קיין איטאליע און דארטן אפנעהים אידישקייט ?
—די אינקוויזיציע פלעגט זיי פאר'משפט'ן צום פארברענען.
654. ווען האט זיך באזונדערס פארשטארקט די מאראנישע עמיגראציע פון פארטוגאל ?
—אין דער ערשטער העלפט פון דעם 17־טן י.ה., ווען די אינקוויזיציע האט שטארק פארפאלגט די מאראנען.
655. אין וועלכן לאנד האבן זיך די אנטלאפענע מאראנען געפילט אמזיכערסטן ?
—אין האלאנד. אין אמסטערדאם איז אין יענער צייט אויסגעוואקסן א גרויסער ישוב פון די געוועזענע מאראנען.
656. ווער איז געווען אוריאל אקאסטא ?
—א געבילדעטער מאן פון די פארטוגעזישע אנוסים, וואס איז אנטלאפן קיין אמסטערדאם און האט זיך דארטן אומגעקערט צום אידישן גלויבן.
657. פארוואס האבן אים די אמסטערדאמער רבנים ארייגעלעגט אין חרם ?
—ווייל ער האט אפגעדרוקט א קריטיק קעגן דער אידישער טראדיציע, וואו ער איז שארף ארויסגעטראטן קעגן די רבנים.
658. וואס האט ער געטאן נאכדעם, ווי מ'האט אים ארייגעלעגט אין חרם ?
—ער האט געבעטן מחילה ביי די רבנים, האט זיך געלאזט שלאגן מלקות און גענומען אויף זיך א שטראף צו ליגן אויף דער שוועל פון שול, און אלע אידן, וואס גייען אין שול, זאלן אויף אים טרעטן. שפעטער האט ער שוין ניט געקענט פארטראגן זיינע ליידן, און האט זיך גענומען דאס לעבן (1640).
659. ווער איז געווען ברוך שפינאזא ?
—א טיפער דענקער (געבוירן 1632, געשטארבן 1677), וואס איז געווארן בארימט אויף דער גאנצער וועלט אלס גרויסער פילאזאף דורך זיינע צוויי הויפט ווערק: „עטיק", וואס אנטהאלט די הויפט פרינציפן פון זיין פילאזאפיע, און „דער טעאלאגיש פאליטישער טראקטאט", וואס אנטהאלט זיינע וויסנשאפטליך־היסטארישע באטראכטונגען וועגן תנ"ך און וועגן דער אנטוויקלונג פון דער אידישער און קריסטליכער רעליגיעס.
660. ווי רופט זיך זיין לערע וועגן גאט ?
—פאנטעאיזם (אז גאט איז ניט אויסער דער וועלט, נאר די גאנצע וועלט און אלע, וואס עקזיסטירט, איז גאט).
661. פארוואס איז ער ארייגעלייגט געווארן אין חרם ?
—ווייל מיט זיין קריטיק אויף דער ביבל און מיט זיינע פרייע געדאנקען האט ער ארויסגערופן קעגן זיך דעם צארן פון די רבנים, וואס האבן געדענקט, אז דערמיט פארדארבט ער די אידישע יוגנט.
662. ווי האט ער זיך אפגערופן אויפ'ן חרם ?
—ער האט זיך אינגאנצן דערווייטערט פון אידן און מער מיט זיי קיין שייכות ניט געהאט.

663. וואָס האָט פאַרבונדן די אידן פון האָלאַנד מיט ענגלאַנד?
—דאָס, וואָס זיי האָבן געפירט מסחרים מיט אַמעריקע, וואו ענגלאַנד האָט געהאַט גרויסע קאָלאָניעס.

664. ווער האָט אויסגעווירקט אין מיטן פונ׳ם 17־טן י.ה. ביי דער ענגלישער רעגירונג (אונטער דער פירערשאַפט פון קראָמוועל׳ן) די ערלויבניש פאַר די אידן זיך ווידער צו באַזעצן אין ענגלאַנד?
—ר׳ מנשה בן ישראל, אַ גרויסער אידישער געלערנטער פון אַמסטערדאַם, אַ קענער פון פיל שפּראַכן, וואָס האָט פאַרפאַסט רעליגיעזע און פילאָזאָפישע ביכער אין העברעאיש און אין אַנדערע שפּראַכן.

665. פון וועלכע אידן זיינען באַשטאַנען די אידישע קהילות פון ענגלאַנד אינ׳ם 17־טן י.ה.?
—מערסטנס פון ספרדים, נאָר שפּעטער זיינען צוגעקומען צו זיי אויך אשכנזים פון דייטשלאַנד און פוילן.

**666. ווען האָט זיך געבילדעט אַ אידישער ישוב אין פראַנקרייך צום ערשטן מאָל זינט דעם גרוש פון יאָר 1394?**
—אין דעם 16־טן י.ה. האָט דער פראַנצויזישער קעניג דערלויבט מאַראַנען פון פּאָרטוגאַל זיך צו באַזעצן אין דרום פראַנקרייך, ווייל זיי האָבן נימ אויסגעזאָגט, אַז זיי ווילן ווערן אידן.

667. פאַרוואָס האָט מען זיי דערלויבט צו בלייבן אין לאַנד, ווען מען האָט זיך דערוואוסט, אַז זיי זיינען באַהאַלטענע אידן?
—ווייל אַ גרויסער טייל פון דאָרטיקן האַנדל איז געלעגן אין זייערע הענט, און דעריבער וואָלט אַ גרוש פון די אידן זייער פיל געשאַדט דעם האַנדל.

668. ווען האָט פראַנקרייך אַריינגעקראָגן אַ גרויסע צאָל אשכנז׳ישע אידן?
—אין דעם 17־טן י.ה., ווען פראַנקרייך האָט אָפּגענומען ביי די דייטשן עלזאַס, וואָס איז געווען פול מיט אידן.

---

קאַפּיטל כח.

## די משיח׳ישע באַוועגונג פון שבתי צבי

669. וואָס זיינען געווען די אורזאַכן פון דער פאַרשטאַרקטער בענקשאַפט ביי די אידן נאָך משיח׳ן אין מיטן פון דעם 17־טן י.ה.?
—די שחיטות פון די קאָזאַקן אויף די אידן אין אוקראַאינע (זע קאַפּיטל כט) און די גרויסע השפּעה פון דער פּראַקטישער קבלה אויף די אידן.

670. ווער איז געווען דער טרעגער פון דער משיח׳ישער באַוועגונג אין דער צווייטער העלפט פון דעם 17־טן יאָרהונדערט?
—שבתי צבי, פון דער טערקישער שטאָט סמירנא (איזמיר), וואָס האָט זיך פאַרטיפט אין דער קבלה פון אר״י, און האָט זיך איינגערעדט, אַז אים איז באַשערט אויסצולייזן דאָס אידישע פאָלק.

671. ווען האָט זיך שבתי צבי דערקלערט פאַר משיח?
—אין דעם יאָר 1648.

672. וואס האבן דעמאלט געטאן די רבנים פון סמירנא?

—זיי האבן ארויסגערופן א חרם אויף שבתי צבי'ן.

673. וואס האט שבתי צבי דעמאלט געטאן?

—ער איז ארויס פון סמירנא און האט געוואנדערט איבער ארץ ישראל, מצרים און אנדערע לענדער, דערציילנדיק אומעטום, אז גאט האט אים געשיקט אויסצולייזן די אידן.

674. וועלכער מקובל איז צוגעשטאנען צו שבתי צבי'ן און איז געווארן זיינער א נביא?

—נתן פון עזה.

675. וואס האט נתן געטאן צו פארשטארקן דעם גלויבן, אז שבתי צבי איז משיח?

—ער האט פונאנדערגעשיקט בריוו צו די אידישע קהילות אין פארשיידענע לענדער, אז מען זאל זיך גרייטן צו דער גאולה דורך דעם משיח, שבתי צבי.

676. ווי האבן באגעגנט שבתי צבי'ן די אידן פון סמירנא, ווען ער איז אהין צוריקגעקומען אין דעם יאר 1665?

—א גרויסע מאסע אידן זיינען אים ארויס אנטקעגן און געשריען: „זאל לעבן דער מלך המשיח!"

677. אין וואס פאר א מאס האט זיך דער גלויבן אין שבתי צבי פארשפרייט איבער דער אידישער וועלט?

—זייער גרויסע מאסן (צווישן זיי אויך רבנים און גייסטיקע פירער) אין אלע לענדער, וואו אידן האבן דעמאלט געלעבט, האבן געגלויבט, אז שבתי צבי איז דער משיח. עס איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז א סך אידן האבן אויספארקויפט זייער האב און גוטס און געווארט אויפ'ן טאג, ווען משיח וועט ארויסלאזן זיין רוף, אז אידן זאלן זיך לאזן קיין ארץ ישראל.

678. וואס האט די טערקישע רעגירונג געטאן ווען שבתי צבי איז געקומען קיין קאנסטאנטינאפאל?

—פארשפארט שבתי צבי'ן אין דער פעסטונג פון דער פארשטאט גאליפאלי.

679. וואס פלעגט שבתי צבי זאגן צו זיינע אידישע באזוכער אין גאליפאלי?

—אז ער וועט אינגיכן אויסלייזן די אידן פון גלות און נעמען נקמה פון זייערע פיינט.

680. וואס האט דער מקובל נחמיה כהן געטאן, ווען ער האט איינגעזען אז שבתי צבי איז א פאלשער משיח?

—ער האט גע'מסר'ט דער טערקישער רעגירונג, אז שבתי צבי איז א מורד במלכות.

681. ווי האט זיך שבתי צבי געראטעוועט פון טויט?

—ער האט אנגענומען דעם מוסולמאנישן גלויבן און איז געווארן א וועכטער אין סולטאנס הויף.

682. ווי האבן שבתי צבי'ס נאענטסטע דערקלערט פאר זיינע נאכפאלגער דעם אקט פון זיין שמד'ן זיך?

—זיי האבן געזאגט, אז ער האט זיך גע'שמד'ט פאר א מוסולמענער, כדי ער זאל די מאכמעדאנער קענען ברענגען צום אידישן גלויבן. און א סך אידן האבן אנגענומען אט די דערקלערונג און האבן געגלויבט אין שבתי צבי'ן אויך נאך זיין שמד.

683. וואָס האָט די טערקישע רעגירונג געטאָן, ווען זי האָט געזען, אַז פיל אידן גלויבן נאָך אַלץ אין שבתי צבי'ן?
—זי האָט אים פאַרשיקט אין אַ קליין אַלבאַניש שטעטל, וואו ער האָט געלעבט איינזאַם, און איז געשטאָרבן אין יאָר 1675.
684. וואָס האָט געגלויבט די סעקטע שבתי־צבי'ניקעס, וואָס האָט זיך געבילדעט אין טערקיי נאָך שבתי צבי'ס טויט?
—אַז שבתי צבי איז אַ האַלבער גאָט, ער איז אַרויף אויפ'ן הימל און ער וועט נאָך אַראָפּקומען אויסצולייזן די אידן.

---

קאַפּיטל כט.

## די אידן אין פּוילן אין 16-טן, 17-טן און 18-טן י.ה.

685. ווען האָט זיך געבילדעט אין פּוילן זייער אַ גרויסער צענטער פון דייטשע אידן?
—אין דעם 16־טן י.ה. האָט זיך אין פּוילן געבילדעט דער גרעסטער אשכנז'ישער צענטער, וואָס האָט פאַרביטן דעם חרוב'ן ספרד'ישן צענטער, אַ דאַנק דער גוטער באַציאונג, וואָס די פּוילישע מלכים האָבן אין יענער צייט אַרויסגעוויזן צו די אידן.
686. מיט וואָס האָבן זיך די אידן אין פּוילן באַשעפטיקט?
—מיט האַנדל, מלאכה און לאַנדווירטשאַפט. זיי פלעגן אויך נעמען אין אַרענדע ערד ביי די פּוילישע פּריצים.
687. מיט וואָס פלעגן זיך פאַרנעמען אַנדערע רייכע אידן?
—זיי פלעגן געבן קרעדיט דעם קעניג אָדער די שררות (די פּריצים און הויכע באַאַמטע) און פלעגן נעמען אין אַרענדע די שטייער זאַמלונג פאַר דער מלוכה.
688. וואָס פאַר אַ ראָל האָבן די דאָזיקע אידישע פינאַנסיסטן געשפּילט אין דעם אידישן לעבן?
—זיי פלעגן אָפט פאַרטיידיקן די אידישע רעכט ביי די פירשטן און קעניגן.
689. ווי האָבן זיך די פּוילישע מאַסן באַצויגן צו די אידן אין יענער צייט?
—אָפט זייער פיינטליך. די קריסטליכע בירגער אין די גרויסע שטעט פלעגן אָפט דריקן די אידן דורך זייערע מאַגיסטראַטן (שטאָט פאַרוואַלטונגען) און אין קראָקע איז פאַרגעקומען אַן אָנפאַל אויף די אידן.
690. וואָס האָט דער פּוילישער קעניג סיגיזמונד דער ערשטער (1506־1548) געטאָן ווען ס'איז פאַרגעקומען דער פּאָגראָם אויף די אידן פון קראָקע?
—ער האָט באַשטראָפט דעם מאַגיסטראַט און גענומען ביי אים אַ גרויסע סומע געלט אַלס משכון, אַז ס'וועלן מער ניט פאַרקומען קיין פּאָגראָמען אויף די אידן.
691. ווען האָט זיך באַזונדערס פאַרשטאַרקט די פיינטשאַפט פון די קריסטליכע מאַסן צו די אידן אין פּוילן?
—אין דער צווייטער העלפט פון דעם 16־טן י. ה., ווען אין פּוילן האָט זיך געבילדעט אַן אָפּטיילונג פון דעם יעזואיטישן אָרדען, וואָס פלעגט פאַר־

שפרייטן אויף אידן בלבולים, אז זיי קוילענען קריסטליכע קינדער אויף פסח, גנב'ענען פון די קירכן דעם ,,הייליקן ברויט'' און שטעכן אים מיט מעסערס ביז בלוט טריפט פון אים. צוליב אט דעם לעצטן בלבול האט מען אמאל פארברענט דריי אידן.

692. וואס האט דער קעניג סיגיזמונד דער צווייטער געזאגט, ווען ער האט זיך דערוואוסט וועגן אט דעם פאקט?

—אז ער איז ניט אזוי משוגע צו גלויבן, אז אין א שטיקל ברויט געפינט זיך דאס פלייש פון קריסטוסן.

693. וואס פאר א העקרעט האט זיין נאכפאלגער סטעפאן באטארי ארויסגעגעבן אין באצוג צו די פאלשע בלבולים אויף אידן?

—אז דער קריסט, וואס וועט פאלש באשולדיקן א אידן, זאל באשטראפט ווערן מיט דער זעלבער שטראף, צו וועלכער דאס געריכט וואלט צוגע־משפט דעם אידן.

694. וואס פלעגן אין יענער צייט די גלחים לערנען די קינדער אין די יעזואיטישע שולן וועגן אידן?

—אז ס'איז א מצוה זיי פיינט צו האבן און פארפאלגן זיי.

695. וואס איז ארויסגעקומען פון אזא לערע?

—די קאטוילישע שילער פון קראקע, לעמבערג, פויזן און ווילנע פלעגן שלאגן די אידן.

696. וואס פלעגן טאן די אידישע קהילות דערצו?

—זיי פלעגן געבן מתנות אדער צאלן א באזונדער שטייער די שול־פירער, זיך אויסצוקויפן פון די פאגראמען אויף זיי.

697. וואס איז געווען דער קהל ביי די פוילישע אידן?

—דער ראט פון דער קהילה, וואס האט אנגעפירט מיט אלע אידישע ענינים.

698. פון וועמען איז באשטאנען דער קהל?

—פון עטליכע ראשים (עלטסטע), טובים (חשוב'ע לייט), גבאים און דיינים, וואס פלעגן צוטיילן צווישן זיך די ארבעט.

699. וואס פלעגט זיין די ארבעט פון דעם קהל?

—אויפמאנען שטייערן פאר דער רעגירונג און פאר דער קהילה, פארוואלטן מיט די שולן, חדרים און ישיבות, אויסהאלטן צדקה אנשטאלטן און באשטראפן די זינדיקע קעגן אידישקייט.

700. וואס זיינען געווען די אויפגאבן פון די רבנים?

—פסק'ענען שאלות און פירן ,,דין תורה'ס'' (סכסוכים צווישן אידן) אויפ'ן גרונט פונ'ם ,,שלחן ערוך''.

701. וואס אזוינס איז געווען דער בית־דין הגדול?

—א העכערער געריכט, וואס פלעגט באשטיין פון רבנים און ראשי הקהל פון גרעסערע שטעט. צום בית־דין הגדול פלעגט מען זיך ווענדן אין די פאלן, ווען די בעלי דין זיינען ניט געווען צופרידן מיט'ן פסק פון די רבנים, ווען איינצלנע אידן האבן געהאט סכסוכים מיט'ן קהל, אדער ווען צוויי קהילות האבן געהאט סכסוכים איינע מיט דער אנדערער.

702. וואו פלעגן פאַרקומען אַזעלכע פאַרזאַמלונגען פון העבערע געריכטן?
—אין געוויסע שטעט, אין דער צייט, ווען דאָרטן פלעגן פאָרקומען די גרויסע יאַרידן (יאַר מערק).
703. אין וואָס פאַר אַן אינסטיטוציע האָבן זיך שפּעטער פאַרוואַנדלט אַט די יאַרידן־אסיפות?
—אין רעגלמעסיקע יערליכע צוזאַמענפאַרן, אַדער ועדים, וואו פאַרשטייער פון די קהילות פלעגן אננעמען תקנות פאַר אַלע אידן אין פוילן.
704. ווי האָבן זיך אַט די ועדים גערופן?
—דער ועד פון פוילן האָט זיך גערופן „ועד ארבע ארצות" — דער ועד פון פיר לענדער: גרויס פוילן (פויזן), קליינפוילן (קראַקע), פאָדאָליע־גאַליציע (לעמבערג) און וואָלין (לודמיר); און דער ועד פון ליטאַ האָט געהייסן „ועד הקהלות הראשיות" — דער ועד פון די גרעסטע קהילות (בריסק, גראָדנע, פינסק, ווילנע און סלוצק).
705. ווי לאַנג האָבן עקזיסטירט אַט די ועדים?
—200 יאַר, ביז דעם מיטן פון דעם 18־טן י.ה.
706. פון וואָס איז באַשטאַנען דאָס קולטורעלע לעבן פון די אידן אין פוילן?
—ווי אין דייטשלאַנד, זיינען אויך אין פוילן די אידן געווען ווייט פון דער וועלטליכער קולטור און האָבן זיך פאַרנומען נאָר מיט דעם שטודירן פון תלמוד, פוסקים און זייערע מפרשים.
707. וואָס דערציילט נתן האַנאָווער — אַ אידישער געשיכטע שרייבער פון דעם 17־טן י.ה. — וועגן דעם תורה לערנען אין פוילן?
—אַז אַלע חדר אינגלעך פלעגן מוזן גיין יעדן דאָנערשטיק צום גבאי, ער זאָל זיי פאַרהערן דאָס, וואָס זיי האָבן געלערנט פאַר דער וואָך. און אויב אַ אינגל פלעגט ניט ענטפערן ריכטיק, פלעגט דער גבאי הייסן דעם שמש אים שמייסן. דערפאַר האָבן די קינדער מורא געהאַט און האָבן געלערנט מיט התמדה. אַלס רעזולטאַט פון אַזאַ שטרענגער השגחה אויף דעם תורה לערנען, איז כמעט ניט געווען קיין איין אידיש הויז אין פוילן, וואו מ'האָט ניט געלערנט קיין תורה.
708. וועלכע גרויסע רבנים פון יענער צייט זיינען באַרימט מיט זייערע ווערק?
—דער רמ"א (רבי משה איסערליש), וואָס האָט צוגעגעבן נייע דינים צום „שולחן ערוך", דער מהרש"ל (מורנו הרב רבי שלמה לוריא), דער מהר"ם (ר' מאיר מלובלין) און דער מהרש"א (ר' שמואל אידליש) וואָס האָבן געשריבן פירושים צום תלמוד.
709. וואָס פאַר אַ וויכטיקע געשעעניש איז פאַרגעקומען אין אוקראַינע (פוילן) אין מיטן פונ'ם 17־טן י.ה.?
—אין יאַר 1648 האָבן די רוסישע קאָזאַקן און פויערים אונטער דער פירונג פון באָגדאַן כמעלניצקי, געמאַכט אַן אויפשטאַנד קעגן פוילן און קעגן די פוילישע פריצים, וואָס האָבן זיי שטאַרק אונטערדריקט.
710. פאַרוואָס האָבן די קאָזאַקן געמאַכט אין דער צייט פון זייער אויפשטאַנד אויך שרעקליכע שחיטות אויף די אידן פון פוילן?
—ווייל אַ סך אידישע אַרענדאַרן האָבן (אָפט קעגן זייער ווילן, נאָר אויפ'ן

באַבעל פון די פּריצים, פון וועמען זיי האָבן געלעבט) געהאָלפן דריקן די רוסישע פּויערים. ווי, צום ביישפּיל, מאָנען פון זיי גרויסע צינזן, ניט אריינלאָזן זיי דאַוונען אין זייערע צערקוועס אָן אַן אָפּצאָל, א.ד.ג.

711. ווער האָט געהאָלפן די קאָזאַקן אין דעם אויפשטאַנד?

די טאַטאַרן פון דרום רוסלאַנד, וואָס האָבן געפאַנגען פיל אידן אין יענער צייט.

712. וואָס פלעגן די טאַטאַרן טאָן מיט די געפאַנגענע אידן?

—זיי פלעגן זיי פערסטענטייל אָוועקפירן אויף די טערקישע מערק צו פאַר־קויפן זיי אַלס שקלאַפן. (די רייכע טערקישע אידן פלעגן אויסלייזן זייער פיל פון די אידישע שקלאַפן).

713. ווי פלעגן זיך די אידן ראַטעווען פון דעם פּויערים אויפשטאַנד?

—זיי פלעגן אַנטלויפן פון די דערפער אין די שטעט.

714. וואָס האָט פּאַסירט מיט זיי אין די שטעט?

—די קאָזאַקן האָבן איינגענומען די שטעט און אויסגעקוילעט דאָרטן כמעט אַלע אידן.

715. וואָס פלעגן די קאָזאַקן טאָן מיט שיינע אידישע מיידלאך?

—זיי פלעגן זיי מיט גוואַלט אָפּ׳שמד׳ן און חתונה האָבן מיט זיי.

716. וואָס פלעגן טאָן אַ סך אידישע מיידלעך, כדי ניט אריינצופאַלן אין די קאָ־זאַקישע הענט?

—זיי פלעגן באַגיין זעלבסטמאָרד.

717. אין אָנדענק פון וואָס האָבן די אוקראַינער אידן איינגעפירט כ׳ סיון אַלס אַ תענית?

—אין אָנדענק פון דער גרויסער שחיטה אויף די אידען אין נעמיראָוו.

718. וואָס האָט פּאַסירט אין טולטשין צו יענער צייט?

—אין יענער פעסטונג האָבן זיך פאַרשפּאַרט פּאָליאַקן און אידן. ווען די קאָזאַקן האָבן געזען, אַז זיי קענען די פעסטונג ניט איינגעמען, ווייל אידן האָבן זיי באַשאָסן מיט קוילן, — האָבן זיי געשיקט זאָגן די פּאָליאַקן, אַז אויב זיי וועלן זיי אריינלאָזן אין שטאָט, וועלן זיי טויטן נאָר די אידן. האָבן די פּאָליאַקן פאַראַטן די אידן און זיי ארויסגעגעבן. נאָר די קאָזאַקן האָבן אויסגעהרג׳עט די אידן צוזאַמען מיט די פּאָליאַקן.

719. ווי רופן זיך אָט די שחיטות אין דער אידישער געשיכטע?

—גזרות ת״ח ות״ט. (1648 - 1649).

720. מיט וועמען האָבן די פּאָליאַקן געפירט מלחמות אין משך פון אַכט יאָהר נאָך די גזרות ת״ח ות״ט?

—מיט די קאָזאַקן, רוסן און שוועדן.

721. וואָס האָבן אָט די מלחמות געבראַכט אויף די אידן פון פּוילן?

—אַ חורבן פון הונדערטער אידישע קהילות אין גאַנץ פּוילן, ניט נאָר אין אוקראַינע.

722. וואָס איז געווען דער רעזולטאַט פון דער דאָזיקער מלחמה פאַר פּוילן?

—די רוסן האָבן צוגענומען פון פּוילען די מזרח־העלפט פון אוקראַינע.

723. וואָס איז געוואָרן מיט די אידן פון מזרח־אוקראַינע?

—די רוסן האָבן זיי ארויסגעטריבן פון דאָרטן און די פאַרטריבענע אידן

זיינען זיך צולאָפן אין דער פּוילישער אוקראַינע, ווייס־רוסלאַנד און ליטע.

724. ווי איז געווען די לאַגע פון די אידען אין מערב־אוקראַינע, וואָס איז פאַרבליבן ביי פּוילן?

— זייער שלעכט. די אָרימע אידן פון די חורוב'ע שטעט האָבן געמוזט צאָלן גרויסע שטייערן דער פּוילישער רעגירונג, וואָס איז פאַראָרימט געוואָרן נאָך די מלחמות. דערצו זיינען נאָך צוגעקומען די פאַראָרימטע ארויסגע־טריבענע אידן פון מזרח אוקראַינע, וואָס האָבן געמאַכט די אידישע לאַגע נאָך שווערער.

725. אין וואָס פאַר א באַוועגונג האָבן א סך פּוילישע אידן געזוכט א טרייסט אין זייערע צרות פון די חורבנות און די שחיטות?

— אין דער משיח'ישער באַוועגונג פון שבתי־צבי (זע קאַפּיטאַל כ"ח).

726. וואָס האָבן די פּוילישע רבנים געטאָן, זעענדיק, אז צענדליקער יאָרן נאָך שבתי צבי'ס טויט האַלטן זיך נאָך אויף קרייזלעך פון שבתי־צבי'ניקעס אין פּאָדאָליע און גאַליציע?

— אין יאָר 1722 האָט אַן אסיפה פון רבנים אין לעמבערג ארויפגעלייגט א חרם אויף אַלע שבתי־צבי'ניקעס.

727. וואָס פאַר א משיח'ישע סעקטע איז אויפגעקומען אין דעם 18־טן י. ה. פון די רעשטלעך פון דער סעקטע שבתי־צבי'ניקעס?

— די פראַנקיסטען, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דעם פּאָדאָליער אידן יעקב פראַנק (1722־1791) און האָבן געגלויבט, אז ער איז א הייליקער האַר, דער נאָכפאָלגער פון דעם משיח שבתי צבי.

728. וואָס האָבן די פראַנקיסטן געטאָן, ווען זיי זיינען פאַרפאָלגט געוואָרן אין די קהילות?

— זיי האָבן פאַר'מסר'ט פאַר דער קאַטוילישער קירך אין פּוילן, אז דער תלמוד איז פיינטליך צו די קריסטן און זייער אמונה.

729. וואָס האָט דער פּאָדאָליער בישאָף געטאָן?

— ער האָט איינגעאָרדנט א דיספּוט צווישן די פראַנקיסטן און די רבנים און דערנאָך געהייסן פאַרברענען די ביכער פון תלמוד.

730. וואָס איז געווען דער סוף פון די פראַנקיסטן?

— זיי האָבן אָנגענומען דעם קאַטוילישן גלויבן.

731. מיט וואָס האָבן די פּאָליאַקן פון מיטלקלאַס באַקעמפט די אידן, וואָס האָבן קאָנקורירט מיט זיי?

— אויפ'ן גרונט פון עלילות דם האָבן זיי זייער פיל אידן געפּייניקט און א סך פון זיי אויסגע'הרג'עט.

732. פאַרוואָס האָבן אין יאָר 1768 ווידער אויסגעבראָכן שחיטות אויף די אידן פון דער פּוילישער אוקראַינע?

— ווייל אין יענער צייט האָבן די אוקראַינער פּויערים אונטער דער אָנפי־רערשאַפט פון גאָנטע ווידער געמאַכט אַן אויפשטאַנד קעגן די פּריצים, גלחים און אידן.

733. וועלכע קהילה האָט דעמאָלט אַממערסטן געליטן?

— די אומאַנער קהילה. די היידאַמאַקעס (פּויערשע קאָזאַקן) האָבן אין אומאַן אויסגעקוילעט צוואַנציג טויזנט אידן און פּאָליאַקן.

734. וואָס איז געוואָרן פון דער פּוילישער מלוכה אין די יאָרן 1772-1795?
—זי איז צעפאַלן און איז צעטיילט געוואָרן צווישן רוסלאַנד, עסטרייך און פּרייסן. ווייסרוסלאַנד, ליטע און אוקראַינע מיט אַ מיליאָן אידישע איינוואוינער זיינען אַפּגענומען געוואָרן פאַר רוסלאַנד, גאַליציע — פאַר עסטרייך און פּוזן — פאַר פּרייסן.

735. וואו איז געווען פון דעמאָלט אָן דער גרעסטער צענטער פון דעם אידישן פאָלק?
—אין רוסלאַנד.

736. וואָס פאַר אַ רעליגיעזע באַוועגונג האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן די פּוילישע אידן אין מיטן פון'ם 18־טן יאָרהונדערט?
—די חסיד'ישע באַוועגונג.

737. ווער איז געווען דער גרינדער פון חסידות?
—רבי ישראל בעל שם טוב (פאַרקירצט: בעש"ט).

738. וואָס איז אַזוינס אַ בעל שם?
—אַ „גוטער איד", אַ „בעל מופת", וואָס פלעגט, לויט'ן גלויבן פון המון, היילן קראַנקע מיט שמות פון גאָט און מלאכים און מיט אַנדערע סגולות.

739. פאַרוואָס האָט מען גערופן ר' ישראל'ן „דער גוטער בעל שם"?
—פאַר זיין ליבע צו פּראָסטע מענשן און פאַר זיינע גוטע רייד, מיט וועלכע ער פלעגט היילן קראַנקע הערצער.

740. וואָס האָט דער בעל שם טוב געלערנט?
—אַז די אמת'ע פרומקייט באַשטייט ניט אין לערנען גמרא, נאָר דער עיקר איז צו האָבן גאָט אין הארצן, זען אים אומעטום און אויסגיסן דאָס הארץ פאַר אים אין הייסע תפילות (התלהבות), און אַז נאָר ווען מ'דינט גאָט מתוך שמחה, באַהעפט מען זיך מיט אים (דבקות), ניט דורך עצבות און דורך פייניקן זיך, ווי ס'איז געווען די לערע פון דעם „אר"י הקדוש".

741. וואָס איז דער „צדיק" ביי די חסידים?
—דער איד, וואָס די חסידים גלויבן וועגן אים, אַז ער האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון זיך באַהעפטן מיט גאָט און קען דעריבער ווערן אַ פאַרמיטלער צווישן גאָט און מענשן. ער קען אויך באַווייזן מופתים און פאָראויסזאָגן די צוקונפט.

742. ווען איז דער בעל שם טוב געוואָרן „רבי" אין מעדזשיבאָזש?
—אַרום דעם יאָר 1740.

743. ווי האָט זיך דאָס חסידות פאַרשפּרייט אין די ערשטע עטליכע צענדליק יאָר נאָכ'ן בעש"ט'ס טויט?
—צוליב דער גרויסער דערשלאַגנקייט פון די אידישע מאַסן אין אוקראַינע און אין פּוילן האָט דאָס חסידות אַרומגענומען דעם גרעסטן טייל פון די דאָרטיקע אידן. אין ליטע און ווייסרוסלאַנד דאַגעגן האָט די דאָזיקע באַוועגונג אַרומגענומען נאָר אַ קליינעם טייל פון די אידן.

744. וועלכער תלמוד'ישער גאון פון יענער צייט איז באַקאַנט מיט זיין באַקעמפן דעם חסידיזם?
—דער „ווילנער גאון" רבי אליהו (הגר"א), וואָס איז באַקאַנט מיט זיין נייעם דרך פון לערנען דעם תלמוד, זייענדיק קעגן דעם פּלפּול־סיסטעם.

745. ווי האָט דער „ווילנער גאון" באַקעמפט די חסידים?

—ער האָט אויסגערופן אַ חרם אויף אַלע חסידים און האָט געהייסן פונאַנ־דערשיקן בריוו צו אַלע קהילות, אַז זיי זאָלן אַריינלייגן די חסידים אין חרם.

746. פאַרוואָס האָט ער דאָס געטאָן?

—ווייל ער האָט געמיינט, אַז די חסידים זיינען באַהאַלטענע שבתי־צבי'ניקעס, און ער האָט מורא געהאַט, אַז זיי זאָלן ניט ברענגען צו אַ שפּאַלטונג אין פאָלק.

747. ווער איז געווען דער פירער פון די חסידים אין ליטע און אין ווייס־רוסלאַנד?

—רבי שניאור־זלמן פון ליאַדי (ליאָזנע), (1751—1812) דער מחבר פון דעם ספר „תניא", אין וועלכן ער אַנטוויקלט אַ נייעם דרך אין חסידות, פאַר־אייניקנדיק דאָס אוקראַאינישע געפיל־חסידות מיט דער ליטווישער לומדות (די דאָזיקע שיטה איז באַוואוסט מיט'ן נאָמען חב"ד — חכמה בינה, דעה).

748. וואָס האָבן מתנגדים (קעגנער פון חסידות) אין ליטע נאָכ'ן ווילנער גאונ'ס טויט צו באַקעמפן די וויטערדיקע פאַרשפּרייטונג פון חסידות?

—זיי האָבן פאַר'מסר'ט רבי שניאור־זלמנ'ען, דעם ליאַדיער רבי'ן, פאַר דער רוסישער רעגירונג, אַז ער זאַמלט געלט און שיקט קיין טערקיי פאַר גע־היימע צוועקן, ער פאַרשפּרייט שעדליכע אידעען און אָרגאַניזירט אַ שעד־ליכע סעקטע.

749. וואָס האָט דעמאָלט געטאָן די רוסישע רעגירונג?

—זי האָט געהאַלטן דעם בעל „התניא" אַ צייט אין תפיסה און שפּעטער אים באַפרייט.

750. ווי האָבן געלעבט די שפּעטערדיקע חסיד'ישע רביים, וואָס האָבן זיך פאַרמערט אין פּאָדאָליע, גאַליציע און וואָלין?

—אין גאַנצן צו די ערשטע חסיד'ישע רביים, וואָס האָבן אין זינען געהאַט מיט זייער פירערשאַפט נאָר צו ברענגען טרייסט און גייסטיקע דערהוי־בונג צו די אידישע פאָלקסמאַסן, פלעגן די שפּעטערדיקע רביים נעמען פיל געלט (פדיונות) און מתנות פון די חסידים, וואָס פלעגן קומען בעטן ביי זיי הילף, און פיל פון זיי האָבן געלעבט זייער רייך און געפירט אַ פירשטליכן שטאַט.

751. וואָס פאַרא נוצן האָט דאָס חסידות געבראַכט די אידן?

—עס האָט אַריינגעגעבן הארץ און געפיל אינ'ם טרוקענעם רעליגיעזן לעבן פון יענער צייט, האָט אַריינגעבראַכט פריילעכקייט אינ'ם לעבן פון די פאַר־אומערטע אידן דורך די זיסע נגונים און עקסטאַטישע רקודים (טענץ) און האָט אָפּגעשאַפט ביי די חסידים די גרינגשעצונג פון די לומדים צו די פּראָסטע, ניט געלערנטע פרומע אידן.

752. וואָס פאַר אַ שאָדן האָט דער חסידיזם געבראַכט?

—ער האָט פאַרמערט נאַרישע גלויבנס אין ניסים און מופתים, האָט פאַרגרע־סערט די פיינטשאַפט צו בילדונג און צום פרייען גדאַנק און האָט פאַר־שפּרייט די פאַנאַטישע אמונה אין די איבערנאַטירליכע כוחות פון די „צדיקים".

קאפיטל ל׳.

## די אידן אין דייטשלאנד פון דעם זעכצנטן ביז׳ן סוף פונ׳ם אכצנטן יאָרהונדערט.

753. ווי האָט זיך באַצויגן צו די אידן מארטין לוטער, דער גרינדער פון רעפאָרמאציע (פּראָטעסטאנטענטום) אין די ערשטע יאָרן פון זיין טעטיקייט?

—אין יענער צייט האָט ער זיך אָנגענומען פאר די אידן. און האָט געשריבן וועגן אידן אין זיין בוך „יעזוס קריסטוס א געבאָרענער איד" (1523):

„נאַראָנים, פּויפּסטן, בישאָפן און מאָנאכן מיט זייערע אייזל־קעפּ האָבן באהאנדלט אידן ווי הינט. אָבער זיי זיינען דאָך ברידער פון אונזער ערלייזער, גאָט האָט זיי דאָך אויסגעצייכנט מער פון אַלע פעלקער און האָט זיי געגעבן די הייליקע שריפטען".

754. וואָס איז געווען זיין ציל מיט זיינע גוטע רייד וועגן אידן?

—צוצוציען די אידן צו זיין רעפאָרמירטער קירך.

755. וואָס האָט ער געזאָגט וועגן די אידן שפּעטער, ווען ער האָט געזען, אז ער קען די אידן ניט מאכן פאר קריסטן?

—אז מען דאַרף זיי פארפאָלגן און ארויסטרייבן פון לאנד.

756. וואָס פארא עקאָנאָמישע אורזאכן האָבן געווירקט, אז די פּראָטעסטאנטן זאָלן פארפאָלגן די אידן?

—די פּראָטעסטאַנטישע הענדלער און האנטווערקער פון דייטשלאנד האָבן געוואָלט פטור ווערן פון די אידישע סוחרים און בעלי־מלאכות, וואָס האָבן קאָנקורירט מיט זיי.

757. וואָס פלעגן טאָן די בירגערליכע מאַגיסטראטן פון דייטשלאנד אין דער ערשטער העלפט פון 16־טן י. ה. כדי פטור צו ווערן פון די אידן?

—זיי פלעגן בעטן דעם קיסר ארויסטרייבן די אידן פון געוויסע שטעט און אָפטמאָל פלעגן זיי מאַכן אויף זיי עלילות דם, אייניקע פאר׳משפט׳ן און די איבעריקע ארויסטרייבן.

758. ווער פלעגט פארטיידיקן די אידישע רעכט?

—רייכע אידן, וואָס פלעגן האָבן א צוטריט צו די הערשער, פלעגן אויסנוצן זייער השפעה לטובת די אידן. מ׳פלעגט זיי רופן „שתדלנים".

759. פארוואָס האָבן די דייטשע קיסרים פון ווין דערלויבט די אידן אין דעם 16־טן י. ה. צו וואוינען אין ווין, נאָכדעם ווי זיי זיינען פארטריבן געוואָרן פון דאָרטן אין מיטלאַלטער?

—ווייל אידישע גבירים האָבן געהאָלפן די קעניגן אין זייערע פינאנצן.

760. ווען האָבן רייכע אידן געשפּילט א גרויסע ראָלע ביים קייזערליכן הויף אין ווין?

—אין דער צייט פון דעם 30־יעריקן בירגער קריג צווישן די פּראָטעסטאנטן און די קאטוילקן (1618—1648).

761. ווען האָט דער דייטשער קיסר ווידער ארויסגעטריבן אַלע אידן פון ווין לויט׳ן פארלאנג פון די קריסטליכע בירגער?

—אין דעם יאָר 1670.

762. וואָס האָט דער קיסר פון ווין געטאָן, ווען ער האָט ווידער געדאַרפט האָבן די אידישע געלט?

—ער האט אריינגעלאזן אין ווין נאר אידישע גבירים, וועלכע האבן אויך גע־
מעגט האלטן אידישע אנגעשמעלטע און דינער.

763 אין וועלכער שטאט איז געווען די גרעסטע אידישע קהילה אין עסטרייך ?
—אין פראג, וואו עס האבן געוואוינט ארום 15.000 אידן.

764. וואס פאר א גזרה האבן די עסטרייכישע הערשער ארויסגעגעבן מיט'ן ציל, אז
אידן זאלן זיך ניט פארמערן ?
—אז נאר דער עלטערער זון אין יעדער אידישער פאמיליע מעג חתונה האבן.
און אויב די אנדערע קינדער האבן חתונה, מוזן זיי פארלאזן דאס לאנד.

765. פארוואס האט די עסטרייכישע קייזערין, מאריא טערעזא, ארויסגעטריבן אלע
אידן פון פראג און גאנץ בעהמען אין יאר 1745 ?
—ווייל איר האט זיך געדוכט, אז די אידן האבן סימפאטיזירט מיט די פרייסן,
ווען זיי האבן זיך אריינגעריסן אין פראג.

766. וואו האבן זיך אהין געטאן די פארטריבענע אידן פון בעהמען ?
—זיי האבן זיך געוואלגערט אויף די פעלדער

767. ווער האט אין 4 יאר ארום אויסגעבעטן ביי דער קייזערן די ערלויבעניש פאר די
פארטריבענע אידן זיך אומצוקערן צוריק ?
—הויכע אויסלענדישע באאמטע.

768. פארוואס האט מען אין יאר 1671 אריינגעלאזן אין בערלין א צאל רייכע
אידן, וואס זיינען ארויסגעטריבן געווארן פון ווין ?
—כדי זיי זאלן אנטוויקלען האנדל אין דייטשלאנד .

769. ווען האט באזונדערס אויפגעבליט דער אידישער האנדל אין פרייסן ?
—אין דער צייט פון פרידריך דעם גרויסן (1740—1786).

770. וואס האט רייך געמאכט פיל בערלינער אידן בשעת דעם 7־יאריקן קריג
צווישן דייטשלאנד מיט עסטרייך און אנדערע מלוכות (1756—1763) ?
—דאס, וואס זיי פלעגן צושטעלן שפייז פאר דער ארמיי.

771. וואס פאר אן ענדערונג איז אריינגעקומען אין דעם גייסטיקן לעבן פון די
דאזיקע אידן א דאנק זייער רייך ווערן ?
—זיי האבן זיך באפריינדעט מיט דער דייטשער אריסטאקראטיע און אינ־
טעליגענץ און דורך דעם זיינען זיי ארונטערגעפאלן אונטער זייער גייס־
טיקער השפעה.

772. וואס פאר א גייסטיקע באוועגונג האט זיך אנגעהויבן אין מערב־אייראפע אין
דער צווייטער העלפט פון 18־טן יארהונדערט ?
—א באוועגונג פון בילדונג און אויפקלערונג, זיך צו באפרייען פון נארישע
מיינונגען און גלויבונגען, וואס זיינען געבליבן בירושה פון די אמאליקע
דורות.

773. וואס האבן וואלטער און אנדערע בארימטע שרייבער געפאדערט אין פראנק־
רייך ?
—די פרייהייט פאר יעדערן צו דענקען אוןריידן נאך זיינע איבערצייגונגען

774. וואס האט דער בארימטער שרייבער לעסינג געפאדערט אין דייטשלאנד ?
—גלייכע רעכט פאר אלע מענשן און גערעכטיקייט פאר די פארפאלגטע אידן.

775. ווער איז געווען דער פאטער פון דער באוועגונג אריינצובריינגען וועלטליכע בילדונג צווישן די אידן פון דייטשלאנד?

—משה מענדעלסאן (1729—1786), א גרויסער אידישער געלערנטער, א טיפער דענקער און א באגאבטער שרייבער, וואס איז געווען לעסינגס א נאענטער פריינט.

776. ווי האט געהייסן די דאזיקע באוועגונג?

—השכלה. די טרעגער פון אט דער באוועגונג האבן זיך גערופן: משכילים.

777. וואס פארא ווערק האט מענדעלסאן געשאפן?

—„פילאזאפישע שמועסן" (וואס לעסינג האט אפגעדרוקט אן זיין וויסן), „פעדאן", א בוך צו באווייזן די אומשטערבליכקייט פון דעם מענטשנס נשמה (השארת הנפש), „ירושלים", וועגן די הויפט פרינציפן פון אידנטום, און אנדערע.

778. וואס זיינען די הויפט געדאנקען פון זיין בוך „ירושלים"?

—אז די רעגירונג האט ניט קיין מאראלישע רעכט זיך אריינצומישן אין דער רעליגיע פון אירע אונטערטאנען און „אז די אידישע רעליגיע פאדערט ניט קיין בלינדן גלויבן, נאר פארשטאנד, און אירע געזעצן האבן נאר דעם צוועק צו מאכן דעם מענטשן מאראלישער און צו בויען די מענטשליכע געזעלשאפט אויפ'ן גרונד פון גערעכטיקייט און פרידן" (דובנאוו).

779. וועלכעס פון זיינע ווערק האט אממערסטן געווירקט אויף דער גייסטיקער אנטוויקלונג פון די אידן אין יענער צייט?

—**זיין דייטשע איבערזעצונג פון תנ"ך, וואס פלעגט זיך דרוקן צוזאמען** מיט'ן „באור" (קאמענטאר, פירוש).

780. ווער האט מיטגעהאלפן מענדעלסאנען אין דער פארפאסונג פון דעם „באור"?

—נפתלי הערץ וויזל (1726—1805), א אידישער שריפטשטעלער און פארשער פון דער העברעאישער שפראך, שלמה דובנא און אנדערע.

781. וואס איז געווען מענדעלסאנס ציל מיט זיין איבערזעצונג פון דעם תנ"ך אין דייטש?

—ערשטנס — צו געבן א ריכטיקע דערקלערונג פון דעם פשט פון די הייליקע שריפטן צו די אידן, וואס האבן געלערנט דעם תנ"ך מיט די רבנ'ישע פירושים, און צווייטנס — צוצוגעוואוינען די אידן צו דער ריינער דייטשער שפראך אנשטאט אידיש. (וואס וועגן איר האבן די משכילים געדענקט, אז זי איז ניט קיין שפראך), און דורך דעם „צו באנייען דעם אידישן גייסטיקן לעבן און צופאסן זיין פאלק צום אייראפעאישן פראגרעס" (דובנאוו).

782. וואס פאר א אידישע איבערזעצונג פון חומש איז געווען פארשפרייט ביי די אידישע פרויען אין יענער צייט?

—דער „צאינה וראינה" — אן איבערזעצונג צוזאמען מיט מעשה'לאך פון דער אגדה און מיט מוסר־רייד.

783. וואס האט נפתלי הירץ וויזל געטאן כדי צו פארשפרייטן השכלה צווישן די אידן?

—אין יאר 1782, ווען דער עסטרייכישער קעניג, יאזעף דער צווייטער, האט

באפוילן איינצופירן „נארמאלע שולן" פאר אידן, וואו זיי זאלן לערנען אלגעמיינע למודים אין דייטש, — האט נ. ה. וויזל ארויסגעלאזן אן אויפרוף „דברי שלום ואמת" צו אגיטירן צווישן די אידישע קהילות פון עסטרייך איינצופירן די שולן מיט די וועלטליכע למודים און אויפהערן צוריידן „זשארגאן".

784. ווי האבן די רבנים פון יענער צייט געענטפערט אויף וויזלס אויפרוף?
— זיי האבן שטארק באקעמפט זיין אויפרוף און אייניקע פון זיי האבן אויסגערופן א חרם אויף וויזלס „דברי שלום ואמת". אין ליטע האט מען דעם דאזיקן אויפרוף עפנטליך פארברענט.

---

קאפיטל לא.

# די גלייכבארעכטיקונג פון די אידן נאך דער פראנצויזישער רעוואלוציע

785. וואס פאר א ווירקונג האט די פראנצויזישע רעוואלוציע, וואס האט זיך אנגעהויבן אין 1789, געהאט אויפ'ן לעבן פון די אידן אין פראנקרייך?
— די רעוואלוציאנערע נאציאנאלע פארזאמלונג האט אין יאר 1791 אנגענומען א געזעץ צו געבן די אידן גלייכע בירגערליכע און פאליטישע רעכט, מאטיווירנדיק אט דעם געזעץ מיט דעם, אז די אידן פון פראנקרייך זיינען ניט קיין באזונדער פאלק, נאר פראנצויזן פון דעם אידישן גלויבן.

786. וואס האט פאסירט מיט די עלזאסער אידן אין יאר 1808?
— די עלזאסער קריסטן האבן זיך באקלאגט פאר נאפאלעאנען, דעם קיסר פון פראנקרייך אין יענער צייט, אז די עלזאסער אידן נעמען צו גרויסע ציזן פון די קריסטן, וואס לייען ביי זיי געלט. האט נאפאלעאן ארויסגעגעבן א דעקרעט, אז די עלזאסער אידן פארלירן זייערע בירגערליכע רעכט אויף 10 יאהר, ביז ס'וועט פארשווינדן דער אונטערשייד צווישן זיי און אנדערע בירגער.

787. וואס פאר א וויכטיקע אידישע פארזאמלונג האט נאפאלעאן צוזאמענגערופן מיט'ן צוועק צו ווירקן אויף די אידן זיי זאלן זיך אסימילירן מיט די פראנצויזן?
— ער האט צונויפגערופן אין פאריז א גרויסן „סנהדרין", וואס איז באשטאנען פון פארשטייער פון אלע אידישע קהילות, ארום 100 פערזאן, צווישען זיי פיל רבנים, וואס האבן אנגענומען אזעלכע באשלוסן, וואס נאפאלעאן האט פארלאנגט. ווי, למשל, אז די פראנצויזישע אידן האלטן זיך פאר פראנצויזן פון אידישן גלויבן, אז די געזעצן פון לאנד זיינען וויכטיקער פון די געזעצן פון תלמוד און אז די רבנים האבן ניט קיין רעכט צו פסק'ענען דיני ממונות (משפטים וועגן געלט זאכן).

788. וואס האט דעמאלט נאפאלעאן באפוילן וועגן דער אידישער זעלבסטפארוואלטונג?
— אז דער אויטאנאמער קהל זאל ווערן אפגעשאפט און אנשטאט דעם זאל

יעדע קהילה האָבן א „קאָנסיסטאָריע'', וואָס זאָל פירן נאָר די רעליגיעזע ענינים.

789. וואו נאָך האָבן די אידן געקראָגן גלייכע רעכט דורך דער ווירקונג פון נאַפּאָלעאָנען?

—אין דייטשלאַנד, איטאַליע און האָלאַנד.

790. ווען האָבן דייטשלאַנד און איטאַליע אָפּגעשאַפט די גלייכבארעכטיקונג פון די אידן?

—אין יאָר 1815, ווען אַט די לענדער האָבן זיך באַפרייט פון די פראַנצויזן, נאָך נאַפּאָלעאָנס מפלה.

791. **וואָס פאַר אַן ענדערונג איז פאָרגעקומען אין דעם אידישן קולטורעלן לעבן אין יענער צייט?**

—דער אידישער יונגער דור פון מערב־אייראָפּע האָט זיך דערנעענטערט צו די קריסטליכע שכנים און האָט אומגעביטן די אַלטע אידישע קולטור אויף דער נייער אייראָפּעאישער.

792. וואָס פאַר א שאָדן האָט דאָס געבראַכט צום אידנטום פון מערב־אייראָפּע?

—זייער פיל געבילדעטע אידן האָבן זיך געטויפט, און פון דעם סוף פון 18־טן י.ה. האָט די שמד־באַוועגונג אָנגענומען אַן עפּידעמישן כאַראַקטער, אפילו די מיטגלידער פון משה מענדעלסאָנ'ס פאַמיליע האָבן זיך אַלע אויסגע־שמד'ט.

793. ווער איז געווען היינריך היינע?

—א אידישער גרויסער דיכטער אין דייטש און א פריהייטס־קעמפּער, וואָס האָט זיך יונגערהייט גע'שמד'ט, דענקענדיק אַז „דער טויף־שיין איז אַן אַריינטריט־בילעט אין דער אייראָפּעאישער געזעלשאַפט'' (אַזוי האָט ער אַמאָל געזאָגט), — אָבער שפּעטער האָט ער אויף דעם שטאַרק חרטה געהאַט.

794. ווער איז געווען קאַרל מאַרקס?

—דער שאַפער פון דעם וויסנשאַפטליכן סאָציאַליזם, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין 1818 און געטויפט געוואָרן קינדהווייז דורך זיין פאָטער, וואָס האָט געשטאַמט פון גרויסע רבנים.

795. וואָס פאַר א באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן אין דער ערשטער העלפט פון דעם 19־טן יאָרהונדערט ביי די געבילדעטע אידן פון דייטשלאַנד, וואָס האָבן זיך ניט געוואָלט שמד'ן?

—די רעליגיעזע רעפאָרם באַוועגונג, וואָס האָט געוואָלט צופּאַסן די אידישע רעליגיע צום מאָדערנעם לעבן.

796. וואָס האָבן די אידישע רעפאָרמער געטאָן, כדי צוצוציען די אידישע יוגנט צום גאָטעס דינסט?

—זיי האָבן געבויט שיינע „טעמפּלען'', האָבן איינגעפירט כאָר געזאַנג פון געוויסע תפילות באַגלייט מיט'ן שפּיל פון אַן אָרגל, געהאַלטן דרשות אין דייטש און געזאָגט אויך געוויסע תפילות אין א דייטשער איבערזעצונג.

797. וואָס נאָך פאַרא ענדערונגען אין דער אידישער רעליגיע האָבן שפּעטער רע־פאָרם־ראַבינער פון דייטשלאַנד געמאַכט?

—זיי האָבן אָפּגעשאַפן געוויסע צערעמאָניעס, וואָס זיינען, לויט זייער מיינונג, שוין פאַרעלטערט, — ווי ציצית, תפילין א.ד.ג. און אנשטאָט דעם גע־זוכט צו פאַרשטאַרקן דעם מאָראַלישן אינהאַלט פון דער אידישער רעליגיע.

798. וואָס פאַרא באַשלוסן האָט מען אָנגענומען אויף די ראַבינער פאַרזאַמלונגען, וואָס די פירער פון דער רעפאָרם, אברהם גייגער (דער ברעסלויער ראַבינער), לודוויג פיליפּסאָן (דער רעדאַקטאָר פון דער „אַלגעמיינע צייטונג דעס יודענ־טומס") און אנדערע האָבן צונויפגערופן אין די פערציקער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט?

—אַז דאָס אידישע געזעץ מוז זיך צופּאַסן צו דעם מלוכה געזעץ, אַז מען קען אויך דאַווענען אין דער לאַנד־שפּראַך, אַז אַלע תפילות וועגן ציון זאָלן אויס־געשלאָסן ווערן, (ווייל זייענדיק נאָר אַ רעליגיעזע גרופּע און געהערנדיק נאַציאָנאַל צום לאַנד, וואו זיי וואוינען, דאַרפן די אידן גאָר ניט וועלן זיך אומקערן צוריק קיין ארץ ישראל), אַז די שווערע דינים וועגן שבת־רו זאָלן פאַרלייכטערט ווערן, און נאָך אַנדערע רעפאָרמען אין דעם דאָזיקן גייסט.

799. ווי האָבן זיך באַצויגן די פרומע רבנים צו אָט די רעפאָרמען אין דער אידישער רעליגיע?

—זיי האָבן זיי שטאַרק באַקעמפט דורך זייערע דרשות אין די שולן, דער־קלערנדיק, אַז די רעפאָרמער זיינען אפּיקורסים, וואָס ווילן נאָך פאַר־גרעסערן די שמד באַוועגונג.

800. ווער פון די געבילדעטע אָרטאָדאָקסישע רבנים אין דייטשלאַנד פון יענער צייט האָט באַקעמפט אַמשטאַרקסטן די רעפאָרם־באַוועגונג?

—שמשון רפאל הירש, וואָס האָט געקראָגן אויך אַן אוניווערסיטעט בילדונג און איז דאָך געבליבן אַן אָרטאָדאָקסישער איד. ער האָט געהאַלטן, אַז מיר דאַרפן צופּאַסן ניט די רעליגיע צום לעבן, נאָר דאָס לעבן צו אונזער רעליגיע.

801. וואָס האָט ער געטאָן צו באַקעמפן די רעפאָרם־באַוועגונג אין דייטשלאַנד?

—ער האָט געגרינדעט אין פראַנקפורט אַ פּאַרטיי פון נייע אָרטאָדאָקסן, וואָס האָט שטאַרק געקעמפט קעגן די רעפאָרמער, כאָטש אָט די נייע אָרטאָדאָקסן האָבן געהאַלטן, אַז די וועלטליכע בילדונג איז נויטיק אויך פאַר די פרומע אידן. שמשון רפאל הירש האָט אויך פאַרפאַסט די ביכער „חורב" און „אגרות צפון" (17 בריוו וועגן אידנטום), וואו עס ווערט דערקלערט אויף אַ מאָדערנעם אופן דאָס אָרטאָדאָקסישע אידנטום.

802. וואָס פאַרא העברעאישן זשורנאַל האָבן מענדלסאָנס תלמידים ארויסגעגעבן אין די יאָרן 1784—1811 מיט'ן צוועק צו פאַרשפּרייטן השכלה צווישן די אידן?

—דעם „המאסף", וואָס פלעגט אַנטהאַלטן אַרטיקלען וועגן רעליגיע, פילאָ־זאָפישע און היסטאָרישע פראַגן, שירים, דראַמעס א.ד.ג.

803. פאַרוואָס האָט דער „המאסף" געהאַט אַ קליינע ווירקונג אויף דער אידישער יוגנט אין דייטשלאַנד?

—ווייל דער יונגער אידישער דור אין דייטשלאַנד, וואָס האָט געלערנט אין

די דייטשע שולן, האָט שוין ניט פאַרשטאַנען קיין העברעאיש. זיי האָבן געקענט נאָר דייטש. אַפילו אידיש האָבן זיי שוין אויפגעהערט צו ריידן.

804. וואָס פאַר אַ צייטשריפט האָט שפּעטער פאַרנומען דעם פּלאַץ פון דעם „המאסף" ?

—„אַלגעמיינע צייטונג דעם יודנטומס", וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין דייטש אין דעם יאָר 1837.

805. ווער איז געווען דער ערשטער אידישער היסטאָריקער אין דייטשלאַנד ?

—מאַרקוס יאָסט, וואָס האָט פאַרפאַסט אין דייטש „די אַלגעמיינע געשיכטע פון די איזראַעליטן" אין 9 בענד (1820—1829).

806. ווער האָט אין יענער צייט געשריבן וועגן דער אידישער ליטעראַטור אין מיטלאַלטער ?

—ליפּמאַן צונץ, וואָס האָט פאַרפאַסט אין דייטש ווערק וועגן דער אַנטוויקלונג פון מדרש, תפלות, פיוטים, סליחות און קינות (1832—1865).

807. ווער האָט אין יענער צייט געשפּילט די וויכטיקסטע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון דער אידישער וויסנשאַפט אין גאַליציע ?

—רבי נחמן קראָכמאַל (1785—1840), וואָס האָט פאַרפאַסט אין העברעאיש דעם ספר „מורה נבוכי הזמן" (דער וועגווייזער פאַר די פאַרבלאָנדזשעטע פון אונזער צייט) — אַ טיפע פילאָזאָפיע פון דער אידישער גייסטיקער געשיכטע. אין דעם דאָזיקן בוך האָט ער געוויזן ווי צו באַנוצן די מאַטעריאַלן פון תלמוד אום צו פאַרשטיין די אַלטע אידישע געשיכטע.

808. ווער איז געווען דער בעסטער פון זיינע תלמידים אין דער פאָרשונג פון דער אידישער געשיכטע ?

—ר' שלמה יהודה ראַפּאָפּאָרט (1790—1867), וואָס איז געוואָרן רב אין פּראָג און האָט געשריבן אין די זאַמלביכער „ביכורי העתים" וועגן די געשיכטליכע קוואַלן אין תלמוד און וועגן דער תקופה פון די גאונים.

809. ווער פון די גאַליציאַנער משכילים פון יענער צייט האָבן שטאַרק געקעמפט קעגן די חסידים ?

—יוסף פּערל, וואָס האָט געגרינדעט די ערשטע אידישע שולע אין טאַרנאָפּאָל און האָט אָנגעשריבן אַ סאַטיריש ביכל קעגן די חסידים אין זייער סטיל, מיט'ן נאָמען „מגלה טמירין", און יצחק ערטער, דער מחבר פון דעם סאַטירישן בוך „הצופה לבית ישראל".

---

קאַפּיטל לב.

# די צווייטע עמאַנסיפּאַציע פון די אידן אין מערב-אייראָפּע.

810. ווער איז געווען דער פירער פון דעם קאַמף צוריקצוקריגן פאַר די אידן פון דייטשלאַנד די גלייכבערעכטיקונג, וואָס מ'האָט פון זיי צוגענומען ? (זע פראַגע 790).

—גבריאל ריסער, א האַמבורגער אַדוואָקאַט, וואָס האָט געפאָדערט אַלע בירגער־רעכט פאַר די „דייטשע בירגער פון אידישן גלויבן".

811. פאר וואס האט ער אזוי אנגערופן די אידן?
—ווייל די דייטש־אידישע פובליציסטן, ווי אלע קעמפער פאר עמאנסיפאציע אין יענער צייט, האבן געהאלטן, אז קיין אידיש פאלק איז ניטא; די אידן זיינען אומעטום א טייל פון דער הערשנדער נאציע, און זיי אונטערשיידן זיך נאר אין **רעליגיע**.

812. וואס פאר א געזעץ וועגן אידן האט אנגענומען די דייטשע קאנסטיטוציע נאך דער רעוואלוציע פון 1848 ?
—אז „בירגערליכע און פאליטישע רעכט געהערט יעדערן, אן אונטערשייד פון רעליגיע".

813. ווי איז פארווירקליכט געווארן אין לעבן אט די אידישע גלייכבארעכטיקונג אין דייטשלאנד ?
—צו ערשט האט מען דעם אידן געלאזט וואוינען און האנדלען אומעטום, אבער מ'האט אים ניט צוגעלאזן צו קיין העכערע פראפעסיעס און מלוכה־דינסט. ערשט ווען ס'איז געשאפן געווארן די גייע דייטשע אימפעריע פון די פאראייניקטע דייטשע לענדער (אין די יארן 1869—1871) זיינען דער האלבער מיליאן דייטשע אידן ווירקליך געווארן פרייע בירגער.

814. וואס פארא רעכט האבן געקראגן די 1½ מיליאן אידן פון עסטרייך נאך דער רעוואלוציע פון 1848 ?
**—אין יענער צייט האבן זיי געקראגן בירגער רעכט, אבער נאר אויפ'ן פאפיר. ווען די רעוואלוציע האט זיך איינגעשטילט, האט מען אויך פארמעל אפגענומען ביי די אידן די בירגער רעכט. כמו ווין האט מען אפילו אנגעהויבן צו טרייבן אידן.**

815. ווען איז פארווירקליכט געווארן די אידישע גלייכבארעכטיקונג אין עסטרייך ?
—אין יאר 1867, ווען אין עסטרייך איז געווארן א ליבעראלע רעגירונג.

816. ווי האט אט די גלייכבארעכטיקונג געווירקט אויפ'ן אידישן לעבן ?
—פיל אידן זיינען געווארן דאקטוירים, אדוואקאטן, אינזשינערן און דעפוטאטן אין פארלאמענט, און די אידישע יוגנט האט זיך זייער גיך אסימילירט מיט די דייטשן, פאליאקן און אונגארישע מאדיארן. ס'האט זיך אויך געמערט געמישטע חתונות צווישן אידן און קריסטן אין דייטשלאנד און עסטרייך.

817. וואו איז נאך שטארק געבליבן די פרומע אידישקייט ביי די עסטרייכישע אידן?
—אין גאליציע מיט אירע חסידים און רביים און אין אונגארן מיט אירע ישיבות און רבנים.

818. וועלכער אידישער היסטאריקער פון יענער צייט האט געהאט א גרויסע ווירקונג אויף דער אויפלעבונג פון דעם אידישן נאציאנאלן געדאנק ?
—העגריך גרעץ, וואס האט פארפאסט אין דייטש א וואונדערבארע „געשיכטע פון די אידן" אין עלף בענד (1853—1876).

819. ווער איז דער ערשטער אין דייטשלאנד געקומען פון אסימילאציע צו נאציאנאליזם און ציוניזם ?
—משה העס, דער באוואוסטער סאציאליסט, וואס האט אין זיין דייטשישן בוך „רוים און ירושלים" (1862) פראטעסטירט קעגן דער אסימילאציע און

פאַרגעשלאָגן צו בויען א אידישן ישוב אין ארץ ישראל און מאכן עס פאר דעם אידישן היימלאַנד, וואו די אידן זאָלן איינפירן סאָציאַלע גערעכטיקייט און דערמיט זיין א ביישפּיל פאר דער וועלט.

820. ווען האָבן די אידן פון איטאַליע געקראָגן פולשטענדיקע בירגער־רעכט ?

—אין יאָר 1870, ווען וויקטאָר־עמאַנואל, דער איטאַליענישער קעניג, האָט אָפּגענומען ביים פויבסט די שטאָט רוים און געמאַכט זי פאר דער וועלט־ליכער הויפטשטאָט פון איטאַליע.

821. וואָס פארא רעכט האָבן געהאט די אידן אין ענגלאַנד אין דעם אכצענטן יאָרהונדערט ?

—זיי האָבן געהאט דאָס רעכט צו פירן געשעפטן אומעטום, אָבער זיי האָבן ניט געהאט דאָס רעכט צו ווערן דעפּוטאַטן, ריכטער און אַנדערע מלוכה־באַאמטע, ווייל יעדער באַאמטער אָדער דעפּוטאַט האָט געמוזט שווערן „מיט דעם גלויבן פון אַן אמת'ן קריסט". ערשט אין יאָר 1858 איז אָפּגע־שאַפט געוואָרן אָט דער שבועה־געזעץ, און אידן האָבן געמעגט ווערן דעפּוטאַטן.

822. ווער איז געווען לאָרד ביקאָנספילד (בנימין דיזראעלי) ?

—א באַגאַבטער שרייבער, וואָס זיינע אידישע עלטערן האָבן אים געטויפט, ווען ער איז נאָך געווען א קינד. פון יאָר 1874 איז ער געווען דער פּרעמיער פון ענגלאַנד און געטאָן טובות אידן אין פאַרשידענע לענדער.

823. ווער איז געווען משה מאָנטעפיאָרע ?

——א גרויסער אידישער פילאַנטראָפּ פון ענגלאַנד, וואָס פלעגט זייער פיל שטיצן אָרימע און פאַרפאָלגטע אידן אין פאַרשידענע לענדער.

824. וואָס האָט ער געטאָן פאר די אידן אין דמשק, וואָס זיינען געפייניגט געווען אין תפיסה פאר עלילת דם אין יאָר 1840 ?

—ער האָט באַפרייט די אומשולדיקע אידן מיט דער הילף פון דער ענגלישער רעגירונג.

825. ווער פון די אידישע פירער האָט אים געהאָלפן אין דער באַפרייאונג פון די אידן אין דמשק ?

—אַדאָלף קרעמיע, דער פירער פון די פראַנצויזישע אידן, וואָס איז געווען יוסטיץ־מיניסטער אין פראַנקרייך און פלעגט באַנוצן זיין איינפלוס אין די פּאָליטישע קרייזן צו פאַרטיידיקן אומעטום די אידישע אינטערעסן.

826. וואָס פאר א וויכטיקן אידישן פאַרבאַנד האָט ער געגרינדעט אין יאָר 1860 ?

—דעם „אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסאַל" (אַלוועלטליכן אידישן פאַרבאַנד), וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע צו פאַרטיידיקן די אידן אין אַלע לענדער, וואו זיי ווערן פאַרפאָלגט, און העלפן זיי צו קריגן גלייכבאַרעכטיקונג.

827. וואָס פאר א קולטורעלע ארבעט האָט דער „אַליאַנס" געטאָן צווישן אידן ?

—ער האָט געעפנט און אויסגעהאַלטן פאר די אידן אין די מזרח לענדער שולן פאר אַלגעמיינער בילדונג און מלאכה.

828. פאר וועלכע אידן איז דעם פאַריזער אַליאַנס אויסגעקומען צוערשט זיך איינ־צושטעלן.

—פאר די אידען אין רומעניע.

829. מיט וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט די אידן אין רומעניע ?
—זיי האָבן געהאַנדלט מיט די פּויערים און האָבן אַרענדירט ערד ביי די פּריצים.
830. ווי איז געווען די לאַגע פון די אידן אין רומעניע?
—זיי האָבן ניט געהאַט קיין בירגער־רעכט און פלעגן ווערן אָפט פאַרפאָלגט פון די הערשער און פון די קריסטליכע מאַסן.
831. וואָס איז פאָרגעקומען מיט די רומענישע אידן אין בוקאַרעסט און יאַסי אין יאָר 1866, ווען דער פאַרלאַמענט האָט פאַרהאַנדלט די פראַגע וועגן געבן די אידן גלייכע רעכט ?
—ס'האָבן דאָרטן אויסגעבראָכן פּאָגראָמען אויף די אידן.
832. **וואָס האָט דעמאָלט געטאָן דער אַליאַנס ?**
—**ער האָט געווירקט אויף די דיפּלאָמאַטן פון פראַנקרייך און אַנדערע לענדער זיי זאָלן פאָדערן פון רומעניע צו שיצן אירע אידן.**
833. ווי האָט זיך רומעניע באַצויגן צו די דאָזיקע פאָדערונגען ?
—זי האָט אויך ווייטער גע'רודפ'ט די אידן. אפילו נאָכ'ן יאָר 1879, ווען זי איז געצוואונגען געוואָרן צו געבן די אידן גלייכע בירגער־רעכט פון די אייראָפּעאישע גרויסמאַכטן אויפ'ן בערלינער קאָנגרעס (אונטער דער ווירקונג פון לאָרד ביקאָנספילד), — זיינען די דאָזיגע רעכט געבליבן נאָר אויפ'ן פּאַפּיר.

---

קאַפּיטל לג.

# די אידן אין רוסלאַנד

834. **וואו האָט די רוסישע רעגירונג געגעבן וואוינרעכט דעם מיליאָן אידן, וואָס זיינען אַריבער צו איר אין דער צייט, ווען פּוילן איז צעטיילט געוואָרן (זע פראַגע 734) ?**
—זיי האָבן געמעגט וואוינען נאָר אין די שטעט, וואָס האָבן פריער געהערט צו פּוילן. אָט אַזוי איז געשאַפן געוואָרן דער אידישער „תחום המושב" (וואוין־ראַיאָן) אין רוסלאַנד אין די יאָרן 1772-1795.
835. מיט וואָס האָט דער רוסישער צאַר אַלעקסאַנדער דער ערשטער געוואָלט פאַרבעסערן די אידישע לאַגע ?
—אין יאָר 1804 האָט ער געגעבן אידן ערד אין דרום רוסלאַנד און געהאָלפן זיי גרינדן דאָרט אידישע ערד־אַרבעטער קאָלאָניעס.
836. וויפיל אידן זיינען דעמאָלט געוואָרן קאָלאָניסטן אין כערסאָנער און יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניעס ?
—נאָר עטליכע טויזנט, ווייל די קאָלאָניסטן האָבן שטאַרק געליטן, ביז זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט, האָבן דעריבער שוין אַנדערע ניט געוואָלט ווערן קיין קאָלאָניסטן.
837. מיט וואָס האָבן זיך פאַרנומען די מערסטע אידן אין רוסלאַנד ?
—מיט האַנדל אין די שטעט און אין די דערפער.

838. וואָס פאַר אַ גזרה האָט די רוסישע רעגירונג ארויסגעגעבן אויף די אידן פון די דערפער ?
—אונטער'ן אויסרייד, אַז די אידן זיינען שולדיק אין דער אָרימקייט פון די רוסישע פויערים, האָט זי אָנגעהויבן צו טרייבן די אידן פון די דערפער. זיינען די שטעט געוואָרן פול מיט אידן אָן פרנסה.
839. ווען האָט די רעגירונג אָפּגעשטעלט דעם גרוש פון די דערפער ?
—אין 1812, ווען נאַפּאָלעאָן איז געגאַנגען אויף רוסלאַנד, און די רוסישע רעגירונג האָט ניט געוואָלט צופיל אויפרייצן קעגן זיך אירע אידישע אונ־טערטאַנען.
840. וואָס פאַר אַ גזרה אויף די אידן האָט ארויסגעגעבן דער צאַר ניקאָליי דער ערשטער ?
—כדי צו ברענגען די רוסישע אידן צו רוסיפיקאַציע און צו שמד, האָט דער דאָזיקער צאַר אין יאָהר 1827 ארויסגעגעבן אַ דעקרעט, אַז מ'זאָל אָפּגעבן אידישע יונגע לייט פאַר סאָלדאַטן אויף 25 יאָר. ווען ס'וועלן אויספעלן יונגע לייט זאָל מען נעמען קליינע קינדער, זיי אוועקגעבן פאַר קאַנטאָ־ניסטן (סאָלדאַטישע קינדער) און צוגרייטן זיי צו מיליטער דינסט.
841. ווי פלעגט אָט דער באַפעל וועגן די אידישע קינדער דורכגעפירט ווערן ?
—ספּעציעלע „כאַפּערס", מערסטנס אידן, פלעגן צונעמען מיט געוואַלד קליינע קינדער פון זייערע עלטערן און פארשיקן זיי אין ווייטע רוסישע גובערניעס, וואו קיין אידן זיינען ניט געווען. נאָך אַ לאַנגן אויסמוטשנדיקן וועג, אין וועלכן אַ סך פון זיי פלעגן אויסשטאַרבן, פלעגט מען זיי אָפּגעבן אין רוסישע הייזער, וואו מ'פלעגט דורך פיין זיי צווינגען צום שמד.
842. וואָס איז געווען דער רעזולטאַט פון דער דאָזיקער קינדער־פייניקונג ?
—אַ טייל פון די געפּייניקטע קינדער פלעגן זיך שמד'ן, אַ טייל אָבער האָבן אויסגעהאַלטן דעם נסיון, און נאָכדעם ווי זיי פלעגן אויסוואַקסן און אָפּ־דינען פאַר סאָלדאַטן 25 יאָר, פלעגן זיי זיך מערסטנס אומקערן אין די שטעטלעך פון זייערע עלטערן. (די דאָזיקע אויסגעדינטע „ניקאָלאַיעווער" סאָלדאַטן האָבן געמענגט וואוינען אויך אויסערן אידישן „תחום").
843. וועלכע אידן פלעגן אַממערסטן ליידן פון דער דאָזיקער גזרה ?
—די, וואָס האָבן ניט געלערנט אין ישיבות און קינדער פון אָרימע. ווייל די תקיפים פון דעם קהל פלעגן אויסנוצן זייער מאַכט און שיקן פאַר סאָלדאַטן מערסטנטייל די קינדער פון אָרימע, באַשיצנדיק מיט דעם זייערע אייגענע קינדער.
844. וואָס האָט ניקאָלאַי דער ערשטער געטאָן, ווען ער האָט געזען, אַז דורך דער סאָלדאַטישער קאַזאַרמע קען מען אַלע אידן ניט אָפּ'שמד'ן ?
—ער האָט געעפנט רוסישע שולן פאַר אידישע קינדער, זיי זאָלן ניט לערנען אין חדרים און ישיבות, און צוויי ראַבינער שולן, אין ווילנע און זשיטאָמיר, צוצוגרייטן אָפיציעלע רבנים, וואָס זאָלן זיין אַזוי ווי באַאַמטע פון דער רעגירונג (1844).
845. ווי האָבן די אידן זיך באַצויגן צו אָט די נייע שולן ?
—די אידישע מאַסן האָבן ניט געוואָלט געבן זייערע קינדער אין די שולן

פון דער רעגירונג, פילנדיק, אז דער ציל פון דער רעגירונג איז צו רוסי־
פיצירן די אידן און זיי צו שמד'ן. ערשט ווען די השכלה באוועגונג האט
פון דייטשלאנד אריינגעדרונגען אין רוסלאנד, האבן א טייל אידן אנגע־
הויבן צו געבן זייערע קינדער אין די דאזיקע רעגירונג־שולן.

846. ווער איז געווען דער ערשטער פון די משכילים אין רוסלאנד?

—יצחק בער לעווינזאן פון קרעמעניץ, אין וואלין.

847. וואס איז געווען דער ציל פון זיין בוך „תעודה בישראל", וואס ער האט אפגעדרוקט אין 1828?

—צו באווייזן, אז מען דארף לערנען די קינדער חוץ תנ"ך און גמרא אויך אלגעמיינע למודים, העברעאיש און די מלוכה־שפראך רוסיש, און אז די אידן דארפן זיך באשעפטיקן מיט פראדוקטיווער ארבעט, איבערהויפט מיט ערד־ארבעט.

848. ווי האבן זיך די חסידים באצויגן צו לעווינזאנען?

—זיי האבן אים געהאלטן פאר אן אפיקורוס, און האבן פארבאטן זייערע קינדער צו לייענען זיינע ביכער.

849. צו וואס האבן געשטרעבט די משכילים שרייבער נאך לעווינזאנען?

—אויפצולעבן די העברעאישע שפראך אין איר ביבלישער פארם און געבן איר א נייעם אינהאלט, דאס הייסט: שאפן א וועלטליכע ליטעראטור אין העברעאיש.

850. ווער זיינען די וויכטיקסטע משכילישע שרייבער פון רוסלאנד אין מיטן פון 19־טן י.ה.?

—די דיכטער אברהם בער לעבנזאן (אד"ם הכהן; אד"ם — אברהם דוב מיכאילעשקער) און זיין זון, דער ליריקער, מיכה יוסף; מרדכי אהרן גינצ־בורג און קלמן שולמאן, וואס האבן איבערזעצט פראזאישע ווערק פון דייטש אויף העברעאיש, און אברהם מאפו, דער מחבר פון די שיינע היס־טארישע ראמאנען: „אהבת ציון" און „אשמת שומרון", וואס האבן גע־האט א גרויסע ווירקונג אויף דער אידישער יוגנט.

851. ווי איז געווארן די לאגע פון די רוסישע אידן אין דער „רעפארם־צייט" פון אלעקסאנדער דעם 2־טן?

—די קאנטאניסטישע גזרה איז צוריקגערופן געווארן, מ'האט ערלויבט אי־דישע גרויסע סוחרים צו וואוינען אין טיף רוסלאנד, אויסערן „תחום"; אויך די אידן וואס האבן געענדיקט אן אוניווערסיטעט און שפעטער אויך בעלי־מלאכות, האבן געמעגט וואוינען אומעטום.

852. וואס פאר א ווירקונג האבן געהאט אט די נייע געזעצן אויף דער אידישער יוגנט?

—זייער פיל פון דעם אידישן יונגן דור אין די גרויסע שטעט האבן אנגעהויבן זיך צו באפרייען פון דעם גייסטיקן יאך פון זייערע פרומע טאטעס און זיי האבן גענומען שטודירן אין די גימנאזיעס און די אוניווערסיטעטן. זייער אומגאנג־שפראך איז געווארן רוסיש אנשטאט אידיש.

853. וואס פארא וואכנבלעטער האבן אנגעהויבן צו דערשיינען פאר די רוסישע אידן אין יאר 1860?

—דער רוסישער „ראזסוויעט" (מארגנשטערן), דער העברעאישער „המליץ".

אין אָדעס און דער העברעאישער „הכרמל״ אין ווילנע.

854. וואָס איז געווען די „חברה מפיצי השכלה״, וואָס האָט זיך געגרינדעט אין פעטערבורג אין יענער צייט?

— א געזעלשאַפט צו פאַרשפרייטן בילדונג צווישן די רוסישע אידן אין רוסיש און העברעאיש.

855. ווער איז געווען דער גרעסטער העברעאישער דיכטער אין יענער צייט?

— יהודה־ליב גאָרדאָן (1830־1892) וואָס האָט געקעמפט אין זיינע שירים קעגן דעם פאַרשטיינערטן רביניזם און פאַנאַטישן חסידיזם. זיין מייד נונג וועגן אידישקייט האָט ער אויסגעדריקט מיט די ווערטער: הוה יהודי באהלך ואדם בצאתך (זיי א איד אין פריוואַטן לעבן און א מענש אין געזעלשאַפטליכן לעבן).

856. ווער האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן רעליגיעזער רעפאָרם אין רוסלאַנד?

— משה־ליב ליליענבלום, וואָס האָט שפעטער אויפגעגעבן זיין קאַמף פאַר תקונים בדת און אָנגעהויבן קעמפן פאַר נאַציאָנאַליזם און ציוניזם.

857. קעגן וואָס האָט געקעמפט פּרץ סמאָלענסקין אין זיין מאָנאַטשריפט „השחר״, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין ווין אין די יאָרן 1869־1881?

— קעגן דער הערשאַפט פון די אידישע כלי־קודש, און אויך קעגן אַסימילאַציע. אין די לעצטע יאָרן האָט ער שטאַרק אַגיטירט פאַר ישוב ארץ ישראל.

858. וועלכע שרייבער האָבן געשילדערט דעם אידישן אַלטן לעבנס שטייגער אין דערציילונגען אויף דער אידישער שפּראַך אין יענער צייט?

— אייזיק מאיר דיק, יצחק יואל לינעצקי און אַנדערע.

859. ווען איז צום ערשטן מאָל ערשינען אין רוסלאַנד א וואָכנבלאַט אויף אידיש?

— אין יאָר 1862 האָט די רעדאַקציע פון „המליץ״ אין אָדעס אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן א וואָכנשריפט אויף אידיש „קול מבשר״, מיט'ן ציל צו פאַרשפרייטן השכלה צווישן די רוסישע אידן.

860. ווער איז געווען דער גרינדער פון דער מאָדערנער אידישער ליטעראַטור?

— שלום יעקב אַבראַמאָוויטש (מענדעלע מוכר ספרים — 1835־1917), וואָס האָט קינסטלעריש געשילדערט אויף א ריינער אידישער שפּראַך דאָס אידישע לעבן פון זיין צייט. ער האָט אויך זייער פיל אויפגעטאָן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער העברעאישער שפּראַך און ליטעראַטור.

---

קאַפּיטל לד.

## די פאַרשטאַרקונג פון דעם אַנטיסעמיטיזם אין אייראָפּע
(1881 - 1903)

861. ווען איז אויפגעקומען אין מערב־אייראָפּע די פיינטשאַפט צו די אידן ווי צו א באַזונדערער ראַסע, דער אַנטיסעמיטיזם?

— אַרום דעם יאָר 1880, ווען א צאָל געלערנטע אין דייטשלאַנד, קוקנדיק מיט קנאָה אויף די אידן, וואָס האָבן פאַרנומען הויכע שטעלעס אין די דייטשע אוניווערסיטעטן, האָבן אָנגעהויבן באַקעמפן אידן מכלומר'שט אויף א וויסנשאַפטליכן אופן, אויפבּווייענדיק א טעאָריע, אַז די אידן זיינען א נידעריקע ראַסע.

862. וואס פאר א ווירקונג האט דער דאזיקער אנטיסעמיטיזם געהאט אויף דער דייטשער רעגירונג?
—די דייטשע רעגירונג האט באפוילן ניט אריינצולאזן קיין דייטשלאנד אידן פון רוסלאנד און פוילן און האט זעלטן געגעבן אידן א מלוכה־אמט אדער א פראפעסאר שטעלע אין א הויכשול.
863. וואס פאר א ווירקונג האט די אנטיסעמיטישע באוועגונג געהאט אויף עסטרייך?
—דארט האט זיך די באוועגונג פארשפרייט אין אלע פראווינצן. עס זיינען אויך געווען פאלן פון עלילות דם אין אונגארן.
864. אין וואס פאר א פאל האט זיך ארויסגעוויזן דער אנטיסעמיטיזם אויך אין פראנקרייך?
—אין דעם דרייפוס־פראצעס, ווען מ'האט פארשיקט דעם אידישן קאפיטאן דרייפוס אויפ'ן „טייוולס אינזל", ווייל מ'האט אים חושד געווען, אז ער האט איבערגעגעבן א דייטשן אגענט געהיימע מיליטערישע פלענער.
865. וואס האט מען אויסגעפונען, ווען מ'האט רעווידירט דרייפוסעס פראצעס אין יאר 1903?
—אז אנטיסעמיטישע אפיצערן פון גענעראל־שטאב האבן געפעלשט דאקו־מענטן, כדי צו מאכן א בלבול אויף דרייפוסן.
866. אין וואס האט זיך אויסגעדריקט די שנאה צו די אידן אין רוסלאנד אין די אכציקער יארן פונ'ם 19־טן י.ה.?
—אין דרום־רוסלאנד זיינען אין יענער צייט פארגעקומען ארום 150 פאגרא־מען, וואס זיינען געווען ארגאניזירט פון דער רוסישער רעגירונג. מ'האט חרוב געמאכט אידישע הייזער, בארויבט און אויסגע'הרג'עט פיל אידן.
867. וואס פארא גזירות האט די רוסישע רעגירונג ארויסגעגעבן קעגן אידן אין מאי 1882?
—אז אידן טארן ניט וואוינען אין דערפער און מען זאל שטרענגער אכטונג געבן אז קיין איד זאל זיך ניט באזעצן אויסערן „תחום", וואו ס'מעגן וואוינען נאר גאר גרויסע סוחרים אדער דיפלאמירטע פון די אוניווער־סיטעטן.
868. וואס האט דער צאר אלעקסאנדער דער דריטער באפוילן אין 1891 וועגן די מאסקווער אידן?
—מ'זאל ארויסטרייבן פון מאסקווע אלע אידן, וואס האבן זיך דארטן באַ־זעצט אומגעזעצליך („גרוש מאסקווע").
869. וואס פאר א געזעץ האט די רוסישע רעגירונג ארויסגעגעבן כדי צו פארקלע־נערן די צאל פון די דיפלאמירטע אידן?
—א פראצענט נארמע אין די מיטל־און הויכשולן. אין די גימנאזיעס פלעגט מען צונעמען נאר צען פראצענט אידן און אין די הויכשולן נאך א קלע־נערן פראצענט.
870. ווי האט די רוסישע רעגירונג פון ניקאלאי דעם צווייטן באהאנדלט די אידן?
—זייער שלעכט. זי האט מאנאפאליזירט שענקעריי (דעם האנדל מיט בראנפן) און דורך דעם האט זי אפגענומען ביי פיל אידן זייערע פרנסות; זי האט ניט ערלויבט די אידן צו וואוינען אין די דערפער און האט אנגעהאלטן די באגרעניצונגען פאר די אידן אויף העכערער בילדונג.

871. וואָס האָבן די רוסישע אידן געטאָן צו פאַרבעסערן זייער לאַגע נאָך די ערשטע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד?

—גרויסע מאַסן פון זיי האָבן עמיגרירט קיין אמעריקע און אַ טייל קיין ארץ ישראל, מיט דער לאָזונג אויפצובויען דאָרט אַ אידישע היימלאַנד. (דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די חבת ציון באַוועגונג).

---

קאַפּיטל לה.

## די אידישע אימיגראַציע קיין אַמעריקע

872. ווען האָבן אידן אָנגעהויבן זיך צו באַזעצן אין אַמעריקע?

—אין'ם 16־טן י.ה. זיינען אַ סך מאַראַנען פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל געלאָפן קיין דרום און צענטראַל אַמעריקע (בראַזיל, פּערו, מעקסיקא) זיך צו ראַטעווען פון דער אינקוויזיציע.

873. וואָס האָבן קינדער פון יענע מאַראַנען געטאָן אין מיטן פון 17־טן יאָרהונדערט, ווען די שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע אינקוויזיציע האָט אָנגעהויבן זיי צו פאַרפאָלגן אויך אין זייערע נייע וואוין־ערטער?

—זיי זיינען זיך צעלאָפן אין די האָלענדישע און ענגלישע לענדער פון צפון־אַמעריקע, וואו זיי האָבן פריי געקענט אָפּהיטן זייער אידישקייט. דעמאָלט איז געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער אידישער ישוב אין ניו יאָרק (אָדער — ווי ס'האָט דעמאָלט געהייסן — ניי־אַמסטערדאַם).

874. ווען זיינען אָנגעקומען די ערשטע גרופּע אשכנזים פון דייטשלאַנד און פּוילען אין אַמעריקע?

—אין דעם אכצענטן יאָרהונדערט.

875. מיט וואָס האָבן אידן געהאָלפן וואַשינגטאָנען דעם באַפרייער פון אמעריקע אין זיין קאַמף קעגן ענגלאַנד פאַר אומאָפּהענגיקייט?

—אידישע באַנקירן האָבן דעמאָלט געהאָלפן אמעריקע מיט גרויסע קרעדיטן.

876. ווען האָבן די אידן פון נאָרד־אַמעריקע געקראָגן גלייכע בירגער־רעכט?

—אין יאָר 1776, ווען די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן אונטער דער פירונג פון וואַשינגטאָנען האָט אַרויסגעגעבן אַ דעקלאַראַציע, אַז אַלע בירגער אָן אונטערשייד פון גלויבן האָבן גלייכע רעכט.

877. ווער האָט געמאַכט אַ פּרואוו צו גרינדן אין אַמעריקע אַ אידישע מדינה אונטער דער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן?

—מרדכי עמנואל נח, וואָס האָט אין יאָר 1825 אָפּגעקויפט דעם אינזל גרענד־איילאַנד ביי דעם ניאַגאַרא וואַסער־פאַל מיט'ן ציל צו גרינדן דאָרטן א אידישע אויטאָנאָמע מדינה.

878. וואָס האָט זיך אויסגעלאָזן פון אָט דעם פּלאַן?

—די אידן האָבן זיך ניט אָפּגערופן אויף דעם און ניט געפאָרן אהין. זעענדיק, אַז פון זיין פּלאַן איז גאָרנישט געוואָרן, האָט מרדכי עמנואל נח אין יאָר 1844 אָנגעהויבן צו אַגיטירן, אַז קריסטן זאָלן העלפן די אידן גרינדן א אידישע מדינה אין ארץ ישראל.

879. ווען האט זיך פארשטארקט די איינוואנדערונג פון די דייטשע אידן אין אמעריקע ?

—אין דער ערשטער העלפט פונ'ם 19־טן י. ה., ווען אין מערב־אייראפע האט זיך פארשטארקט די רעאקציע.

880. וויפיל אידן זיינען געווען אין אמעריקע אין יאר 1880?

—ארום 250 טויזנט, מערסטנס דייטשע און עסטרייכישע אידן, נאר א טייל אויך רוסיש־פוילישע. (איצט זיינען שוין דא אין אמעריקע ארום 4 און א האלב מיליאן אידן).

881. ווען האבן אריינגעשטראמט גרויסע מאסן אידן פון מזרח־אייראפע אין אמעריקע ?

—אין די יארן 1881—1882 נאך די ערשטע פאגראמען אין רוסלאנד און אין די יארן 1905־1907 נאך די צווייטע רוסישע פאגראמען אויף די אידן. (א טייל פון די אידישע אימיגראנטן פון 1881 האבן זיך פארמירט אין א באזונדערער גרופע „עם עולם'' מיט'ן צוועק צו באזעצן זיך אין אמעריקע אויף לאנדווירטשאפט. פון דאן זיינען געבליבן ביז היינט א צאל אידישע פארמער־קאלאניעס אין די פאראייניקטע שטאטן).

882. ווען האבן זיך מאסן אידן באזעצט אין ארגענטינע ?

—אין יאר 1892, ווען דער אידישער פילאנטראפ, באראן דע הירש, האט אפ־געקויפט פאר אידן א סך פרייע ערד אין ארגענטינע אוז האט דארטן גע־גרינדעט גרויסע ערד־ארבעטער קאלאניעס.

883. ווען האבן זיך באזעצט די ערשטע אידן אין קאנאדע ?

—אין די זעכציקער יארן פון דעם 18־טן י.ה., ווען קאנאדע איז אריבער פון פראנקרייך צו ענגלאנד. געוועזענע אידישע סאלדאטן פון דער ענגלישער ארמיי האבן זיך דעמאלט באזעצט אין מאנטרעאל.

884. ווען איז באזונדער אויסגעוואקסן דער אידישער ישוב אין קאנאדע?

—אזוי ווי אין די פאראייניקטע שטאטן, אין די אכציקער יארן פון 19־טן י. ה. און אין די ערשטע יארן פונ'ם 20־טן י. ה. די מערסטע קאנאדער אידן באשטייען פון רוסישע, פוילישע און רומענישע אידן.

885. מיט וואס פלעגן זיך פארנעמען די ערשטע רוסישע אימיגראנטן אין אמעריקע?

—מיט שווערע ארבעט אין די פאבריקן אדער מיט גאסן־האנדל (פעדלעריי).

886. פארוואס איז מיט דער צייט גרינגער געווארן די אידישע אימיגראנטן זיך איינצואורדנען אין אמעריקע ?

—ווייל פיל האבן שוין געהאט קרובים און פריינד צווישן די פריער אנגע־קומענע, וואס פלעגן זיי העלפן.

887. וואו האבן זיך באזעצט די מערסטע אידישע אימיגראנטן אין אמעריקע?

—אין די גרויסע שטעט ווי ניו יארק, פילאדעלפיע, באסטאן און שיקאגא.

888. ווער זיינען געווען די ערשטע וויכטיקסטע אידישע שרייבער אין אמעריקע?

—אב. קאהאן, דער רעדאקטאר פון דער טעגליכער צייטונג „פארווערטס'', לעאן קאברין, מאריס ווינטשעוסקי, פיליפ קראנץ, דער דיכטער מאריס ראזענפעלד, דער דראמאטורג יעקב גארדין און דער פאעט א. ליעסין, דער רעדאקטאר פון דעם וויכטיקן מאנאטליכן זשורנאל „די צוקונפט'',

וואָס גייט ארוים אין ניו יאָרק.

889. וואָס פאַר א וויכטיקן בייטראַג צו דער אידישער וויסנשאַפט (יודאַאיקא) אין ענגליש האָבן געבראַכט די ענגליש־שפּרעכנדע אידן פון אמעריקע?

—די אידישע ענציקלאָפּעדיע אין ענגליש (1901—1906).

---

קאַפּיטל לו.

# די נאַציאָנאַלע באַוועגונג

890. מיט וועלכער באַוועגונג הויבט זיך אָן די אידישע נאַציאָנאַלע אויפלעבונג אין דעם 19־טן יאָרהונדערט?

—מיט דער „חבת ציון" באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך די פּאָגראָמען פון 1881—1882 אין רוסלאַנד. (זע פראַגע נומער 871). די טרעגער פון דער דאָזיקער באַוועגונג, וואָס האָבן זיך גערופן „חובבי ציון", (ליב־האָבער פון ציון), האָבן געהאַלטן, אז די איינציקע לייזונג פון דער אידן־פראַגע איז אומצוקערן זיך קיין ארץ ישראל און אויפבויען דאָרטן א אידישע היים דורך קאָלאָניזאַציע.

891. ווער זיינען געווען די ערשטע פירער פון די „חובבי־ציון"?

—משה־ליב ליליענבלום און דר. לעאָן פינסקער פון אָדעס, וואָס האָט ארויסגעגעבן אין דייטש זיין ביכל „אויטאָעמאַנציפּאַציאָן" (1882) וועגן די מיטלען ווי אזוי צו לייזן די אידן פראַגע.

892. ווער זיינען געווען די „בילויצעס"?

—א קרייז פון אידישע סטודענטן און משכילים, וואָס האָבן באַשלאָסן אליין צו גיין קיין ארץ ישראל און ווערן דאָרט ערדאַרבעטער. („בילו" איז דער ראָשי־תבות פון „בית יעקב לכו ונלכה").

893. וואָס איז געווען דער רעזולטאַט פון אָט דער באַוועגונג?

—אין משך פון 20 יאָר זיינען געשאַפן געוואָרן ארום 30 אידישע קאָלאָניעס אין ארץ ישראל מיט טויזנטער איינוואוינער.

894. ווער האָט מער פון אַלעמען געהאָלפן די ערשטע אידישע קאָלאָניסטן אין ארץ ישראל?

—דער באַראָן ערמאָנד ראָטשילד פון פּאַריז („הנדיב הידוע").

895. ווי האָט זיך די טערקישע רעגירונג באַצויגן צו דער אידישער איינוואַנדערונג?

—זי האָט זיי זייער פיל געשטערט.

896. וואָס פאַר א באַוועגונג האָט שפּעטער פאַרנומען דעם פּלאַץ פון „חבת ציון"?

—דער פּאָליטישער ציוניזם, געגרינדעט פון ד"ר הערצל, (1860—1904) א דייטש־אידישער זשורנאַליסט פון ווין, וואָס האָט אונטער'ן איינפלוס פון דער דרייפוס פּראָצעס (זע פראַגן 864-865) אָנגעהויבן צו זוכן וועגן ווי צו לייזן די אידן־פראַגע, ביז ער איז געקומען צום פּאָליטישן ציוניזם.

897. וואָס איז געווען דער ציל פון'ם פּאָליטישן ציוניזם?

—צו שאַפן דורך דיפּלאָמאַטישע מיטלען, מיט דער הילף פון די גרויסע רעגירונגען, אן אייגענע מדינה פאַר אידן אין ארץ ישראל, וואו אלע אידן,

וואָס ווילן ניט בלייבן אין די גלות־לענדער, זאָלן קאָנען לעבן ווי א פרייע נאַציע.

898. וואָס פאַרא מיטלען האָט ד״ר הערצל פאָרגעלייגט צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל ?

— צו גרינדן אַן אַלוועלטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל שאַפן די פּאָליטישע און פינאַנציעלע מעגלעכקייטן פאַר א מאַסן־קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל.

899. אין וואָס פאַר א בוך האָט דר. הערצל פאָרמולירט זיין פּלאַן ?

— אין „יודנשטאַט״, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1896.

900. וואָס פאַר א קערפּערשטפּט האָט דר. הערצל געשאַפן אנצופירן מיט דער אַרבעט פון דעם פּאָליטישן ציוניזם ?

— דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס ער האָט צום ערשטן מאָל צונויפגערופן אין באַזעל (שווייצאַריע) אין דעם יאָר 1897.

901. ווער איז געווען דר. הערצל׳ס אַרויסהעלפער ?

— דר. מאַקס נאָרדוי, א באַרימטער אידישער שרייבער פון פּאַריז, וואָס איז געווען פון די ערשטע אָנהענגער פון דר. הערצלס ציוניזם.

902. ווי האָט דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס פאָרמולירט דעם ציל פון ציוניזם ?

— „דער ציוניזם שטרעבט צו שאַפן א פּאָליטיש געזיכערטע היים פאַר׳ן אידישן פאָלק אין ארץ ישראל; צו דעם צוועק איז נויטיג צו באַזעצן דאָס לאַנד מיט אידישע ערד אַרבעטער, האַנטווערקער און אינדוסטריע־טוער, שאַפן אומעטום ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, צו שטאַרקן דעם אידישן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און צו באַקומען די צושטימונג פון די רעגירונגען צו די צילן פון ציוניזם״.

903. וואָסערע פינאַנציעלע אינסטיטוציעס האָט דר. הערצל געגרינדעט אויף די קאָנגרעסן ?

— די קאָלאָניאַל־באַנק, צו העלפן דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל און דעם נאַציאָנאַל־פאָנד צו קויפן לאַנד אין ארץ ישראל, וואָס זאָל ניט זיין קיין פּריוואַט־אייגנטום, נאָר ס׳זאָל געהערן דעם אידישן פאָלק.

904. וואָס האָט דר. הערצל אויפגעטאָן אין די 7 יאָהר פון זיין ציוניסטישער טעטיקייט ?

— ער האָט פאַרשפּרייט דעם ציוניסטישן געדאַנק איבער דער גאַנצער וועלט דורך די קאָנגרעסן און האָט באַגייסטערט טויזנטער אידן פאַר׳ן אידעאַל פון א אידישער אויפלעבונג.

905. פאַרוואָס האָט דר. הערצל פאָרגעשלאָגן צייטווייליק אויסצובייטן ארץ ישראל אויף אַן אנדער לאַנד ?

— אויפ׳ן זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס (1904) האָט דר. הערצל דערקלערט, אַז ער האָט פּאָליטיש גאָרנישט דערגרייכט פאַר ארץ־ישראל און דעריבער האָט ער פאָרגעשלאָגן, אַז דערווייל, ביז מ׳וועט קענען קריגן אַן ערלויבעניש פון דער טערקישער רעגירונג זיך צו באַזעצן אין א״י, זאָל מען נעמען אין אַכט דעם פּראָיעקט פון דער ענגלישער רעגירונג, אַז די אידן זאָלן זיך

שאפן אַ היים־לאַנד אין אוגאַנדע (אַפריקע) און מ׳זאָל שיקן אַהין אַן עקספּעדיציע אויסצופאָרשן דאָס לאַנד און זען, אויב עס איז פּאַסיק פאַר אידישער קאָלאָניזאַציע.

906. ווי האָבן די ציוניסטן אויפגענומען אָט דעם פאָרשלאַג וועגן אוגאַנדע?

—די מערסטע פון די מערב־אייראָפּעאישע ציוניסטן האָבן צוגעשטימט צו דעם פאָרשלאַג, אָבער די מערסטע פון די רוסישע ציוניסטן זיינען שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דעם, און פיל פון זיי האָבן געוויינט נאָכדעם, ווי דער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן.

907. וואָס איז פאָרגעקומען אויף דעם זיבעטן קאָנגרעס נאָך דר. הערצל׳ס טויט?

—די עקספּעדיציע קיין אוגאַנדע האָט געבראַכט גיט קיין גינסטיקן באַריכט וועגן אָט דעם לאַנד, האָט דער קאָנגרעס אָפּגעוואָרפן דעם אוגאַנדע פאָר־שלאַג און באַשלאָסן, אַז אויף ווייטער זאָל מען אַרבעטן נאָר פאַר דער שאַפונג פון אַ היים־לאַנד אין ארץ ישראל.

908. וואָס פאַר אַ גרופּע האָט זיך דעמאָלט אָפּגעטיילט פון די ציוניסטן?

—אַ גרופּע „טעריטאָריאַליסטן״, אונטער דער פירערשאַפט פון דעם ענגליש־אידישן שרייבער, ישראל זאַנגוויל, וואָס האָבן זיך געשטעלט דעם צוועק צו שאַפן אַ אידיש לאַנד ערגעץ וואו אויף אַן אַנדער טעריטאָריע, וואָס איז נאָך ניט באַזעצט, אָדער וועניק באַזעצט. מיט דער צייט איז דער טע־ריטאָריאַליזם אונטערגעגאַנגען, ווייל אין חוץ לארץ האָט מען ניט געקאָנט געפינען קיין פאַסיק לאַנד פאַר אַ אידישער היים. (לעצטנס האָט דער טע־ריטאָריאַליזם ווידער אויפגעלעבט אין רוסלאַנד, וואו מ׳האַלט אין שאַפן אַ אידישע היים אין בירא־בידזשאַן).

909. ווער זיינען געווען די געגנער פון דעם פּאָליטישן ציוניזם?

—די אַסימילירטע אידן פון מערב־אייראָפּע, וואָס האָבן מורא געהאַט, טאָמער וועלן די אידן דורך דעם ציוניזם פאַרלירן זייערע רעכט אין די לענדער, וואו זיי וואוינען.

910. ווער האָט שטאַרק קריטיקירט דעם פּאָליטישן ציוניזם פון אינווייניק?

—דער גלענצנדער פּובליציסט און טיפער דענקער אחד העם (אשר גינזבערג—1856־1927) וואָס איז געווען מיט דער מיינונג, אַז דער ציוניזם איז ניט קיין ענטפער אויף דער אידן־פראַגע, ווייל די גרעסטע צאָל פון די אידן וועלן מוזן בלייבן אין די גלות־לענדער. דער ציוניזם קען נאָר לייזן די אידישקייט־פראַגע. אין ארץ ישראל דאַרף מען דעריבער שאַפן אַ גייס־טיקן צענטער פאַר דער אידישער נאַציאָנאַלער קולטור און אָט דער צענטער פון אידישקייט וועט האָבן אַ גרויסע ווירקונג אויף די אידן פון אַלע לענדער. אחד העם האָט הויפּטזעכליך קריטיקירט דר. הערצלען פאַר זיין פרעמדקייט צום אידישן גייסט, אָנווייזנדיק, אַז אין זיין אוטאָפּישן בוך „אַלטניילאַנד״, אין וועלכן ער שילדערט אַ בליענדיק ארץ ישראל אין 20 יאָר אַרום, איז ניטאָ קיין זכר פון דער אויפלעבונג פון דער אידישער קולטור.

911. וואָס נאָך פאַר אַ ריכטונג האָט געשאַפן די אידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג?

—דעם אויטאָנאָמיזם (פאָלקיזם) אָדער גלות־נאַציאָנאַליזם.

912. אין וואָס באַשטייט דער נאַציאָנאַליזם פון די אויטאָנאָמיסטן?

—זיי האַלטן, אַז כדי אויפצוהאַלטן די עקזיסטענץ פון דעם אידישן פאָלק, איז וועניג צו באַזעצן אידן אין ארץ ישראל, ווייל ביים בעסטן דערפאַלג קען דאָס לאַנד אַריינגעמען נאָר אַ טייל פון אונזער פאָלק. פאַר דעם גרעסטן טייל אידן, וואָס וועלן מוזן בלייבן אין גלות, איז נויטיג צוצופאַסן זייער נאַציאָנאַלן לעבן צו די נייע לעבנספאָרמען, אָפּצוהיטן די זעלבסט פאַרוואַלטונג פון אידישע קהילות, די אידישע שפּראַך, שאַפן שולן און ליטעראַטור אויף אידיש און פאָדערן אין יעדן לאַנד נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע. דער הויפּט גרינדער פון דעם אויטאָנאָמיזם איז געווען שמעון דובנאָוו, דער גרעסטער אידישער היסטאָריקער פון אונזער צייט.

913. וואָס פאַר אַ ווירקונג האָבן געהאַט די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען אויפ׳ן אידישן לעבן פון די מזרח אייראָפּעאישע אידן?

—וואָס ווייטער האָבן אַלץ ברייטערע קרייזן געשטרעבט איבערצובויען דאָס אידישע לעבן אויפ׳ן יסוד פונ׳ם מאָדערנעם אידישן נאַציאָנאַליזם. די נאַציאָנאַלע באַוועגונג האָט אויך שטאַרק געווירקט אויף דער אידישער קינדער דערציאונג: ס׳איז דאַן אויפגעקומען דער „חדר מתוקן״ — אַ קאָמבינאַציע פונ׳ם אַלטן רעליגיעזן „חדר״ מיט מאָדערנע למודים און מאָדערנע פּעדאַגאָגישע מיטלען. ס׳איז שוין דאַן אויך אויפגעקומען די אידייע פון אַ וועלטליכער אידישער שול, הויפּטזעכליך אויף העברעאיש. זייער שטאַרק האָבן געווירקט אויף דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג די אידישע שרייבער פון יענער צייט.

914. וועלכער אידישער פּאָעט האָט געהאַט זייער אַ גרויסע ווירקונג אויף דער אידישער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג פון דער נייער צייט?

—חיים נחמן ביאַליק (1873-1934), וואָס האָט מיט זיינע אויסגעצייכנטע העברעאישע — און טיילווייז אידישע — שירים זיך דערוואָרבן דעם נאָמען נאַציאָנאַלער אידישער פּאָעט. (ביאַליק האָט זיך אַלעמאָל באַטראַכט אַלס תלמיד און נאָכפאָלגער פון אחד העם).

915. ווער זיינען געווען די וויכטיקסטע אידישע שרייבער אין דער נייער צייט?

—דער אויבנדערמאָנטער מענדעלע מוכר ספרים (זע פראַגע 860). דער גרעסטער אידישער הומאָריסט שלום עליכם (שלום ראַבינאָוויטש) געבוירן אין 1859 און געשטאָרבן אין 1916), וואָס איז זייער באַליבט ביי אַלע טיילן פון דעם אידישן פאָלק; יצחק ליבוש פרץ (1852—1915), וואָס האָט אין זיינע דערציילונגען אַנגעוויזן אויף די ליכטיקע זייטן פון חסידות און האָט אויך געשריבן פיל רעאַליסטישע דערציילונגען און „פאָלקסטימליכע געשיכטן״, און שמעון פרוג, וואָס האָט אין זיינע אידישע און רוסישע לידער געשילדערט די אידישע ליידן אין רוסלאַנד.

קאַפּיטל לז.

## די סאָציאַליסטישע באַוועגונג

916. וואָס איז דאַן געווען דער צושטאַנד פון דער אידישער פּרעסע אין רוסלאַנד?

—עס האָבן דאַן עקזיסטירט צוויי העברעאישע טאָג־בלעטער—דער „המליץ״ אין פּעטערבורג און דער „הצפירה״ (אונטער דער רעדאַקציע פון ח. ז. סלאָנימסקי און שפּעטער פון נחום סאָקאָלאָוו) אין וואַרשע, און אַ זייער וויכטיקע

און איינפלוסרייכע מאַנאַטשריפט „השלוח" (אונטער דער רעדאַקציע פון אחד העם און שפּעטער — פון יוסף קלויזנער). ס'זיינען אויך אַרויסגע־גאַנגען העברעאישע יאָר ביכער, ווי דער „האסיף", „לוח אחיאסף" און „ספר השנה", און אַ העברעאישע וואָכנשריפט „הדור" אונטער דער רע־דאַקציע פון דוד פרישמאַן. אין אידיש האָט מען צוערשט אָנגעהויבן מיט יאָר ביכער (ספּעקטאָרס „הויזפריינד", שלום עליכמ'ס „אידישע פאָלקס־ביבליאָטעק" און פרצ'עס „אידישע ביבליאָטעק"); אין 1899 ווערט גע־גרינדעט אין וואַרשע די ערשטע מאָדערנע אידישע וואָכנשריפט „דער יוד", שפּעטער הויבט אָן אַרויסגיין אין פּעטערבורג די ערשטע אידישע טעגליכע צייטונג „דער פריינד" און נאָכדעם אַ צאָל אַנדערע אידישע טאָגבלעטער, ווי „דער היינט", „דער מאָמענט" אין וואַרשע און אַנדערע. פון דעם אָנ־פאַנג פון 20־טן י. ה. פאַרנעמט ביסלעכווייז די אידישע פּרעסע דעם פּלאַץ פון דער העברעאישער.

917. וואָס פאַר אַ סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע איז אויפגעקומען ביי די אידן אין איין צייט מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע?

—„דער אַלגעמיינער אידישער אַרבעטער־בונד אין רוסלאַנד און פּוילן" („בונד"), וואָס האָט געפירט אַ רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע אין אידיש, האָט שטאַרק באַקעמפט די ציוניסטן און איז געווען קעגן נאַציאָנאַליזם בכלל; נאָר שפּעטער, אונטער'ן איינפלוס פון די נאַציאָנאַלע פּאַרטייען, האָט ער אָנערקענט, אַז די אידן זיינען אַ נאַציע, וואָס דאַרף קעמפן פאַר קולטורעלער אויטאָנאָמיע.

918. ווער האָט אַמערסטן געווירקט אויף דער אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג ביי אידן?

—אהרן ליבערמאַן, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אין ווין, אין יאָר 1877 די ערשטע סאָציאַליסטישע צייטשריפט אין העברעאיש — „האמת"; דער רעוואָלו־ציאָנערער פּאָעט, מאָרים ווינטשעווסקי, און דער טיפער דענקער דר. חיים זשיטלאָווסקי, וואָס איז אויך איינער פון די הויפּט גרינדער פון דער פּראָ־גרעסיוו נאַציאָנאַלער באַוועגונג ביי אידן און איינער פון די הויפּט קעמפער פאַר אידיש אַלס די נאַציאָנאַלע אידישע שפּראַך (די דאָזיקע באַוועגונג רופט זיך „אידישיזם").

919. וועלכע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט זיך שפּעטער געשאַפן?

—די פּאַרטיי „פּועלי ציון", וואָס האָט פאַראייניקט אין זיך די יסודות פון סאָציאַליזם און ציוניזם.

920. וואָס פאַר אַן אַנטייל האָבן די אידן גענומען אין דעם קאַמף קעגן דער צאַ־רישער רעגירונג אין רוסלאַנד?

—אידישע רעוואָלוציאָנערן האָבן אַנטייל גענומען אין כמעט אַלע פּאַרטייען פון דער רוסישער פרייהייטס באַוועגונג און אויך אין טעראָריסטישע אַקטן קעגן די רוסישע הערשער.

921. ווי האָט זיך די רוסישע רעגירונג נוקם געווען אַן די אידן פאַר די מעשים פון אידישע רעוואָלוציאָנערן?

—זי האָט אין יאָר 1903 אָרגאַניזירט צוויי בלוטיקע פּאָגראָמען אויף די אידן אין קישענעוו און אין האָמל.

922. וואָס איז געווען דער אידישער ענטפער אויף די פּאָגראָמען?
—די אידישע יוגנט האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט איר טעטיקייט אין דער רעוואָלוציע פון 1905.

923. וואָס איז פאָרגעקומען מיט די רוסישע אידן גלייך נאָכדעם, ווי די רעוואָלוציע האָט געצוואונגען ניקאָלאַי דעם צווייטן ארויסצוגעבן דעם פרייהייטס-מאַני־פעסט פון אָקטאָבער 1905?
—אין איין וואָך האָבן די רוסישע „שוואַרצע מאות" („פאַרבאַנד פון רוסישן פאָלק") געמאַכט 600 פּאָגראָמען אויף די אידן אין רוסלאַנד.

קאַפּיטל לח.

# די אידן אין דער צייט פון דער וועלט-מלחמה

(1918—1914)

924. מיט וואָס איז די אידישע לאַגע אין דער צייט פון דעם וועלט־קריג געווען טראַגישער, ווי די לאַגע פון אַנדערע פעלקער?
—זיי האָבן געמוזט קעמפן קעגן זייערע אייגענע ברידער פון אַן אַנדער לאַנד, און די רוסישע אידן האָבן אַוועקגעגעבן זייער לעבן פאַר דעם לאַנד, וואו זיי האָבן שטענדיק געליטן פון גזירות און פּאָגראָמען.

925. ווי איז געווען די לאַגע פון די רוסישע אידן אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה?
פיל אידן זיינען געטויט געוואָרן אויפ'ן גרונד פון פאַלשע באַשולדיקונגען אין שפּיאָנאַזש. די קאָמאַנדירן האָבן ארויסגעטריבן כמעט אַלע אידישע איינ־וואוינער פון די שטעט לעבן דעם דייטשישן גרענעץ, און מיט דעם געוואָרפן אַ חשד, אַז די אידן העלפן דעם שונא. ביי אַ סך קהילות האָט מען גענומען ערבות־לייט, און ווען די רוסישע אַרמיי פון יענעם געגנד האָט געהאַט אַ מפּלה, האָט מען זיי דערשאָסן.

926. ווען האָבן די אידן פון רוסלאַנד באַקומען אַלע בירגערליכע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע רעכט?
—דעם 4־טן אַפּריל 1917, ווען די רעוואָלוציע האָט געמאַכט אַ סוף צו דער רוסישער מאָנאַרכיע.

927. וואָס פאַר אַן אַנטייל האָבן אידן גענומען אין אַט דער רעוואָלוציע?
—ס'האָבן זיך געפונען זייער פיל אידן סיי צווישן די רעוואָלטירנדע מאַסן, סיי צווישן זייערע פירער.

928. ווי האָט געווירקט אויף דער אידישער לאַגע דער בירגער־קריג צווישן אוקראַינע און דער מאָסקווער רעגירונג?
—אין הונדערטער אידישע קהילות פון אוקראַינע זיינען דעמאָלט פאָרגעקומען די שרעקליכסטע פּאָגראָמען און שחיטות אונטער דער פירונג פון די גענעראַלן פּעטלורא, דעניקין און אַנדערע.

929. ווען איז דאָס לעבן פון די אידן אין אוקראַינע געוואָרן געזיכערט?
—ווען אוקראַינע איז געוואָרן פאַראייניקט מיט דער צענטראַלער באָלשעוויס־טישער רעגירונג.

930. פאַרוואָס האָבן די רוסישע אידן אין יענער צייט געליטן מערער פון אַנדערע פעלקער אין רוסלאַנד נאָכ'ן בירגער־קריג?

—ווייל די באָלשעוויסטישע רעגירונג האָט געגעבן בירגערליכע און פּאָליטישע רעכט נאָר די אַרבעטער, און אַזוי ווי די מערסטע רוסישע אידן זיינען געוועזן סוחרים, זיינען זיי געוואָרן דעקלאַסירט; די קוואַלן פון פרנסה האָט מען ביי זיי צוגענומען, און אין דעם נייעם רוסישן לעבן האָבן זיי זיך אַזוי גיך ניט געקענט אַריינפּאַסן און דעריבער זיינען גרויסע מאַסן פון זיי אויסגעשטאָרבן פון הונגער.

קאַפּיטל לט.

## די אידן נאָכ'ן וועלט־קריג

931. וועלכע נייע מלוכות האָט דער פרידן־טראַקטאַט פון ווערסאַיל (1919) אָנער־קענט?

—פּוילן מיט 3 מיליאָן אידן, ליטע מיט 150,000, לאַטוויע מיט 100,000, עסטאָניע מיט 5,000, טשעכאָסלאָוואַקיע מיט 350,000, דייטש־עסטרייך מיט 225,000 און די פאַרגרעסערטע רומעניע מיט אַ מיליאָן אידן.

932. וואָס פאַר אַ פליכט האָבן גענומען אויף זיך אַט די אַלע נייע מלוכות צו זייערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן?

—צו געבן זיי מינאָריטעטן־רעכט.

933. וואָס איז אַזוינס מינאָריטעטן רעכט?

אַז די מינדערהייטס־פעלקער האָבן די זעלבע בירגערליכע און פּאָליטישע רעכט פונ'ם הערשנדן פאָלק: זיי האָבן דאָס רעכט צו באַנוצן זייערע שפּראַכן מינדליך און שריפטליך אומעטום, אַפילו אין די געריכטן; זיי מעגן גרינדן פאָלקס שולן, וואו אַלע למודים זאָלן ווערן געלערנט אין זייער נאַציאָנאַלער שפּראַך און די רעגירונג דאַרף שטיצן די דאָזיקע פאָלקס־שולן פון איר קאַסע, פּראָפּאָרציאָנעל צו דער צאָל איינוואוינער פון די מינדערהייטס פעלקער.

934. ווי האָבן די נייע רעגירונגען זיך באַצויגן צו זייערע פאַרפליכטונגען וועגן מינאָריטעטן רעכט צו די אידן?

—אָפיציעל האָבן זיי אָנערקענט די אידישע מינאָריטעטן רעכט, אָבער פּאַקטיש גענומען די אידן זייער ווייניק פון די דאָזיקע רעכט. אַפילו אין ליטע און לאַטוויע, וואו אידן האָבן שוין געהאַט אַן אָנהויב פון אַ נאַ־ציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, זיינען אין די לעצטע יאָרן זייער פיל פאַרקלענערט געוואָרן זייערע נאַציאָנאַלע רעכט. אין יאָר 1934 האָט פּוילן זיך אָפיציעל אָפּגעזאָגט פון אירע פאַרפליכטונגען וועגן מינאָריטעטן רעכט. אַן אויסנאַם אין דער הינזיכט איז עסטאָניע, וואָס האָט אַ באַפעלקערונג פון אַרום 1.200.000, צווישן זיי אַרום 5.000 אידן (ווייניקער ווי אַ האַלבן פּראָצענט). דאָרטן האָבן די אידן אויך איצט אַ פולשטענדיקע נאַציאָנאַלע קולטורעלע אויטאָנאָמיע. מיט די אידישע ענינים פירן דאָרטן אָן צוויי קערפּערשאַפטן: די קהילות און רעליגיעזע ענינים (זיי ווערן אויסגעהאַלטן פון פריוואַליקעביישטייערונגען) און די קולטור פאַרוואַלטונג, וואָס פירט אָן מיט'ן שול וועזן און מיט אַלע וועלטליכע אידישע ענינים. זי ווערט געוויילט דורך דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג און האָט דאָס רעכט אַרויפצולייגן שטייערן און איינצוקאַסירן זיי מיט דער הילף פון די מלוכה מאַכט אָרגאַנען.

935. פארוואס איז די לאגע פון די אידן אין די ניי־געגרינדעטע לענדער ערגער געווארן נאכ׳ן וועלט־קריג?
—ווייל די מלחמה און די אפגעריסנקייט פונ׳ם רוסישן מארק האבן געשאפן דארטן אן עקאנאמישן קריזיס.

936. פארוואס האט זיך אפגעשטעלט די אידישע עמיגראציע פון יענע לענדער?
—ווייל די אימיגראציע לענדער (די פאראייניקטע שטאטן, קאנאדע און אנד.) האבן א קורצע צייט נאך דער מלחמה פארשלאסן זייערע טויערן פאר עמיגראנטישע מאסן.

937. אין וועלכן לאנד האט זיך גראד נאך דער מלחמה געעפנט א מעגליכקייט פאר גרויסע מאסן אידן איינצואוואנדערן יעדן יאר?
—אין ארץ ישראל, וואס איז אין יאר 1917 אקופירט געווארן פון דער ענגלישער רעגירונג, נאכדעם ווי זי האט ארויסגעגעבן די באלפור דעקלאראציע.

938. וואס איז אזוינס די באלפור דעקלאראציע?
—דאס איז אן אפיציעלער צוזאג וואס לארד באלפור, דער אויסערן מיניסטער פון ענגלאנד, האט געגעבן אין יאר 1917 אין דעם נאמען פון דער ענגלישער רעגירונג צו העלפן די אידן זיך שאפן א נאציאנאלע היים אין ארץ ישראל.

939. ווי האבן זיך די אידן אפגערופן אויף דער דאזיקער דעקלאראציע?
—זיי האבן דאס אויפגענומען כמעט ווי א משיח־בשורה, און אידישע יונגע לייט, פארמירנדיק א באזונדערן אידישן לעגיאן, זענען אריין פריי־וויליק אין דער ענגלישער ארמיי, צו העלפן איר איינצונעמען ארץ ישראל.

940. ווי איז געווען די באציאונג פון דער פעלקער ליג צו דער באלפור דעקלאראציע?
—זי האט באשטעטיקט אין יאר 1922 די באלפור דעקלאראציע וועגן העלפן שאפן א אידישע נאציאנאלע היים אין ארץ ישראל און האט געגעבן ענגלאנד דעם מאנדאט צו פארוואלטן ארץ ישראל און מקיים זיין איר צוזאג.

941. וועלכע וויכטיקע קערפערשאפט האט געהאלפן ווירקן אויף דער פעלקער ליג זי זאל דורכפירן די געזעצן וועגן מינאריטעטן רעכט, געבן דער ענגלישער רעגירונג דעם מאנדאט איבער ארץ ישראל און באשטעטיקן די באלפור־דעקלאראציע?
—דער אמעריקאנער אידישער קאנגרעס, וואס איז צום ערשטן מאל צוזאמענגערופן געווארן אין יאר 1918.

942. וועלכער ציוניסטישער פירער האט פערזענליך מיטגעווירקט צו ברענגען די באלפור דעקלאראציע?
—דר. חיים וויצמאן, דער פרעזידענט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

943. וואס האבן די ציוניסטן אויפגעטאן פאר ארץ ישראל נאך דער באלפור דעקלאראציע?
—זיי האבן פארשפרייט א שטארקע פראפאגאנדע אין דער גאנצער וועלט, האבן געזאמלט מיליאנען דאלער פאר׳ן „קרן היסוד" און „קרן קיימת" אויף איינצוקויפן ערד און באזעצן אידן אין ארץ ישראל און האבן גע־

בראַכט דערצו, אַז אין ארץ ישראל האָבן זיך אין סוף יאָר 1937 געפֿונען אַרום 425.000 אידן אַנשטאָט די 60.000 אידן, וואָס זיינען דאָרטן געווען אין דער מלחמה צייט.

944. ווי האָבן זיך די אַראַבער באַצויגן צו דער אידישער איינוואַנדערונג אין ארץ ישראל ?

— זיי האָבן עטליכע מאָל געמאַכט אָנפאַלן אויף די אידן אין ארץ ישראל און פיל אידן גע'הרג'עט. באַזונדערס שרעקליך איז געווען זייער אָנפאַל אין אויגוסט 1929, ווען די מוסולמאַנישע פאַנאַטיקער האָבן אויפגערייצט די אַראַבישע מאַסן קעגן די אידן, און די אַראַבער האָבן אויסגעקוילעט אין חברון צענדליקער ישיבה-בחורים מיט זייערע ראשי ישיבות, אין ירושלים און צפת האָבן זיי געמאַכט פּאָגראָמען און עטליכע קאָלאָניעס האָבן זיי פאַרברענט. אין אַפּריל 1936 האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַן אויפשטאַנד פון די אַראַבער קעגן די אידן און קעגן דער ענגלישער רעגירונג, וואָס דויערט שוין, מיט קליינע איבעררייסן, מער ווי צוויי יאָר, און האָט אומגעבראַכט די לעבנס פון איבער 200 אידן, אַרום 2000 אַראַבער, איבער 150 ענג-לענדער און טויזנטער זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. צענדליקע טויזנטע ביימער זיינען אויסגעריסן געוואָרן און זייער פיל אידישע פעלדער מיט תבואה זיינען פאַרברענט געוואָרן.

945. וואָס האָט הערבערט סעמועל, דער אידישער אויבער-קאָמיסאַר פון ענגלאַנד אין ארץ ישראל, געטאָן נאָך דעם פּאָגראָם פון די אַראַבער אויף די אידן אין 1921 ?

— ער האָט ניט באַשטראָפט שטרענג די פּאָגראָמשטשיקעס, כדי ניט אויפצו-רייצן נאָך מער די אַראַבער. ער האָט נאָך באַשטימט איינעם פון די פירער פון פּאָגראָם פאַר'ן העכסטן רעליגיעזן פירער (מופטי) מיט אַ גע-האַלט פון דער רעגירונג. (פאַר אַט דער טובה האָט דער מופטי באַצאָלט מיט'ן העצן די אַראַבער אויף די אידן אין דער צייט פון דעם שרעקליכן פּאָגראָם אין 1929). און דערצו האָט נאָך הערבערט סעמועל באַגרעניצט די צאָל פון די אידישע איינוואַנדערער אין ארץ ישראל.

946. וואָס האָט די ענגלישע רעגירונג געטאָן אין א"י נאָך די שחיטות פון די אַראַבער אין חברון און צפת ?

— זי האָט ווידער באַגרעניצט די אידישע איינוואַנדערונג אין א"י. דערצו האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ „ווייס בוך", וואו זי האָט טיילווייז געגעבן גערעכט די אַראַבער אין זייערע טענות, אַז די אידן טוען זיי פיל שאָדן, מאַכן זיי ענג און היימלאָז מיט זייער אָפּקויפן די ערד פון די אַראַבער.

947. וואָסערע באַריכטן האָבן אָפּגעגעבן די קאָמיסיעס, וואָס די ענגלישע רעגירונג האָט געשיקט קיין ארץ ישראל נאָך די אַראַבישע אומרועז פון 1929 און 1936?

— די קאָמיסיע וואָס איז געשיקט געוואָרן אין 1930 האָט באַריכטעט, אַז זיי האָבן אויסגעפאָרשט דאָס לאַנד און האָבן אויסגעפונען, אַז ס'איז ניטאָ דאָרטן קיין איבעריקע פרייע ערד, און דאָס, וואָס איז דאָ איז נויטיק פאַר די אַראַבער. (די אידישע אַגענטור, אין איר אויספירליכן ענטפער אויף דעם רעפּאָרט, האָט קלאָר באַוויזן, אַז די אָנגעגעבענע פאַקטן זיינען ניט ריכטיק.

שפעטער — א דאנק די אידישע פראטעסטן — האט זיך פיל פארבעסערט די באציאונג פון ענגלאנד צו אידן בנוגע ארץ ישראל). די קעניגליכע קאָמיסיע, וואס איז געשיקט געווארן קיין ארץ ישראל אין 1936, האט אויסגעהערט די טענות פון די אידן און פון די אראבער, און איז געקומען צום באשלוס, אז דער בעסטער מיטל צו פארזיכערן שלום אין א"י, איז צו צוטיילן דאס לאנד אויף דריי טיילן. א דריטל פון א"י (ניט רעכענענדיק דעם עבר הירדן) זאל ווערן א זעלבסטשטענדיקע אידישע מדינה; די שטעט ירושלים און בית לחם מיט די הייליקע ערטער, און אויך א קארידאר פון ירושלים ביז יפו, זאל בלייבן אונטער א שטענדיקן ענגלישן מאנדאט און דאס איבעריקע פון פאלעסטינע זאל ווערן פאראייניקט מיט דער אראבישער מלוכה אין עבר הירדן. ביז אט די צוטיילונג וועט דורכגעפירט ווערן זאל מען אריינלאזן אין ארץ ישראל ניט מער ווי 12,000 אידן א יאר און דאס רעכט פאר די אידן צו קויפן לאנד פון די אראבער זאל שטארק באגרענעצט ווערן.

948. פון וועלכן לאנד האבן זינט 1933 אנגעהויבן צו עמיגרירן גרויסע מאסן אידן קיין ארץ ישראל?

—פון דייטשלאנד, איבער די שרעקליכע רדיפות, וואס זיי שטייען דארטן אויס פון דער הערשנדער „נאצי" פארטיי.

949. ווי איז געווען די לאגע פון די אידן אין דייטשלאנד גלייך נאך דעם וועלט־קריג?

—דעמאלט האבן זיך די 600,000 דייטשע אידן געפילט ווי פולבארעכטיקטע בירגער. אפילו די נייע קאנסטיטוציע פון דער דייטשער רעפובליק האט פארפאסט דער איד הוגא פרייס. א סך הויכגעבילדעטע אידן האבן פארנומען מלוכה שטעלעס.

950. וועלכער איד איז געווען דער אויסערן מיניסטער פון דייטשלאנד אין יענער צייט?

—דער באגאבטער פאליטיקער ראטענוי, וואס האט זייער פיל געהאלפן דעם ווידער־אויפבוי פון דייטשלאנד נאך איר מפלה אין דער וועלט־מלחמה. (אין יאר 1922 האבן אנטיסעמיטן אונטערגעשיקט מערדער, וואס האבן אים דערשאסן).

951. וואס פאר א רעאקציאנערע פארטיי איז געקומען צו דער מאכט אין דייטשלאנד אין יאר 1933?

—די שאוויניסטיש־מיליטאריסטיש־אנטיסעמיטישע פארטיי, וואס האט זיך געגעבן דעם פאלשן נאמען: „נאציאנאל־סאציאליסטישע ארבעטער פארטיי" („נאצים").

952. ווער איז זייער פירער, דער איצטיקער הערשער פון דייטשלאנד?

—אדאלף היטלער, וואס האלט, אז דייטשלאנד דארף נעמען נקמה פון אירע געוועזענע שונאים און ווערן א מיליטערישע מאכט.

953. וואס איז היטלערס באציאונג צו די אידן?

—ער פרעדיקט, אז די אידן געהערן צו א נידעריקער ראסע און פארדארבן די דייטשן מיט זייער איינפלוס. דעריבער דארף מען אלע אידן אזוי פאר־

ביטערן דאָס לעבן, אַז זיי זאָלן מוזן אַנטלויפן פון דייטשלאַנד און שוין מער ניט צוריקקומען.

954. וואָסערע גזרות האָט היטלער אַרויסגעגעבן קעגן די אידן?

—מ'זאָל צונעמען ביי די אידישע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשענערן און פּראָפעסאָרן די מעגליכקייט צו אַרבעטן; מ'זאָל אָפּזאָגן פון מלוכה דינסט אַלע אידישע באַאַמטע, אפילו געשמד'טע אָדער קינדער און אייניקלעך פון געשמד'טע; מ'זאָל באָיקאָטירן די אידישע סוחרים און פאַרבאָטן די אידישע אַרבעטער זיך אָנצושליסן אָן די דייטשע צעכן (יוניאָנס) און דערמיט צונעמען פון זיי די מעגליכקייט צו פאַרדינען אויף חיונה דורך אַרבעט. שפּעטער האָט מען שוין אינגאַנצן צוגענומען די דייטשע בירגערשאַפט פון די אידן אין דייטשלאַנד.

955. וואָס האָבן די „נאַצים" געטאָן מיט די אידן און מיט די אַנדערע קעגנער פון דעם נאַציאָנאַלן רעזשים אומאָפּיציעל?

—די „נאַצים" פלעגן מאַכן אויף זיי שטילע פּאָגראָמען, מ'פלעגט זיי אַרעסטירן און אַריינזעצן אין די קאָנצענטראַציע לאַגערן, וואו מ'פלעגט זיי פּייניקן אָפּטמאָל ביז צום טויט, און מ'פלעגט אַרויסלאָזן קלאַנגען, אַז די אַרעסטירטע האָבן זיך אַליין גענומען דאָס לעבן.

956. וואָס טוען די אידן פון דייטשלאַנד זיך צו ראַטעווען?

—זיי אַנטלויפן, וואו נאָר זיי האָבן אַ מעגליכקייט. זייער אַ גרויסער טייל פון זיי עמיגרירט קיין ארץ ישראל.

957. וואָס טוען די אידן פון דער גאַנצער וועלט צו העלפן די דייטשע אידן?

—זיי פּראָטעסטירן קעגן די רדיפות אויף די אידן פון דייטשלאַנד; זיי באָיקאָטירן די סחורות פון „נאַצי" דייטשלאַנד, כדי צו שטירצן דורכדעם די „נאַציישע" הערשאַפט; שטיצן די אַנטלאָפענע אידן פון דייטשלאַנד און העלפן זיי זיך צו באַזעצן אין פאַרשיידענע לענדער און באַזונדערס אין ארץ ישראל.

---

קאַפּיטל מ.

# דאָס אידישע פאָלק אין אונזער צייט.

## 1. אַלגעמיינע באַמערקונגען.

958. וואָס פאַרא ענדערונגען זיינען פאָרגעקומען אין דעם צושטאַנד פון די אידן בנוגע זייערע וואוינערטער און זייער פאַרשפּרייטונג אין דער לעצטער צייט?

—1) דאָס אידישע פאָלק איז היינט־צו־טאָג מער צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, ווי ווען עס איז פריער. די אידן זיינען צעשפּרייט איבער זעכציק מלוכות און האָבן ניט קיין איין באַשטימטן צענטער, וואָס זאָל

דאָמינירן דאָס אידישע לעבן איבער דער וועלט. 2) עס קומט פאָר אַן איבערגאַנג פון די מערסטע אידן פון די שטעטלעך אין די גרויסע שטעט. (אַמאָל האָבן די מערסטע אידן געלעבט אין די קליינע שטעטלעך און איצט לעבן אַרום דריי־פערטל פון די אידן אין די 15 גרעסטע שטעט פון דער קולטורעלער וועלט).

959. וויפיל אידן זיינען איצט פאַראַן איבער דער וועלט?

איבער 16 מיליאָן, צווישן זיי נאָר אַ מיליאָן און אַ האַלב ספרדים און אָריענטאַלישע אידן, ווי תימנ'ער, מאַראָקאַנער א.א. די איבעריקע 15 מיליאָן אידן זיינען אשכנזים (זע פראַגע 216).

(אין דער צייט פון חורבן בית שני איז די צאָל פון די אידן געווען אַרום 4 און אַ האַלב ביז 5 מיליאָן. ביז אין מיטן פון 17־טן י.ה. איז די צאָל אַראָפּ־געפאַלן ביז איין מיליאָן. די מערסטע פון זיי—אַרום 60% ספרדים. אין ענדע פון'ם 18־טן י.ה. זיינען שוין געווען אַרום 3 מיליאָן אידן).

960. ווי זיינען די אידן צעטיילט לויט זייערע וואוינלענדער?

—אין אַמעריקע—אַרום 5 מיליאָן (איבער 31.3%). פון זיי זיינען אַרום פיר און אַ האַלב מיליאָן אין די פאַראייניקטע שטאַטן (אַרום 4% פון דער גאַנ־צער באַפעלקערונג); אַרום 160.000 אין קאַנאַדע און אַרום 275.000 אין אַרגענטינע. אין אייראָפּע — אַרום 9.756.000 (אַרום 60.5%). פון זיי זיינען אין סאָוועט רוסלאַנד אַרום 2.720.000 (אַרום 2% פון דער גאַנצער באַפעלקערונג), אין פוילן — איבער 3.100.000 (אַרום 10% פון דער גאַנצער באַפעלקערונג), אין דייטשלאַנד — אַרום 4.000.000 (ווייניקער ווי 1% פון דער גאַנצער באַפעלקערונג), אין ענגלאַנד — אַרום 340.000, אין רומעניע — אַרום אַ מיליאָן (אַרום 5% פון דער גאַנצער באַפעלקערונג), אין טשעכאָסלאָוואַקיע—אַרום 380.000 און אין פראַנקרייך אַרום 230.000. אין אַזיע — אַרום 940.000 (אַרום 5%). פון זיי זיינען אַרום 450.000 אין ארץ ישראל (אַרום 30% פון דער גאַנצער באַפעלקערונג). אין אַפריקע אַרום 560 טויזנט (אַרום 3%) און אין אויסטראַליע און ניי זעלאַנד — אַרום 30.000 (אַרום 0.2%).

961. אויף וואָסערע טיפּן איז דאָס אידישע פאָלק צעטיילט?

—אויף אשכנזים, ספרדים און אָריענטאַלישע אידן (תימנים, בוכאַרישע, קאַווקאַזישע און פּערסישע אידן, אינדישע „בני ישראל", בינעזישע אידן און די פאַלאַשן — שוואַרצע אידן פון אַביסיניע). עס זיינען אויך פאַראַן האַלב־אידישע סעקטן, ווי די שומרונים (זע פראַגע נומער 112) וואָס ציילן נאָר אַרום 150 נפשות, און זיי אַלע וואוינען אין שכם (א"י), קראָאים (זע פראַגע 399), סובאָטניקעס (רוסישע האַלבע גרים, וואָס היטן אָפּ שבת) און אַנדערע גרים.

962. מיט וואָס אונטערשיידן זיך ביי די אשכנזים די מזרח אייראָפּעאישע אידן פון די מערב אייראָפּעאישע?

—די מזרח אייראָפּעאישע אידן ריידן מערסטנס אידיש און פירן אַן אייגנ־אַרטיק נאַציאָנאַל אידיש לעבן; די מערב אייראָפּעאישע אָבער זיינען מערסטנס אַסימילירט מיט'ן פאָלק פון זייער וואוינלאַנד סיי אין דער

שפראך און סיי אין די אלגעמיינע לעבנס פארמען. (אין צפון אמעריקע ווערן ביסלעכווייז אפגעווישט די גרעניצן פון די דאזיקע צוויי עלעמענטן, ווייל אויך דער יונגער דור פון די מזרח אידן אסימילירט זיך מיט די איינוואוינער פון לאנד).

963. מיט וואס אונטערשיידן זיך די מזרח־אייראפעאישע אידן פון די מערב־אייראפעאישע בנוגע זייערע קולטורעלע שאפונגען?

—די מזרח אייראפעאישע אידן, וואס האבן מערסטנס געקראגן א טראדיציאנעלע אידישע דערציאונג, האבן ארויסגעגעבן פון זיך די בויער און שאפער פון אונזער מאדערנער ליטעראטור אין אידיש און אין העברעאיש און די פירער פון דער אידישער נאציאנאלער אויפלעבונג; די מערב־אייראפעאישע אבער, וואס קריגן זייער דערציאונג אין די אלגעמיינע שולן, נעמען א גרויסן אנטייל אין דער אלגעמיינער קולטור פון זייערע וואוינלענדער און גיבן ארויס פון זיך מענשן, וואס שטייען אין די ערשטע רייען פון דער אייראפעאישער קולטור, ווי דער בארימטער וויסנשאפטסמאן איינשטיין פון דייטשלאנד, דער פילאזאף בערגסאן פון פראנקרייך, דער פסיכאלאג פרויד פון עסטרייך, דער פארשטארבענער פאליטיקער לארד רעדינג פון ענגלאנד און לעאן בלום, דער געוועזענער פרעמיער פון פראנקרייך.

964. מיט וואס איז די עקאנאמישע סטרוקטור פון די אידן איבער דער וועלט אנדערש פון דער עקאנאמישער סטרוקטור פון די אנדערע פעלקער?

—מיט דעם, וואס די אידן פארנעמען ניט קיין וויכטיגן ארט אין ערד ארבעט (פון די 16 מיליאן אידן זיינען נאר א האלבער מיליאן באשעפטיקט מיט ערד ארבעט, מערסטנס אין סאוועט רוסלאנד, ארץ ישראל און ארגענטינע) און אויך ניט אין שווערע אינדוסטריעס, ווי מינען ארבעט א.ד.ג. זיי באשעפטיקן זיך מערסטנס מיט מלאכה, פאבריקאציע, פרייע פראפעסיעס און איבערהויפט מיט האנדל — אונטער דעם אויך געלט־האנדל. (אין פוילן, למשל, איז ביז לעצטנס 75% פון דעם האנדל געווען אין אידישע הענט, אין דער צייט ווען די אידן זיינען נאר 10% פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג. אין אמעריקע זיינען די אידן נאר 4% פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג. אבער די ראל וואס זיי שפילן דארט, איז א פיל גרעסערע. א דאנק זייער איינפלוס אין האנדל און פאליטיק, איבער דעם וואס זיי וואוינען כמעט נאר אין די גרויסע שטעט). אן אויסנאם אין דער הינזיכט זיינען נאר דער סאוועטן פארבאנד און ארץ ישראל, וואו די אידן דרינגען אריין אין אלע צווייגן פון דער אינדוסטריע.

965. וואס פאר אן ענדערונג איז פארגעקומען אין די לעצטע צענדליקער יארן אין דעם אידישן גייסטיגן לעבן?

—די אידישע רעליגיע, וואס איז געווען ביז דער לעצטער צייט דער הויפט כח, וואס האט אויפגעהאלטן און פאראייניקט דאס אידישע פאלק איבער דער וועלט, פארלירט ביסלעכווייז איר ווירקונג אויפ'ן לעבן פון גרויסע טיילן פון אידישן פאלק, און איר פלאץ פארנעמט דאס נאציאנאלע געפיל.

וואָס דריקט זיך אוים ביי פאַרשיידענע שיכטן אויף פאַרשיידענע אופנים, ווי צדקה, שפּראַך און קולטור, ציוניזם, גלות־נאַציאָנאַליזם א.ד.ג. לעצטנס ווערן אויך גרויסע טיילן פון אַסימילירטע אידן באַהערשט פון אָט דעם אידישן נאַציאָנאַלן געפיל.

966. וואָסערע אַלוועלטליכע אידישע אָרגאַניזאַציעס זיינען טעטיק אין דעם אידישן לעבן?

— די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע מיט דער אידישער אַגענטור פאַר'ן אויפבוי פון ארץ ישראל; די אידישע קאָלאָניזאַציע געזעלשאַפט פון באַראָן הירש פאָנד (יק"א), וואָס העלפט דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע און אין אַנדערע לענדער; דער אידישער אימיגראַנטן הילפס־פאַראיין (היא"ס); די געזעלשאַפט צו לערנען מלאכות די אידן פון פאַרשיידענע לענדער (אָרט); די געזעלשאַפט צו העלפן דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין סאָוועט רוסלאַנד, איבערהויפּט אין בירא בידזשאַן (איקאָר); דער אָרדן „בני ברית", דער „הברית העברית העולמית" (דער העברעאישער אַלוועלטליכער פאַרבאַנד); דער אידישער קולטור פאַרבאַנד (איקוף) און דער אַלוועלטליכער אידישער קאָנגרעס, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1936.

967. וועלכע לאָקאַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס טוען אויך הילפסאַרבעט פאַר אידן אין אַנדערע לענדער?

— די „דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע" פון אַמעריקע, וואָס האָט אויסגעגעבן זינט דער צייט פון דער וועלט מלחמה איבער 90 מיליאָן דאָלער פאַר הילפס אַרבעט פאַר די אידן אין אַלע לענדער און האָט פיל געהאָלפן דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ראַטן פאַרבאַנד, דער „אַליאַנס" פון פראַנקרייך (זע פראַגע 826), וואָס האָט אויך פיל שולן פאַר די אידן אין די אָריענטאַלישע לענדער, די „באָרד אָף דזשואיש דעפּיוטיס" (דער קאָמיטעט פון אידישע פאָרשטייער) פון ענגלאַנד, די אַמעריקאַן דזשואיש קאָמיטע, דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנגרעס און דער קאַנאַדער אידישער קאָנגרעס.

968. וועלכע פּאַרטייען און פאַראיינען גרופּירן זיך אַרום דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע?

— די רעליגיעזע פּאַרטיי „מזרחי"; די רעוויזיאָניסטן, וואָס פאָדערן אַנצואווענדן עקסטרעמע מיטלען דורכצופירן דעם ציוניזם און זיינען אַנטי־סאָציאַליסטיש; די סאָציאַליסטישע „פּועלי ציון־צעירי ציון", וואָס האָבן לעצטנס געגרינדעט די „ליג פאַר'ן אַרבעטענדן ארץ ישראל"; די אידישיסטיש־קאָמוניסטישע „לינקע פּועלי ציון", וואָס אַגיטירן פאַר'ן אויפבוי פון ארץ ישראל, באַטש זיי קאָאָפּערירן ניט מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע; דער „השומר הצעיר", וואָס זיין הויפּט אויפגאַבע איז צוצוגרייטן חלוצים (פּיאָנערן) פאַר ארץ ישראל, און די „החלוץ" אָרגאַניזאַציע. צו זיי דאַרפן אויך צוגערעכנט ווערן די ציוניסטישע פרויען אָרגאַניזאַציעס, וואָס די וויכטיקסטע פון זיי זיינען די „הדסה" אין צפון אַמעריקע, די אַלוועלטליכע „ווימען זייאָניסט אָרגאַניזיישאָן" (וויצ"א־ציוניסטישע פרויען

אָרגאַניזאַציע), און אויך די פאַרשידענע פאַראיינען און קלובן פון דער ציוניסטישער יוגנט, ווי די „יאַנג דזשודיא" אין אַמעריקע, דער ציוניסטישער סטודענטישער פאַראיין „אבוקה", „פועלי ציון" יוגנט קלובן, רעוויזיאָניסטישע „ברית טרומפּלדור" און אַנדערע. (אין 1935 האָבן זיך אַ טייל פון די רעוויזיאָניסטן אָפּגעריסן און געגרינדעט די „נייע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע".—די יעניקע, וואָס זיינען געבליבן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע רופן זיך „אידנשטאַט פּאַרטיי".

969. וועלכע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זיינען פאַראַן ביי אידן?

—די אידישע פּאַרטיי פון סאָציאַל דעמאָקראַטן, וואָס רופט זיך אין פּוילן „בונד" (זע פראַגע 916) און אין אַמעריקע „אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד", די אידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וואָס האַלט, אַז דער וויכטיקסטער מיטל איינצופירן סאָציאַליזם איז די דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט, און די אויבנדערמאָנטע „פועלי ציון" און „לינקע פועלי ציון". די סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע פּאַרטייען האָבן אויך יוגנד קלובן צו דערציען די יוגנט אין זייער גייסט. ס'זיינען אויך דאָ פיל אידישע אַנאַרכיסטן, וואָס גיבן אַרויס אין אַמעריקע זייער וואָכנשריפט „די פרייע אַרבעטער שטימע".

970. וועלכע פּאַרטיי ווירקט צווישן די פרומע אידן?

—די עקסטרעם רעליגיעזע פּאַרטיי „אגודת ישראל".

---

## 2. די אידן אין אַמעריקע.

971. ווי איז דאָס סאָציאַל־עקאָנאָמישע לעבן פון די אידן אין אַמעריקע?

—אַזוי ווי אין אַלע לענדער, זיינען די אידן אין אַמעריקע באַשעפטיקט מערסטנס אין שטאָטישע אינדוסטריעס, סיי אַלס אונטערנעמער, סיי אַלס אַרבעטער, ווי למשל: קליידער אינדוסטריע, הייזער־בוי, רעסטאָראַנען א.ד.ג. אויך אין קליין האַנדל (קרעמעריי און פּעדלעריי) און גרויס האַנדל, אונטער דעם אויך באַנק געשעפטן. סאָציאַל ווערן די אידן אין אַמעריקע זייער אָפט דיסקרימינירט, כאָטש זיי באַזיצן געזעצליך אַלע בירגערליכע און פּאָליטישע רעכט. דער איד לואיס בראַנדייס זיצט אפילו אין דעם העכסטן געריכט (סופּרים קאָורט) פון די פאַראייניקטע שטאַטן. און דער איד הערבערט לעהמאַן איז דער גאָווערנאָר פונ'ם שטאַט ניו יאָרק.

972. וואָסערע רעליגיעזע ריכטונגען זיינען פאַראַן ביי די אידן אין אַמעריקע?

—די אָרטאָדאָקסן (פרומע), מערסטנס אידיש־שפּרעכנדע, וואָס האַלטן אַז די טראַדיציאָנעלע לעבנספאָרמען פון דער אַלטער היים, און זייערע רבנים זיינען מערסטנס פון די ישיבות אין מזרח אייראָפּע; די קאָנסערוואַטיוון, מערסטנס ענגליש־שפּרעכנדע, וואָס זיינען אָפיציעל טראַדיציאָנעל־אָרטאָדאָקסיש, אָבער זיי זוכן זיך צוצופּאַסן צו דעם אַמעריקאַנער לעבן. און זייערע רבנים, וואָס זיינען גראַדואירטע פון דעם אַמעריקאַנער רבנים סעמינאַר, פּרעדיקן אין די שולן אויף ענגליש און גיבן זיך אָפּ הויפּטזעכליך מיט די מאָראַלישע און נאַציאָנאַלע אידעען פון דער אידישער רעליגיע, —

און די רעפאָרמער, וואָס אין באַצוג צו רעליגיע זיינען זיי אַזוי ליבעראַל, ווי די רעפאָרמער פון מערב־אייראָפּע (זע פראַגן 796, 797 798), אָבער אין באַצוג צום אידישן נאַציאָנאַליזם זיינען זיי ניט אַזוי אַסימילאַטאָריש געזאָנען; פיל פון זיי זיינען אפילו ציוניסטן.

עס עקזיסטירט אויך אין אַמעריקע אַ רעליגיעזע יוגנט אָרגאַניזאַציע מיט׳ן נאָמען „יאָנג איזראַעל״, וואָס האָט דעם ציל צו פאַרשפּרייטן די אידישע רעליגיע צווישן דער אידישער יוגנד אין אַמעריקע דורך גרינדן ישיבות, „מניינים״ צו דאַווענען שבתים און ימים טובים, וואו דער גאַנצער קהל זינגט געוויסע תפילות, און וואו עס ווערט געפּרעדיגט אין ענגליש וועגן דער אידישע רעליגיע, און דורך רעליגיעזע פאַרווייַלונגען, ווי פראַווען „שלש סעודות״, זינגען זמירות א.ד.ג. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע גיט אויך אַרויס אין ניו יאָרק אַ פּעריאָדישע שריפט מיט׳ן נאָמען „יאָנג איזראַעל״.

973. וואָס פאַר אַ ראָל שפּילן די קאָנסערוואַטיווע שולן און די רעפאָרמער טעמפּלען אין דעם אַלגעמיינעם קולטורעלן לעבן פון די אידן אין אַמעריקע?

—ביי די מערסטע פון זיי עקזיסטירן „צענטערס״, וואָס פירן אָן אַ פאַר־צווייגטע קולטור און פאַרווייַלונגס טעטיקייט צווישן דער אידישער יוגנט. (די דאָזיקע „צענטערס״ שפּילן אַ גרויסע ראָל אין דער אויפלעבונג פון דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק ביי די אַסימילירטע עלעמענטן. — זע פראַגן 965, 972).

974. אין וועלכער טעטיקייט זיינען כמעט אַלע אידישע ריכטונגען פאַראייניקט?
—אין דער צדקה אַרבעט.

975. וואָס זיינען די אידישע צדקה פעדעראַציעס, וואָס זיינען פאַראַן אין די מערסטע גרויסע שטעט פון אַמעריקע?

—אַ פאַראייניקונג פון אַ סך אידישע צדקה אַנשטאַלטן, ווי בית־יתומים, מושב זקנים, הילף פאַר קראַנקע, הילף פאַר אָרימע פאַמיליעס א.ד.ג.

976. ווי זיינען די אידישע אַרבעטער פאַראייניקט?

—אין פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען (יוניאָנס), וואָס אייניקע פון זיי זיינען פאַראייניקט אין גרעסערע אָרגאַניזאַציעס, ווי „די אידישע געווערק־שאַפטן״, די פאַראייניקטע יוניאָן פון קליידער אַרבעטער („אַמאַלגעמייטעד קלאָדהינג וואָרקערס יוניאָן״), די אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָן פון פרויען קליידער אַרבעטער („אינטערנאַשיאָנאַל ליידיס גאַרמענט וואָרקערס״) א.א. די מערסטע אידישע יוניאָנס זיינען אָנגעשלאָסן אָן דער אַלגעמיינער פעדע־ראַציע פון די אַרבעטער אין אַמעריקע („אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָף לייבאָר״).

977. וועלכע פאַראיינען פאַר קעגנזייטיקע הילף עקזיסטירן ביי די אַמעריקאַנער אידן?

—די ברידערליכע פאַראיינען, ווי דער גרויסער אָרדן „בני ברית״ ביי די רייכערע ענגליש־שפּרעכנדע אידן, די בעל־הבית׳ישע אָרדנס „ברית אברהם״, „ברית שלום״ א.א., דער „אַרבעטער רינג״ פון די אידישע סאָ־ציאַליסטישע אַרבעטער, דער „אידיש־סאָציאַליסטישער אַרבעטער פאַר־באַנד״ פון דער „פּועלי־ציון״ ריכטונג און אַנדערע; די קראַנקן־הילף

פאַראײנען („סיק בענעפיט סאָסייעטיס״) און די לײ־און שפּאָר חברות („לאָון סינדיקייטס״).

צו זײ קען מען אױך צורעכענען די לאַנדסמאַנשאַפטן פאַרבאַנדן בײ די אַמעריקאַנער אידן, װי „דער פּױלישער פאַרבאַנד״, די פאַרבאַנדן פון די רומעניש און ליטװישע אידן א. א., װאָס זײער אױפגאַבע איז צו העלפן זײערע לאַנדס־לײט אין אײראָפּע און גלײכצײטיג צו פאַרבערענגען צװישן זיך געזעלשאַפטליך, און די אידישע סעקציע פון דעם קאָמוניסטישן „אינ־טערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן״.

978. װאָס פאַרא אידישע קולטורעלע אינסטיטוציעס זײנען דאָ אין אַמעריקע ?

—דער אידישער פאַרלאַג געזעלשאַפט (דזשואיש פּאַבליקײשאַן סאָסײעטי), װאָס האָט אַרױסגעגעבן זײער פיל װיכטיקע ביכער איבער אידישער לי־טעראַטור און אידישער געשיכטע אין ענגליש און גיט אַרױס יערליך דאָס אידישע יאָר בוך אין ענגליש פון 1899 אָן; די הסתדרות עברית (אַן אָר־גאַניזאַציע פאַר דער העברעאישער שפּראַך און העברעאישער ליטעראַטור), װאָס גיט אַרױס דעם העברעאישן װעכנטליכן זשורנאַל „הדאר״ און אַנ־דערע העברעאישע ביכער: די אַמעריקאַנער אָפּטײלונג פון דעם אידישן קולטור פאַרבאַנד (איקוף) און די צענטראַלע אידישע קולטור אָרגאַניזאַציע (ציק״א) פאַר די אידישע שפּראַך און ליטעראַטור; די אַמעריקאַנער אקאַ־דעמיע פון אידישע פאָרשונגען; די „מנורה״ געזעלשאַפט, צו פאַרבעסערן די אידישע קולטור און אידעאַלן, װאָס גיט אַרױס די אידיש־ענגלישע מאָ־נאַטשריפט „מענאָרא״; בני ברית הלל פאונדײשאָן, צו דערהױבן די מאָ־ראַלע און רעליגיעזע געפילן פון די אידישע סטודענטן; דער פאַראײן פאַר דער פאָרשריט פון יודאאיזם, אונטער דער פירערשאַפט פון פּראָפעסאָר מרדכי קאַפּלאַן; די פאַראײנען פון די רבנים און די שולן (סינאַגאָגעס) פון אַלע דרײ ריכטונגען (זע פראַגע 972); דער שלום עליכם פאָלקס אינ־סטיטוט, װאָס פירט אָן מיט די שלום עליכם פאָלק שולן אין אַמעריקע און גיט אַרױס מאָנאַטליך דעם „קינדער זשורנאַל״, אידישע פּעדאַגאָגישע ביכער און לײען ביכער פאַר קינדער אין אידיש; די אידישע „יאַנג מענס״, יאַנג װוימענס״ און „יאַנג פּיפּלס״ פאַראײנען פאַר ספּאָרט, בילדונג און געזעלשאַפטליכע אונטערהאַלטונג, און די לערן אַנשטאַלטן (זע פראַגן 980, 981).

979. װאָס פאַרא אַלגעמײנע רעפּרעזענטאַטיװע קערפּערשאַפטן עקזיסטירן בײ די אידן אין אַמעריקע ?

—„דער אַמעריקאַנער אידישער קאָמיטעט״ (געגרינדעט 1912), װאָס באַ־שטײט מערסטנס פון די רײכע עלעמענטן פון דעם מערב־אײראָפּעאישן טיפּ, װאָס האָבן גענומען אױף זיך די אױפגאַבע צו געבן די אידן איבער דער װעלט פּאָליטישע הילף דורך געהײמע שתדלנות, און דער „אַמעריקאַ־נער אידישער קאָנגרעס״ (געגרינדעט 1918), אַ דעמאָקראַטיש דערװײלטע קערפּערשאַפט, װאָס איר אױפגאַבע איז צו אָרגאַניזירן דאָס אידישע לעבן אין אַמעריקע אױף דעמאָקראַטישע יסודות, העלפן איבערבױען די עקאָ־נאָמיק פון די אַמעריקאַנער אידן אױף אַ געזונטערן באַזיס און עפנטליך

קעמפּ פאַר די רעכט פון די אידן איבער דער וועלט. לעצטנס האָבן געוויסע אידישע סאָציאַל סטן, וואָס ווילן זיך ניט אנשליסן אָן דעם „אמעריקאַנעם אידישן קאָנגרעס", געגרינדעט א „אידישן ארבעטער קאָמיטעט", צו פאַרטרעטן אידישע ארבעטער אין אלע פראַגן פון אידישע אנגעלעגנהייטן.

980. וואָס פאַרא טיפּן פון אידישע עלעמענטארע און מיטל שולן עקזיסטירן ביי די א דן אין אמעריקע?

—תלמוד תורה'ס און ישיבות (נאַציאָנאַל רעליגיעזע שולן); העברעאישע נאַציאָנאַלע שולן; וועלטליכע אידישע שולן, ווי די אידיש־העברעאישע שולן פון דער פּועלי־ציון ריכטונג („פאָלקס שולן"), די אידישע סאָציאַליסטישע שולן („ארבעטער רינג שולן"), די אידישיסטישע שולן פון דעם „שלום עליכם פאָלקס אינסטיטוט" („שלום עליכם שולן"); די זונטאג שולן אין ענגליש פאַר אידישער געשיכטע און רעליגיע („סאָנדעי סקולס"); די ענגלישע קורסן אין אידישער וויסנשאַפט פאַר דערוואַקסענע ביי א צאָל טעמפּלען און קאָנסערוואַטיווע שולן און פּריוואַטע אידישע שולן און חדרים פון פאַרשיידענע ריכטונגען.

לעצטענס האָבן זיך געגרינדעט זייער פיל אידישע קאָמוניסטישע שולן פון דעם „אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער אָרדן".

אויסער די „סאָנדעי סקולס" זיינען די אלע אויבנדערמאָנטע שולן אָוונט־שולן, וואו די קינדער לערנען די אידישע למודים פון א שעה ביז 2 שעה אין טאָג, וויל דעם גרעסטן טייל פון טאָג לערנען זיי אין די אלגעמיינע ענגלישע פאָלקס שולן. עס זיינען אָבער אויך דאָ א צאָל שולן, וואו די קינדער קריגן סיי זייער אלגעמיינע דערציאונג, סיי זייער אידישע דערציאונג, ווי געוויסע ישיבות („פּאַראָקיעל סקולס") און וועלטליכע „טאָג שולן", וואו די אלגעמיינע למודים ווערן געלערנט אין ענגליש.

א צאָל פון די אויבענדערמאָנטע אידישע געזעלשאַפטליכע שולן האַלטן אויף קינדער־קאָלאָניעס („זומער קעמפּס") פאַר אידישע קינדער אין די מאָנאַטן יולי און אויגוסט, כדי צו דערציען די קינדער אין דעם גייסט פון די דאָזיקע שולן.

981. וואָס פאַרא אידישע הויכשולן זיינען פאַראַן אין אמעריקע?

—1) די רבנים סעמינאַרן: „ישיבת רבי יצחק אלחנן" אין ניו יאָרק פון דער אָרטאָדאָקסישער ריכטונג, וואו עס ווערט געגעבן אויך אָן אלגעמיינע אוניווערסיטעט בילדונג אין ענגליש; דער „שעכטער סעמינאַר" אין ניו יאָרק פון דער קאָנסערוואַטיווער ריכטונג און דער סעמינאַר פאַר רעפאָרם־ראַבינער אין סינסינעטי; דער אידישער אינסטיטוט פון רעליגיע ביי דער „פרי סינאַגאָג" פון דר. סטעפאַן וויז אין ניו־יאָרק צוזוגרייטן קאָנסערוואַטיווע און רעפאָרמער רבנים און דער אידישער טעאָלאָגישער סעמינאַר פון שיקאַגע צוזוגרייטן אָרטאָדאָקסישע רבנים און לערער און דער היברו יוניאָן קאָלעדזש צוזוגרייטן רעפאָרם ראַבינער.

2) די לערער סעמינאַרן אין ניו יאָרק, ווי דער אידישער לערער סעמינאַר פון דער פּועלי־ציון ריכטונג, וואָס גיט אויך אלגעמיינע העברעיש קורסן אין אידישע און וועלטליכע למודים (לעצטנס האָט אָט דער סעמינאַר געקראָגן

פון דער רעגירונג דעם סטאטוס פון א געזעצליכער הויכשול); די לערער קורסן פון „ארבעטער רינג", דער לערער אינסטיטוט ביים „שעכטער סע־מינאר" (פאר שולן מיט ענגליש אלס אונטערריכטס שפראך): דער לערער סעמינאר ביי דער ישיבת רבי יצחק אלחנן; דער רעליגיעזער „בית מדרש למורות" (פאר רעליגיעזע לערערינס) און דער העברעאישער סעמינאר פאר לערערינס „הרצליה".

3) דער „דראפסי קאלעדזש" אין פילאדעלפיע, וואו ס'ווערן געגעבן ענג־לישע קורסן אין אידישע וויסנשאפטן פאר סטודענטן מיט א הויכער ביל־דונג.

982. ווי איז דער אלגעמיינער צושטאנד פון דער אידישער דערציאונג אין אמעריקע?

—די תלמידים פון די אלע אויבענדערמאנטע לערן־אנשטאלטן צוזאמענגענומען בילדן נאר א קליינעם פראצענט פון די אמעריקאנער אידישע קינדער אין שול עלטער, אפילו ווען מיר זאלן צורעכענען צו זיי די גרויסע צאל קינדער, וואס נעמען פריוואטע לעקציעס ביי „מלמדים" און לערער פון פארשיידענע ריכטונגען. דער גרעסטער טייל פון די אידישע עלטערן אין אמעריקע גיבן נאר זייערע אינגלעך א בר־מצוה צוגרייטונג, און די אידישע דערציאונג פון די מיידלעך ווערט מערסטנס אינגאנצן פארנאכלעסיקט.

983. וואס פאר א ראל שפילט די ניו יארקער אידישע באפעלקערונג אין דעם לעבן פון די אמעריקאנער און קאנאדער אידן?

—א דאנק דעם, וואס ניו יארק האט א אידישע באפעלקערונג פון ארום צוויי מיליאן נפשות, שפילט זי א פירנדע ראל אין דעם לעבן פון די אידן פון צפון אמעריקע. דארטן גייען ארויס די גרעסטע אידישע טעגליכע צייטונגען: דער קאנסערוואטיווער „מארגן־זשורנאל", דער אומפארטייאישער „טאג", דער סאציאליסטישער „פארווערטס" און די קאמוניסטישע „מארגן פריי־הייט", און אויך דער וויכטיקער מאנאטליכער זשורנאל „די צוקונפט" (הגם א היבשע צאל טעגליכע צייטונגען און אנדערע פעריאדישע אויסגאבן גייען ארויס אויך אין אנדערע גרויסע שטעט פון צפון אמעריקע); אין ניו יארק עקזיסטירן אויך די וויכטיקסטע אידישע הויכשולן, די גרעסטע אי־דישע ביבער פארלאגען, די צענטראלע קערפערשאפטן פון די מערסטע אי־דישע ארגאניזאציעס, פארטייען, ארדנס און לערן־אינסטיטוציעס און דארטן לעבן די גרעסטע צאל אמעריקאנער אידישע שרייבער (די מערסטע פון זיי פאראייניקט אין „י. ל. פרץ שרייבער פאראיין") און געלערנטע. אויך דאס אידישע טעאטער, וואס האט זיך אין אמעריקע באדייטנד אנטוויקלט, האט זיין הויפט צענטער אין ניו יארק, פון וואנען די אידישע פראווינץ אין די פאראייניקטע שטאטן און קאנאדע באציט אקטיארן.

## 3. די אידן אין פוילן

984 ווי איז די עקאנאמישע לאגע פון די אידן אין פוילן?

—דארטן ווערט די עקאנאמישע לאגע פון די אידן אלץ ערגער און ערגער. פון דעם גרויסן רוסישן מארק איז פוילן אפגעריסן; פיל פרנסות פארלירן די אידן, ווייל די רעגירונג נעמט אין מאנאפאל געוויסע געשעפטן, וואס די

אידן האבן פריער געצויגן פוז זיי חיונה, לעצטנס פארבאט זי סתם די אידן זיך צו פארנעמען מיט געוויסע באשעפטיקונגען; קיין מלוכה שטעלעס קריגן די אידן ניט. און די מלוכה שטייערן פאלן זייער שווער אויף די פארארימטע אידן. דערצו קומט דארטן פאר א גרויסע אנטיסעמיטישע באוועגונג, וואס האט לעצטנס געבראכט צו א סעריע פאגראמען איבערן לאנד. אלס א רעזולטאט פון די אויבנדערמאנטע אורזאכן לעבן ארום צוויי דריטל פון דער אידישער באפעלקערונג אין פוילן אין גרויס נויט. אויף וויפיל עס איז מעגליך העלפן זיך די אידן איינע די אנדערע דורך גרינדן קאאפעראטיוון און קרעדיט קאסעס פאר ארבעטער און הענדלער.

985. וואסערע קולטורעלע אינסטיטוציעס עקזיסטירן ביי די אידן אין פוילן?

—1) פארשיידענע לערן־אנשטאלטן, ווי חדרים, תלמוד תורה'ס און ישיבות; די ציוניסטישע „תרבות" שולן, וואו אלע לימודים ווערן געלערנט אין העברעאיש; די סאציאליסטישע שולן אונטער'ן אויפזיכט פון דער צענטראלער אידישער שולן ארגאניזאציע (ציש"א), וואו אלע למודים ווערן געלערנט אין אידיש; די אידישע נאציאנאלע שולן, וואו ס'ווערט געלערנט אידיש און העברעאיש און ס'ווערט געלייגט פיל געוויכט אויף דער אידישער נאציאנאלער קולטור („שולקולט"); שולן פאר מלאכה; גימנאזיעס (מערסטנס העברעאישע) און לערער קורסן.

2) עס גייען ארויס אין פוילן פיל טעגליכע צייטונגען, וואכנשריפטן (פון וועלכע די וויכטיקסטע איז „די ליטערארישע בלעטער", וואס גייט ארויס אין ווארשע) און אנדערע פעריאדישע אויסגאבן פון פארשיידענע ריכטונגען. עס דרוקן זיך דארטן א סך אידישע ביכער, וואס דער פארלאג „קולטור ליגע" און אנדערע פארלאגן גיבן ארויס.

3) עס עקזיסטירן אין פוילן א סך אידישע ביבליאטעקן.

4) אין ווילנע איז דער צענטער פון דעם אידישן וויסנשאפטליכן אינסטיטוט (איוו"א), וואס האט אפטיילונגען אויך אין אנדערע לענדער און וואס גיט ארויס פון צייט צו צייט „איוו"א בלעטער" און גרויסע וויכטיקע בענד פון היסטארישע, פילאלאגישע, פעדאגאגישע און עקאנאמישע שריפטן.

986. ווי זעט אויס דאס נאציאנאלע לעבן פון די אידן אין פוילן ?

—פוילן איז נאך עד היום דער גרעסטער טראדיציאנעלער צענטער פון די אידן. דער איינפלוס פון די חסידי'שע רביים איז נאך זייער גרויס אויף די חסידים פון פוילן. אין דער לעצטער צייט געפינען זיך די קהילה שולן פון ווארשע אונטער'ן איינפלוס פון דער רעליגיעזער „אגודת ישראל" (א דאנק דער שטיצע פון דער „אגודה" צו דער פוילישער רעגירונגס פארטיי). עס עקזיסטירן אין פוילן זייער פיל חדרים און ישיבות און זייער א גרויסער טייל פון די פוילישע אידן טראגן נאך די ספעציעלע אידישע טראדיציאנעלע קליידער. ס'זיינען אויך דא אין פוילן רעליגיעזע יוגנט ארגאניזאציעס פון ביידע געשלעכטן. אין די קליינע שטעטלעך האלט זיך נאך דער אלטער אידישער לעבנס־שטייגער. און א גרויסער טייל פון דער אידישער יוגנט קריגט די גאנצע דערציאונג אין העברעאיש אדער אין אידיש. אבער דער גרעסטער טייל פון די אידישע קינדער אין פוילן לערנט אין די פוילישע פאלקס שולן, ווייל דארטן קאסט ניט קיין שכר למוד. אין יענע

שולן ווערט נאר אפגעגעבן אביסל צייט דעם למוד פון דער אידישער רעליגיע פאר די אידישע קינדער. אלס א רעזולטאט פון דעם רעדט דער יונגער אידישער דור אין פוילן, איבערהויפט אין די גרויסע שטעט, נאר אויף פוליש און ווערט וואס וייטער אלץ מער און מער שפראכליך אסי־מילירט מיט דער פוילישער באפעלקערונג.

987. וואס איז געווארן אין פוילן פון די מינאריטעטן רעכט, וואס פוילן האט זיך פארפליכטעט צו געבען די אידן ביי דעם ווערסאילער שלום אפמאך?

—פוילן האט קיינמאל ניט דורכגעפירט פולשטענדיק אירע התחייבות'ן צו די נאציאנאלע מינדערהייטן. לעצטנס האט זי זיך אינגאנצן אפגעזאגט פון זיי (זע פראגע 934) און איבערגעלאזט צו די אידן נאר די פארוואלטונג איבער זייערע רעליגיעזע ענינים, אפנעמענדיג ביי זיי די שטיצע, וואס זי פלעגט פריער געבן צו די פארשיידענע אידישע שולן.

988. ווי זעט אויס דאס געזעלשאפטליכע לעבן פון די אידן אין פוילן?

—די פארשיידענע פארטייען און ריכטונגען, וואס עקזיסטירן דארטן אויף דער אידישער גאס, ווי די אגודת ישראל, די העברעאיסטן און אידישיסטן, די ציוניסטן, פועלי־ציון צעירי־ציון, לינקע פועלי־ציון, בונדיסטן און קאמוניסטן, פירן אן צווישן זיך א שטענדיקן פארביטערטן קאמף סיי בנוגע פאליטישע ענינים, ווי וואלן צו דעם פארלאמענט („סיים''), צו די שטאט־ראטן און צו די קהילה פארוואלטונגען, און סיי בנוגע עקאנאמישע און קולטורעלע ענינים. אט די קאמפן זיינען אזוי שטארק, אז זיי דערגרייכן אפטמאל ביז צו ערנסטע געשלעגן.

---

## 4. די אידן אין ראטן־פארבאנד

989. וואס פאר אן ענדערונג איז פארגעקומען אין דעם עקאנאמישן לעבן פון די אידן אין סאוועט רוסלאנד מיט'ן אויפקום פון דער סאוועטישער מאכט?

—גרויסע אידישע מאסן, וואס זיינען פריער געווען הענדלער, זיינען אריינגע־צויגן געווארן אין די ארבעטן פון שווערע אינדוסטריעס און פאבריקן, קלע־נערע מאסן — אין ערד ארבעט אין די אידישע קאלאניעס, וואס די ראטן־רעגירונג האט געהאלפן בויען פאר די אידן אין אוקראינע, קרים און בי־ראָ־בידזשאן.

990. וואסערע רעכט האבן די אידן אין סאוועטן לאנד אלס א נאציאנאלע גרופע?

—דער געזעלשאפטליכער אנטיסעמיטיזם איז דארטן געזעצליך פארבאטן, און די אידן האבן דארטן די זעלבע נאציאנאלע רעכט ווי אלע אנדערע פעלקער. די סאוועטישע רעגירונג האלט אויס ארום 1000 אידישע עלעמענטארע און מיטל שולן און ארום 25 אידישע הויכשולן און גיט אויך ארויס לערנ־ביכער פאר די דאזיקע שולן. די שפראך פון אט די שולן — איז אידיש (העברעאיש איז פארבאטן צו לערנען מיט קינדער אין סאוועט רוסלאנד). די סאוועטישע מלוכה האט אויך באשטימט אין איניקע געגנטן אידישע ראיאנען, וואו אידיש ווערט אנערקענט אלס אפיציעלע שפראך אין די געריכטן, פאליציי א.ד.ג. אין יאר 1934 האט די סאוועטן מאכט פראָ־

קלאַמירט די גרויסע טעריטאָריע פון בירא־בידזשאַן אין סיביר אַלס אַ אידישע טעריטאָריע, וואו דאָס גאַנצע געזעלשאַפטליכע לעבן און אַלע דער־ציאונגס אַנשטאַלטען וועלען געפירט ווערן אין אידיש. די סאָוועטן רעגירונג גיט אויס צענדליקע מיליאָנען רובל צו אַנטוויקלען די אינדוסטריע און אַגרי־קולטור פון בירא־בידזשאַן און זי האָט אָפיציעל דערקלערט, אַז ווען די אידישע באַפעלקערונג וועט דאָרטן זיין גענוג גרויס (דערווייל זיינען דאָרטן דאָ נאָר אַרום 25,000 אידן) וועט בירא בידזשאַן ווערן אַ אידישע סאָוועטן רעפּובליק. אין יאָר 1935 האָט די רעגירונג ערלויבט אַרום 5,000 אידן פון פּוילן און ליטא זיך צו באַזעצן אין בירא בידזשאַן מיט דער הילף פון אויס־לענדער אידן. לעצטנס האָט זי אינגאַנצן פאַרבאָטן די אימיגראַציע פון אויס־לענדישע אידן אין בירא בידזשאַן.

991. ווי באַציט זיך די סאָוועטן־מאַכט צום ציוניזם און צו דער אידישער רעליגיע?

—דער ציוניזם איז דאָרטן פאַרבאָטן, און די ציוניסטן ווערן פאַרפאָלגט. די אידישע רעליגיע ווערט דאָרטן באַקעמפט, אַזוי ווי אַלע אַנדערע רעליגיעס. מען טאָר ניט לערנען קיין רעליגיע מיט קינדער, וואָס זיינען אינגער פון 16 יאָר. רעליגיע ווערט דאָרטן באַקעמפט דורך פּראָפּאַגאַנדע און דורך דעם אַטעאיכטישן גייסט אין די שולן. רעליגיעזע מענשן שליסט מען אויס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דורך דעם פאַרלירן זיי געוויסע רעכט און ליידן עקאָנאָמיש. אָבער געזעצליך איז אין סאָוועטן־לאַנד ניט פאַרבאָטן צו פּראַקטיצירן רעליגיעזע געבאָטן.

992. ווי זעט אויס דאָס נאַציאָנאַלע לעבן פון די אידן אין ראַטן־פאַרבאַנד?

—אין די געגנטן, וואו די מערהייט פון דער באַפעלקערונג איז ניט קיין אידי־שע, קומט פאָר אַ גרויסע אַסימילאַציע פון די אידן מיט ניט־אידן. געמיש־טע חתונות צווישן אידן און ניט־אידן זיינען דאָרטן מעשים בכל יום, און די מערסטע אידן פון יענע געגנטן גיבן זייערע קינדער לערנען אין די ניט־אידישע שולן. אין מאָסקווע, למשל, וואוינען הונדערטער טויזנטער אידן, און נאָר אַ נישטיקע צאָל אידישע קינדער לערנען דאָרטן אין אַ אידישער שול. דערפאַר אָבער אין די אידישע ראַיאָנען און איבערהויפּט אין בירא־בידזשאַן איז ניטאָ קיין שפּראַכליכע אַסימילאַציע, און דאָרטן איז דאָ אַ באָדן פאַר דער עקזיסטענץ און פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַ נייעם טיפּ אידן.

---

5.

## די אידן אין ארץ ישראל

993. וואָס איז דער פּאָליטישער סטאַטוס פון די אידן אין א״י?

—ארץ ישראל איז דאָס איינציקע לאַנד, וואו די אידן האָבן אַ פולשטענדיקע אויטאָנאָמיע און זיי פילן זיך דאָרטן ווי אין זייער נאַציאָנאַלער היים. די בירגערליכע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע רעכט פון די אידן זיינען ניט וויניקער פון די רעכט פון די אַראַבער, וואָס זיינען די מערהייט אין א״י. העברעאיש איז אַנערקענט אַלס אַן אָפיציעלע שפּראַך גליך מיט ענגליש

און אראַביש. די געלט און די פּאָסט־מאַרקעס האָבן אויף זיך אויך אַ העברעאישן איבערשריפט. די אינערליכע פאַרוואַלטונג פון די אידן ליגט אַ נגאַנצן אין זייערע הענט. די קהילה איז אנערקענט פון דער רעגירונג און זי האָט אַ רעכט צו באַשטימען שטייערן אויף די אידן פאַר די קהילה ענינים. דערווייל איז נאָך ארץ ישראל אונטער דעם מאַנדאַט פון דער ענגלישער רעגירונג, און די לעצטע גיט אַרויס געזעצן וועגן אימיגראַציע, קאָלאָניזאַציע, שטייערן, טאַריף א. ד. ג. לויט די סטאַטוטן פון דעם מאַנדאַט, דאַרף די מאַנדאַטן רעגירונג זיך באַראַטן מיט דער אידישער אַגענטור, איידער זי גיט אַרויס די געזעצן. די ענגלישע רעגירונג לאָזט אָבער ניט אַריין אין א״י אַזוי פיל אידן, וויפיל די אידישע אַגענטור פאָדערט פון איר, נאָר אַזוי פיל וויפיל דאָס לאַנד קאָן אַבזאָרבירן, לויט איר מיינונג. דערווייל לאָזט זי אַריין יעדן יאָר עטליכע טויזנט חלוצים אָן קאַפּיטאַל, אידן מיט אַ קאַפּיטאַל פון טויזנט פונט אָדער מער, אַ געוויסע צאָל קרובים פון פּאַלעסטינער בירגער און קוואַליפיצירטע אַרבעטער מיט אַ קלענערן קאַפּיטאַל. די ענגלישע רעגירונג האָט אויך אָפּגעריסן דעם „עבר הירדן״ (דאָס לאַנד אין מזרח פון ירדן) פון א״י, און האָט דאָרט געגרינדעט אַן אַראַבישע מלוכה אונטער איר פּראָטעקטאָראַט.

(אין יולי 1937 האָט די ענגלישע רעגירונג אָנגענומען די רעקאָמענדאַציעס פון דער קעניגליכער קאָמיסיע וועגן דער צוטיילונג פון ארץ ישראל און וועגן דער באַשרענקטער אידישער אימיגראַציע אין א״י ביז די צעטיילונג וועט פאָרקומען (זע פראַגע 947). אָבער דער פּאַרלאַמענט אין לאָנדאָן האָט אָפּגעלייגט דאָס אָפּשטימען וועגן דעם צוטיילונגס פּלאַן ביז עס וועט קלאָר ווערן די שטעלונג פון דער פעלקער ליג צו דעם דאָזיקן פּלאַן.

אין אויגוסט 1937 האָט דער אידישער ציון קאָנגרעס אינסטרואירט די ציוניסטישע עקזעקוטיווע צו פאַרהאַנדלען מיט דער ענגלישער רעגירונג וועגן די גענויע גרענעצן פון דעם פאָרגעשלאָגענעם אידישן שטאַט און וועגן אַנדערע איינצלהייטן. ווען דער פּלאַן וועט זיין גענוי באַשטימט, וועט ער געבראַכט ווערן צו פאַרהאַנדלען פאַר אַ ספּעציעלן קאָנגרעס, וואָס וועט געוויילט ווערן פאַר דעם דאָזיקן צוועק. די אידישע אַגענטור האָט גוט געהייסן דעם דאָזיקן באַשלוס פון ציון קאָנגרעס, רעקאָמענדירנדיק, אַז פריער זאָל געמאַכט ווערן נאָך אַ פּרואוו צו קומען צו אַ פאַרשטענדעניש מיט די אַראַבער. די מאַנדאַטן קאָמיסיע ביי דער פעלקער ליג האָט איינגעשטימט צו דעם צעטיילונגס פּלאַן, נאָר האָט פאָרגעשלאָגן, אַז ביידע שטאַטן, דער אידישער און דער אַראַבישער, זאָלן נאָך בלייבן אונטערן מאַנדאַט פון ענגלאַנד פאַר שוץ, טאַריף און אַנדערע אויסערליכע ענינים ביז דער צייט, ווען די ביידע פעלקער וועלן זיך קענען אַליין רעגירן. יעדער שטאַט זאָל האָבן דאָס רעכט אָנצופירן מיט דער איינוואַנדערונג אין זיין לאַנד לויט זיין אייגענעם ווילן. דעם 16־טן סעפּטעמבער 1937, האָט דער פעלקער ליג ראַט אויטאָריזירט דער בריטישער רעגירונג אָנצוגיין מיט דער חלוקה פּלאַן, אָננעמענדיק אַ רעזאָלוציע, אַז ענגלאַנד וועט באַפאָלמעכטיקט צו שיקן נאָך אַ קאָמיסיע קיין ארץ ישראל צו פירן פאַרהאַנדלונגען מיט די אידן און די אַראַבער וועגן די געפּלאַנטע שטאַטן. די עצם פראַגע פון

צעטיילונג ווערט איבערגעלאזט, ביז וואנען די ענגלישע רעגירונג וועט צו־שטעלן א געגויעם פלאן פון דעם פראיעקט.

די אראבישע פירער באקעמפן שטארק דעם צוטיילונגס פלאן, טענה'נדיק, אז זיי דארפן זיין די איינציקע באלעבאטים פון דעם גאנצן לאנד. אין אפריל 1938 האט די ענגלישע רעגירונג געשיקט א צעטיילונגס קאמיסיע קיין ארץ ישראל מיט'ן צוועק פעסטצושטעלן די מעגליכקייטן און אויס־צוארבעטן די איינצלהייטן פון דער פראיעקטירטער צעטיילונג אין א"י.

994. ווי איז די עקאנאמישע לאגע פון די אידן אין ארץ ישראל ?

— אין די יארן 1933, 1934 און 1935 איז א"י געווען כמעט דאס איינציקע לאנד אין דער וועלט, וואו ס'איז ניט געווען קיין עקאנאמישער קריזיס און קיין ארבעטסלאזיקייט, א דאנק דעם וואס אהין האבן אריינגעשטראמט זייער פיל אידישע אימיגראנטן, צווישן וועלכע ס'האבן זיך געפונען א סך קאפיטאליסטן. (אין יאר 1934 זיינען אריינגעקומען ארום 60.000 אידן אין א"י און האבן אהין אריינגעבראכט ארום 50 מיליאן דאלער). אין יענער צייט האט זיך נאך געפילט א גרויסער מאנגל אין ארבעטער, סיי אין שטאט, סיי אין דארף. כמעט יעדן טאג איז פארטיק געווארן א נייע הויז אין תל אביב (וואו ס'וואוינען שוין איצט ארום 150,000 אידן). און עס איז געגרינדעט געווארן אלץ מער און מער נייע פאבריקן און ווארשטאטן. אין יאר 1934 זיינען געגרינדעט געווארן אין א"י 170 נייע אינדוסט־ריעלע אונטערנעמונגען. תל אביב האט באשעפטיקט אין אירע 1,500 פאב־ריקן און ווארשטאטן ארום 10,000 ארבעטער מיט א מיליאן פונט אר־בעטס לוין. אבער אין די יארן 1936־1938, איבער די בלוטיקע אראבישע אנפאלן און איבער דער אומבאשטימטער פאליטישער לאגע, גייט אן דער אויפבוי פון א"י ניט מיט אזא שנעלן טעמפא. די אידישע אימיגראציע איז זייער באגרענעצט געווארן, די בוי ארבעט איז פיל פארקלענערט גע־ווארן און ס'פילט זיך אין א געוויסער מאס אן עקאנאמישער קריזיס און אן ארבעטסלאזיקייט. נאר ניט קוקנדיק אויף דעם, איז דער אויפבוי פון א"י ניט אפגעשטעלט געווארן. עס ווערן נאך געגרינדעט אלץ מער און מער נייע אידישע קאלאניעס אויפ'ן באדן פונ'ם נאציאנאל פאנד („קרן קיימת"), וואס קויפט איין פון צייט צו צייט גרויסע שטחים באדן אין א"י (ביז איצט האט ער שוין אויסגעקויפט באדן אין ווערט פון איבער 20 מיליאן דאלער), און די אידישע ארבעטער, מיט דער הילף פון „קרן היסוד" (דער פאנד פאר'ן אויפבוי פון א"י), טריקענען אויס די זומפן, מאכן געזונט די געגנט, מאכן די ערד פרוכטבאר און בויען אלץ מער אידישע קאלאניעס. זיי באפלאנצן אויך מיט ביימער וויסטע בערג און פארבעסערן דערמיט דעם קלימאט פון לאנד און שאפן מער פרוכטבארע ערד. דורך זייער איינפירן אינטענסיווע לאנדווירטשאפטן, מיט קינסט־ליכער באוואסערונג, נייסטע מאשינען און מאדערנסטע מעטאדן פארפיל־פאכן זיי די פראדוקציע פון דעם לאנד. די אידישע לאנווירטשאפטליכע באפעלקערונג פון ארץ ישראל באטרעפט שוין איצט ארום 70 טויזנט. אבער דערווייל געהערן צו אידן נאר ארום 1,440,000 דונאם פון די 26 מיליאן דונאם, וואס א"י פארמאגט. א גרויסן פלאץ אין דער עקאנאמיק

פון א״י פארנעמען די פרדסים (ציטרוס סעדער). אט די אינדוסטריע האלט אין איין וואקסן. אין 1934 זיינען עקספארטירט געווארן פון א״י אראנדזשעס פאר 3 מיליאן פונט, איבער א העלפט דערפון פון אידישע פרדסים. זייער א גרויסע באדייטונג פאר׳ן עקאנאמישן אויפבוי פון א״י האבן די רערן פון פעטראליעאום, וואס זיינען ניט לאנג צוריק געצויגן געווארן פון איראק ביז חיפה (א״י). דער נייער גרויסער פארט אין חיפה, דער נייער פארט אין תל אביב, וואס די אידן האבן אליין אנגעהויבן צו בויען אין 1936 איבער דעם אראבישן סטרייק אין דעם יפו׳ער פארט און די קאנצעסיעס, וואס אידן האבן געקראגן פון דער ענגלישער רעגירונג, ווי די רוטנבערג־קאנצעסיע צו שאפן עלעקטרישע קראפט פאר גאנץ א״י, נאוואמייסקיס קאנצעסיע צו עקספלואטירן די מינעראלן פון ים המלח און אנדערע.

995. וואס פארא טיפן פון אידישע לאנדווירטשאפטן עקזיסטירן אין א״י?

—1) פריוואטע לאנדווירטשאפטן, וואס באנוצן זיך מיט אידישע אדער מיט אראבישע ארבעטער, ווי „פתח תקוה״; 2) קאאפעראטיווע („מושבי עובדים״), ווי „נהלל״, וואס זיינען געגרינדעט געווארן אויף די פאלגנדע פרינציפן: נאציאנאלער באדן (פון נאציאנאל־פאנד), אייגענע ארבעט (ניט קיין געדונגענע), קאאפעראטיווע קויף און פארקויף און קעגנזייטיגע הילף (ווען א מיטגליד ווערט קראנק, העלפן אים די אנדערע ארויס אין דער ארבעט), און 3) קאלעקטיווע (קאמוניסטישע קבוצות), ווי „עין חרוד״, וואו יעדער גיט דער ווירטשאפט לויט זיינע מעגליכקייטן און נעמט פון איר לויט זיינע באדערפענישן. ס׳זיינען שוין איצט פאראן אין א״י ארום 70 קאאפעראטיווע און קאלעקטיווע ווירטשאפטן.

996. וואס פאר א ראל שפילט די „הסתדרות העובדים״ (די ארגאניזאציע פון די אידישע ארבעטער אין א״י) אינ׳ם אויפבוי פון לאנד?

—זי האט שוין איבער 90 טויזנט מיטגלידער. און מיטן ארגאניזירן זיי העלפט זי זיי אויסקעמפן בעסערע לעבנס־באדינגונגען; זי העלפט אויך די אראבישע ארבעטער אויסקעמפן העכערע שכירות; זי העלפט איינארדנען די נייע חלוצים וואס קומען אין א״י; זי האט געגרינדעט אן ארבעטער באנק, וואס האט שוין אן אומזאץ פון 40 מיליאן דאל. א יאר; זי העלפט די ארבעטער זיך פארזיכערן פאר די פאלן פון קראנקהייט (זי האט איינגעארדנט שפיטאל אנשטאלטן אין אלע אידישע ארבעטס־פונקטן) און ארבעטסלאזיקייט; זי נעמט אן קאנטראקטן פון דער רעגירונג און פון פריוואטע אונטערנעמונגען, כדי צו שאפן ארבעט פאר אידן; זי העלפט גרינדן קאאפעראטיווע און קאלעקטיווע קאלאניעס; זי האלט אויס דערציאונגס־אנשטאלטן פאר קינדער פון אידישע ארבעטער און קורסן פאר דערוואקסענע; זי ארדנט איין ביבליאטעקן פאר די ארבעטער; זי גיט ארויס א טעגליכע צייטונג „דבר״, וואס האט זייער א גרויסע צאל אבאנענטן, און אנדערע צייטשריפטן, און זי פארטיידיקט די אינטערעסן פון די אידישע ארבעטער אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, אין אספת הנבחרים (די רעפרעזענטאטיווע קערפערשאפט פון אלע אידן אין א״י), אינ׳ם ועד

הלאומי (די עקזעקוטיווע פון אספת הנבחרים) און אין די „עיריות״ (שטאט פארוואלטונגען) פון א״י.

997. וואסערע אידישע קולטורעלע אינסטיטוציעס זיינען דא אין א״י?

— 1) קינדער גארטנס (גני ילדים) אין אלע שטעט און גרעסערע קאלאניעס; 2) עלעמענטארע שולן פון פארשיידענע טיפן, ווי די אלגעמיינע נאציאנאלע שולן, די „מזרחי״ שולן, אלטמאדישע תלמוד תורה׳ס, די שולן פון „אליאנס״, די דערציאונגס אנשטאלטן פון דער „הסתדרות״ („בתי חנוך לילדי עובדים״), וואס ווערן געפירט אויפ׳ן פרינציפ פון ארבעט, און אנדערע; 3) פאך־שולן און אגריקולטורעלע שולן; 4) מיטל־שולן פון אלגעמיינע ציוניסטן, פון „מזרחי״ און פון דער „הסתדרות העובדים״; 5) סעמינארן פאר לערער און קינדערגערטנערנס; 6) קונסט שולן פאר מוזיק, מאלעריי א.ד.ג.; 7) דער טעכניקום אין חיפה; 8) דער העברעאישער אוניווערסיטעט אין ירושלים; 9) דער כעמישער אינסטיטוט אין „רחובות״, אנגעפירט פון ד״ר. וויצמאן; 10) פארשיידענע ביבליאטעקן אין די שטעט און קאלאניעס; 11) „ועד הלשון״, צו פארשן די העברעאישע שפראך און שאפן די ווערטער פאר נייע באגריפן אין וויסנשאפט און אינדוסטריע; 12) פיר טעגליכע צייטונגען און פיל אנדערע פעריאדישע אויסגאבן; 13) קונסט טעאטערס, סימפאניע ארקעסטערס, אן אפערא און קינאס און 14) ביכער פארלאגן, ווי „דביר״, „מצפה״, „עינות״ און אנדערע.

998. ווי איז דער געזעלשאפטליך - קולטורעלער צושטאנד פון די אידן אין ארץ ישראל?

— אין קיין לאנד לעבן זיך די אידן ניט אויס אזוי אידיש־קולטורעל, ווי אין א״י. תל אביב, למשל, פארמאגט 110 דערציאונגס־אנשטאלטן, 45 פעריאדישע אויסגאבן, 7 פארלאגן, 50 דרוקערייען, 1 אפערא, 2 סימפאניע ארקעסטערס, 15 ביבליאטעקן און 300 פאראיינען. כמעט יעדן טאג גייט ארויס א נייע בוך אין א״י. די „הסתדרות״ האלט אויס א צאל געלערנטע, וואס פארן ארום איבער די ארבעטער קאלאניעס און האלטן דארטן לעקציעס. (אין אייניקע פלעצער ווערן געגעבן לעקציעס צו די ארבעטער אין זייער מיטאג־אפרו־צייט); זי האט אויך איינגעפירט וואנדערנדע ביבליאטעקן פאר אלע ארבעטער־פונקטן. די פארשיידענע ארבעטער קאלאניעס איבער׳ן לאנד ווערן אפט באזוכט פון טעאטער טרופן. די אידישע שבתים און ימים טובים ווערן אין קיין לאנד ניט געפייערט אזוי שיין, ווי אין א״י. שבת איז דער אפיציעלער רו־טאג אין א״י, און דער וואס האלט אפן זיין געשעפט אום שבת, ווערט געזעצליך באשטראפט. אין אייניקע ערטער קומען פאר שבת נאכמיטאג קולטורעלע פארזאמלונגע („ענג שבת״), אויף וועלכע עס ווערן געהאלטן לעקציעס און ס׳ווערן געזונגען נגונים און זמירות. די אידישע ימים טובים ווערן וואונדערליך שיין געפייערט אין א״י. שבועות, למשל, ווערן געבראכט מיט גרויס פאראד אין חיפה, ירושלים און תל אביב פון די אידישע קאלאניעס די ביכורים, די ערשטע פראדוקטן פון די אידישע קאלאניעס, פארן נאציאנאל־פאנד; פורים ווערט געפייערט אין תל אביב כמעט 3 טעג מיט א גרויסן

קארניוואל, חנוכה שפּאַצירן די קינדער פון די שולן מיט זייערע לערער קיין מודיעין, דעם וואוין־אָרט פון די ערשטע חשמונאים, חמשה עשר בשבט פייערן זיי מיט׳ן פלאַנצן ביימער, פסח ווערט געפייערט מערסטנס אין ירושלים און ל״ג בעמר אין מירון לעבן צפת.

999. מיט וואס אינטערשיידט זיך די אידישע שפּראַך אין א״י פון דער אידישער שפּראַך אין „חוץ לארץ״ ?

—אין א״י איז די הערשנדע אומגאַנגס־שפּראַך און די שפּראַך פון דער פּרעסע און ליטעראַטור — העברעאיש : דער גאַנצער אידישער יונגער דור רעדט נאָר העברעאיש און די מערסטע פון עלטערן דור לערנען זיך אויך אויס רעדן אויף דער דאָזיקער שפּראַך,—אין דער צייט, ווען אין ,חוץ לארץ׳ ריידן, לויט דר. א. רופּינען, ארום 6,800,000 (42%) אידיש, (אין יאָר 1900 האָבן גערעדט אידיש ארום 7 מיליאָן—60.6%), ארום 3,700,000 — ענגליש, און די איבעריקע — אין פאַרשיידענע אַנדערע שפּראַכן, און די אידישע פּרעסע און ליטעראַטור זיינען מערסטנס אין אידיש און טיילווייז אויך אין אַנדערע שפּראַכן, באַזונדערס אין ענגליש.

---

6.

# אַלגעמיינע אויספירונגען

1000. וואס איז דער אַלגעמיינער צושטאַנד פון די אידן איבער דער וועלט ?

—הגם ס׳זיינען נאָך פאַראַן אייניקע לענדער, וואו די אידן האָבן נאָך ניט אפילו קיין גלייכע בירגער־רעכט, ווי דייטשלאַנד, פּערסיע אפגאַניסטאַן, תימן, מאַראָקאָ און א צאָל אַנדערע מאַכמעדאַנישע לענדער, און די אידן דאַרפן דאָרטן אנקומען צו דער פּראָטעקציע פון די אייראָפּעאישע ציוויליזירטע רעגירונגען,—האָבן אָבער די אידן אין אַלע איבעריקע לענדער פון דער וועלט אָפיציעל גלייכע בירגער־רעכט. זיי ליידן אָבער עקאָנאָמיש אין אַלע לענדער (א חוץ סאָוועט רוסלאַנד און א״י) מער ווי די אַנדערע פעלקער. אין אייניקע לענדער, ווי רומעניע, ליטע און לאַטוויע, ווערט די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אידן וואס ווייטער, אַלץ מער ענליך צו דער אידישער לאַגע אין פּוילן. די רעגירונגען פון יענע לענדער גיבן ארוים אַזעלכע געזעצן, וואָס מאַכן שווערער די אידישע לאַגע, און קיין מלוכה שטעלעס קריגן דאָרטן די אידן ניט. אפילו אין די לענדער, וואו די רעגירונגען זיינען טאָלעראַנט צו די אידן, ווי פראַנקרייך, ענגלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע, די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, ליידן די אידן עקאָנאָמיש מער, ווי די אַנדערע פעלקער איבער דעם, וואָס זיי האָבן ניט קיין נאָרמאַלע עקאָנאָמישע סטרוקטור, ווי ס׳איז שוין אויבן דערמאָנט (זע פראַגע 964). אידישע פאַרמערס זיינען פאַראַן זייער ווייניק אין פּראָפּאָרציע צו דער אידישער באַפעלקערונג. כמעט אַלע אידן אין די דאָזיקע לענדער זיינען אָדער אַרבעטער, אָדער קליין־הענדלער. און די אידישע אַרבעטער ווערן וואָס ווייטער, אַלץ מער דיסקרימינירט, און די אידישע הענדלער און קליינע פאַבריקאַנטן ווערן ארויסגעשטופּט דורך די טראַסטן און „טשיין סטאָרס״

(גרויסע קראַמען, וואָס האָבן פיל אָפּטיילונגען אין פאַרשיידענע גאַסן און אין פאַרשיידענע שטעט). די נאַציאָנאַלע אידישע לעבנס־פאָרמען ווערן אין אַלע לענדער פון „חוץ לארץ" וואָס ווייטער, אַלץ מער מטושטש, ווייל דער כוח פון רעליגיע ווערט, ווי אויבן געזאָגט, אַלץ שוואַכער, און די אידישע שפּראַך ווערט וואָס ווייטער, אַלץ ווייניקער גערעדט צווישן די אידן. דער יונגער אידישער דור רעדט כמעט אין אַלע לענדער אויף דער לאַנד שפּראַך.

ווי מיר זעען, איז סיי דער גוף, סיי די נשמה פון דעם אידישן פאָלק, ניט געזונט אין אַלע לענדער פון „חוץ לארץ". דער איינציקער ליכטיקער פונקט אין דעם אידישן לעבן איז ארץ ישראל, וואו ס'ווערט געשאַפן אַ פולשטענדיק אידיש־נאַציאָנאַל לעבן, און וואו ס'ווערן אַלץ מער געשאַפן אַזעלכע פאָרמען פון סאָציאַלן לעבן, וואָס קענען זיין אַ מוסטער פאַר דער גאַנצער וועלט מיט זייער פאַרווירקליכן די העכסטע אידעאַלן פון דער פּראָגרעסיווער מענשהייט, די אידעאַלן פון פערזענליכער פרייהייט, עקאָנאָמישער גלייכהייט, סאָציאַלן יושר, ברידערליכן צוזאַמענלעבן און קולטורעלער רייכקייט.

און קוקנדיק מיט פרייד און האָפענונג אויף אַט דעם נייעם לעבן פון די אידן אין א"י, קריגט דער גרעסטער טייל פונ'ם אידישן פאָלק איבער דער גאַנצער וועלט מוט און באַגייסטערונג אָנצוהאַלטן דעם קיום פון דעם אידישן פאָלק און אַנטוויקלען זיין קולטור אין אַלע לענדער. און אַזוי ווערט די אידישע געשיכטע פאַרגעזעצט.

# אינהאַלט:

זייטל

הקדמה — 3

## ערשטער טייל: די אידן אין די מזרח-לענדער

קאַפּיטל

א. פון דער אוראַלטער צייט ביז דער גרינדונג פון דער אידישער מלוכה 6

ב. די פאַראייניקטע אידישע מלוכה (1030—930 פאַר דער אלגעמיינער צייטרעכענונג) — 7

ג. מלכות ישראל (930—720) — 8

ד. מלכות יהודה (930—586) — 10

ה. דער לעבנס שטייגער פון די אידן ביז גלות בבל — 13

ו. גלות בבל (586—536) — 14

ז. יהודה אונטער דער פּערסישער הערשאַפט (536—332) — 15

ח. דער תנ"ך — 17

ט. יהודה אונטער דער גריכישער הערשאַפט (332—140) — 19

י. די צייט פון דער פרייער חשמונאים מלוכה (140—63) — 22

יא. יהודה אונטער דער רוימישער הערשאַפט (פון 63 פאַר דער אלג. צ. ביז 70 נאָך דער אלג. צ.) — 26

יב. דאָס לעבן פון די אידן אין דער צייט פון דער רוימישער הערשאַפט ביז'ן אונטערגאַנג פונ'ם אידישן צענטער אין א"י. — 30

יג. דער אידישער צענטער אין בבל — 34

יד. דאָס אידישע לעבן אין דער תלמוד'ישער צייט — 36

טו. אידן אונטער דער אַראַבישער הערשאַפט — 37

## צווייטער טייל: די אידן אין די מערב לענדער

טז. דער אָנהויב פון דער אידישער איינוואַנדערונג אין אייראָפּע — 41

יז. אידן אין פראַנקרייך, דייטשלאַנד און איטאַליע פון דעם אַכטן ביז'ן עלפטן יאָרהונדערט — 43

יח. די אידן אין דער אַראַבישער שפּאַניע (950—1200) — 45

יט. די קרייץ-צוגן אין אייראָפּע (1096—1189) — 46

כ. די אידן אין פראַנקרייך און אין ענגלאַנד פון נאָך די קרייץ-צוגן ביז צום גרויש (1189—1394) — 49

כא. די אידן אין דער קריסטליכער שפּאַניע אין 13-טן י"ה — 51

כב. דער קאַמף איבער דעם רמב"מ'ס ביכער און די פאַרשפּרייטונג פון דער קבלה (1230—1390) — 52

כג. די שלעכטע צייט פאַר די אידן אין שפּאַניע (1390—1498) — 54

כד. די אידן אין דייטשלאַנד פון 12-טן ביז'ן 15-טן י"ה — 57

כה. די ערשטע אידישע ישובים אין פּוילן (1264—1563) — 59

כו. דער אידישער לעבנסשטייגער אין מיטלאַלטער — 61

כז. די ספרדים נאָך זייער גרויש פון שפּאַניע (1492—1677) — 62

כח. די משיח'ישע באַוועגונג פון שבתי צבי (1648-1675) — 66

כט. די אידן אין פּוילן פונ'ם 16-טן ביז'ן 19-טן י"ה — 68

ל. די אידן אין דייטשלאַנד פונ'ם 16-טן ביז'ן 19-טן י"ה — 75

לא. די גלייכבאַרעכטיקונג פון די אידן נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע (1791—1848) — 78

לב. די צווייטע עמאַנסיפּאַציע פון די אידן אין מערב אייראָפּע (1848—1879) — 81

לג. די אידן אין רוסלאַנד (1772—1880) — 84

לד. די פאַרשטאַרקונג פונ'ם אנטיסעמיטיזם אין אייראָפּע (1881-1903) 87

לה. די אידישע אימיגראַציע קיין אַמעריקע (1800—1914) — 89

לו. די נאַציאָנאַלע באַוועגונג (1881—1914) — 90

לז. די סאָציאַליסטישע באַוועגונג (1881—1914) — 94

לח. די אידן אין דער צייט פון דער וועלט מלחמה (1914—1918) — 96

לט. די אידן נאָכ'ן וועלט-קריג (1918—1935) — 97

## מ דאָס אידישע פאָלק אין אונזער צייט

1. אַלגעמיינע באַמערקונגען — 101

2. די אידן אין אַמעריקע — 105

3. די אידן אין פּוילן — 109

4. די אידן אין ראַטן-פאַרבאַנד — 111

5. די אידן אין ארץ ישראל — 112

6. אַלגעמיינע אויספירונגען — 117